STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03076

BOLESLAV BYERUT

Jozef Kowalczyk

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך!

איבערגעזעצט פון דער אויסגאַבע, וועלכע איז אַרויס-
געגעבן געוואָרן דורך דער אָפּטײלונג פאַר געשיכטע פון
דער פּאַרטיי בײם צ. ק. פּזפּר.

באָלעסלאַוו
ביערוט

זיין לעבן און טעטיקייט

באַאַרבעט:
יוזעף קאָוואַלטשיק

פאַרלאַג „יידיש בוך" ווארשע 1952

BOLESŁAW BIERUT

ŻYCIE I DZIAŁALNOŚĆ

Przekład z polskiego: D. Sfard

איבערזעצונג פון פויליש: ד. ספארד

Printed in Poland

Wydawnictwo „IDISZ BUCH" Warszawa 1952 r.

Nr. zam. 512 Nakład 5.500 egz. Druk. ukończono w październiku Ark. druk 11,12
ark. wydaw. 8,5 papier dziełowy bezdrzewny 61x86 V kl.
Druk. R S.W. „Prasa" W-wa, ul. Tarczyńska 8 3-B-52005

I

אַ האַלב דאָרפישע גאַס אויף דער פאָרשטאָט, אין דער טיף — אַן איינשטאָקיק הייזל, אויפן שטאָק — גרויסע וווינונגען פאַר פאַרמעגלעכע, אין סוטערינע — פינצטערע נאָרעס פאָרן „המון״. הינטערן הויז אַ גאָרטן, אויפן הויף אַ באַלעבאַטישקייט.

אין דער סוטערינע פון אָט אַזאַ וווינונג אויף דער באָניפראַטאָק־גאַס (איצט סיעראָצאַ־גאַס) אין לובלין, האָט זיך אַריינגעצויגן אין יאָר 1893 וואַציעך ביערוט מיט זיין גרויסער משפּחה און אָרעם פאַרמעגן, וואָס איז אים איבערגעבליבן נאָך דעם אומגליק פון אַ פאַרפלייצונג.

דאָס איז געווען די שרעקלעכסטע צייט אין לעבן פון וואָציעך ביערוט, זינט ער האָט צוזאַמען מיט זיין יינגער פרוי מאַריאַננע פאַרלאָזט דאָס אייגענע דאָרף הינטער טאַרנאָבזשעג אין גאַליציע, כדי צו זוכן אַ בעסער מזל אין לובלינער געגנט. נאָך לאַנגע יאָרן שווערער אַרבעט, איז דער פאַמיליע געבליבן בלויז דאָס, וואָס מען האָט באַוויזן אַפּצוראַטעווען פון די צעווילדעוועטע כוואַליעס פון דער ווייסל, וועלכע, בייטנדיק פלוצים די ריכטונג, האָט איינגעשלונגען דאָס הויז און די ווירטשאַפט אין יוזעפאָוו. וואָציעך ביערוט איז געווען געצוווּנגען צו טיילן דעם גורל פון צענדליקער טויזנטער וויינִיק־ערדיקע פויערים, וועלכע האָבן אין יענער צייט אומאויפהערלעך געשטראָמט אין די שטעט און אינדוסטרי־צענטרען אין גייעג נאָך אַרבעט.

דאָס זענען געווען שטורמישע יאָרן אין פוילן אין יעדער הינזיכט. אין משך פון איניקע יאָרצענדליק איז דאָ פאָרגעקומען אַן

אמתער שפּרונג אין דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם. דאָס באַ־פרייען די פּויערים פון לייב־אייגנטום, וואָס דער צאַרישער אָקופּאַנט האָט דורכגעפירט נאָך דעם יאַנואַר־אויפשטאַנד אין יאָר 1863, דער פאַנאַנדערבוי פון דער באַן־נעץ אין דער גאַנצער מלוכה און דאָס אָפּשאַפן דעם גרענעץ־אָפּצאָל צווישן דעם קעניגרייך פּוילן און צאַרישן רוסלאַנד, וואָס איז נאָך פריער דורכגעפירט געוואָרן, אין יאָר 1850 — דאָס אַלץ האָט געשאַפן גינסטיקע באַדינגונגען פאַר אַ שנעלער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטרי. די מחנות אָרעמע פּויערים, רואינירטע דורך דער צאַרישער רעפאָרם, האָבן צוגעשטעלט פאַר די אויפקומענדיקע פאַבריקן, קוילנגרובן און הוטעס ביליקע אַרבעטס־קראַפט. די פּראָדוצירטע סחורות האָבן געפונען אַן אַלץ ברייטערן אָפּנעם־מאַרק סיי אין פּוילישן דאָרף צווישן דעם קולאַקנטום, וואָס איז רייך געוואָרן אַדאַנק דער צאַרישער ערד־רעפאָרם, סיי אין דער גאַנצער ריזיקער אימפּעריע.

די דאָזיקע גינסטיקע באַדינגונגען האָבן ווי אַ מאַגנעט צוגעצויגן צו דער פּוילישער אינדוסטריע דייטשישע, פראַנצויזישע און ענגלישע קאַפּיטאַליסטן. צוזאַמען מיט דער פּוילישער בורזשואַזיע האָבן זיי די זיבעטע הויט געשונדן פון פּוילישן אַרבעטער, צווינגענדיק אים צו קאַטאַרזשנער אַרבעט.

די העכערע שיכטן פון דער פּוילישער בורזשואַזיע, וועלכע זענען געווען פאַרנומען מיט מאַכן פאַרמעגנס אויפן חשבון פון דעם בלוט און שווייס פון אַרבעטנדיקן פּוילן, האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע פרייהייט־שטרעבונגען, פאַרוואַנדלענדיק זיך אין אַ לאָיאַלער אונטערשטיצונג פון צאַרישן טראָן.

פאַר יעדן פרווו אויסצוקעמפן מער מענטשלעכע באַדינגונגען פון עקזיסטענץ, פאַר יעדן פּראָטעסט קעגן דער אַלץ וואַקסנדיקער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג — אַ קויל, תפיסה און סיביר. די רעכט אויף אומבאַגרענעצטע אויסנוצונג און אונטערדריקונג איז פלייסיק אָפּגעהיט געוואָרן דורך די צאַרישע זשאַנדאַרמען.

אויף פראַצע אויף שווערע פאַרמשפּט און נויט
אייך רייכטימער ריזיקע זאַמלט דאָס פאָלק,
נאָר סיזאָל נישט פאַרשטיין — זענען תפיסות און קייטן פאַרגרייט,
ווייל די שרעק, ווייל די שרעק, ווייל די שרעק אייך דערדריקט!

די דאַזיקע סטראָפּקע איז אַרויסגענומען פון אַ באַקאַנט ליד, וואָס איז אַנטשטאַנען אין די לעצטע יאָר־צענדליק פון 19־טן יאָר־הונדערט, ווי אַ בולטע באַשטעטיקונג פון דער אומבאַגרענעצטער פּיין פון אַרבעטנדיקן פאָלק, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ דאָפּלטן קלעם פון אונטערדריקונג: סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן.

אָבער גלייכצייטיק האָט דער זעלבער פּראָצעס פון קאַפּיטאַ־ליסטישער אַנטוויקלונג פאַרמערט די אַרבעטער־רייען, קאָנצענ־טרירט זיי אין די אַלץ גרעסערע אַרבעטס־וואַרשטאַטן, באַהאַפטן צום קאַמף. דאָס האָט פאַרלייכטערט — נישט געקוקט אויף דעם טעראָר פון די הורקים, אַפּוכטינס און אַנדערע צאַרישע משרתים—די אָרגאַניזירונג פון דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג און די פאַר־שטאַרקונג פון איר קעמפערישקייט. דער פלאַם פון אומברחמנות־דיקן באַפרייונגס־קאַמף, וועלכן עס האָט אָנגעצונדן דער ערשטער „פּראָלעטאַריאַט" אונטער דער אָנפירונג פון לודוויק וואַרינסקי, וועט פון איצט אָן אַלץ העלער באַלייכטן דעם וועג פון אַרבעטנדיקן פאָלק. נאָכן צעגראַמירן דעם „פּראָלעטאַריאַט" האָט די רויטע פאָן, וועלכע איז שוין געווען דורכגעווייקט פון דעם בלוט פון פאָלק, איי־בערגענומען דער „פאַרבאַנד פון פּוילישע אַרבעטער", וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן דורך יוליאַן מאַרכלעווסקי, און שפּעטער — „די סאָציאַלדעמאָקראַטיע פון קעניגרייך פּוילן און ליטע", אונטער דער אָנפירערשאַפט פון פעליקס דזיערזשינסקי, יוליאַן מאַרכלעווסקי און ראָזאַ לוקסעמבורג.

אויף דעם וועג פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס באַווייזט זיך גלייכצייטיק די נאַציאָנאַליסטישע און אָפּאָרטוניסטישע פּפּס. עס אַנטשטייט די געפאַר פון אַרויפשטויסן די רעוואָלוציאָ־נערע באַוועגונג אויף נישט קיין געהעריקע וועגן, פון פאַרנאַכלע־סיקן דעם באַפרייונגס־קאַמף. די פּדקפּל שטעלט זיך אַנטקעגן מיט אַלע כוחות דער דאָזיקער געפאַר. אין קאַמף מיטן צאַריזם און קאַפּי־טאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, אין קאַמף מיטן פּפּעסישן נאַציאָנאַ־ליזם און אָפּאָרטוניזם ווערט שטאַרק און באַקומט אַלץ מער פאַר־נעם די באַפרייונגס־באַוועגונג פון פּוילישן אַרבעטער־קלאַס.

אין אַ האַלב־יאָרהונדערט שפּעטער, אָפּשאַצנדיק דעם דאָזיקן וויכטיקן פּעריאָד אין דער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין פּוילן, וועט אויף דעם קאָנגרעס פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי אין יאָר 1948 זאָגן באָלעסלאַוו

ביערוט, אַז די סדקפּל, אומאָפּהענגיק פון אירע פעלערן, „האָט אָנגעבונדן צו די בעסטע טראַדיציעס פון אירע פאָרגייער, האָט אַנטוויקלט זייערע פּאָזיטיווע זייטן און באַוואָפנט דעם אַרבעטער-קלאַס פון קאָנגרעס-פוילן מיט אַ פּראָגראַם, וועלכער האָט זיך באַזירט אויף די יסודות פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, אויפהייבנדיק אַזוי אַרום דעם קלאַסן-קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט אויף אַ העכערן ניוואָ... די סדקפּל האָט דערצויגן די אַרבעטער-מאַסן פון פוילן אין גייסט פון ענגסטן בונד מיט דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, דעם נאָענטסטן קאַמפּס-חבר פון דער פוילישער באַוועגונג".

אין יענער צייט איז באַלעסלאַוו, דער יינגסטער זון פון וואַציעד ביערוט, קוים אַלט געווען עטלעכע יאָר. געבוירן דעם 18-טן אַפּריל 1892 — אין באַרימטן יאָר פון אַלגעמיינעם שטרייק אין לאָדזש, וועלכער איז באַקאַנט אונטערן נאָמען: בונט פון לאָדזשער אַרבעטער — איז ער נאָכן איבערקלייבן זיך פון די עלטערן קיין לובלין, געוואַקסן און רייף געוואָרן אין דער פייכטער סוטערינע, באַקענענדיק זיך שוין פון די יינגסטע יאָרן מיט דער גאַנצער ביטערקייט פון גורל פון אַ פּראָלעטאַריש קינד. אין דער גרויסער משפחה פון אַ רואינירטן פויער האָט זיך געפונען גענוג אַרבעט פאַר דעם קליינעם באַלעסלאַוו. צוזאַמען מיט זיין שוועסטער אַנטאָשיען, וועלכע איז עלטער געווען פון אים מיט עטלעכע יאָר, האָט ער געפּאַשעט די קו, וועלכע איז אַרוים גאַנץ פון דער פאַרלייצונג, און געטראָגן וואַסער פון אַ ברונעם, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ האַלבן קילאָמעטער די ווייט. אינגיכן האָט ער זיך אין דעם וואַסער-טראָגן אַזוי איינגעאיבט, אַז פאַר אַ קליינע אָפּצאָלונג האָט ער אויך אָנגעהויבן באַזאָרגן מיט וואַסער די שכנים. ווען ער האָט צו זעקס יאָר שוין געקענט אַדאַנק דעם פאָטער דעם אלף-בית, האָט ער גלייך די זעלבע קענטשאַפט איבערגעגעבן די שכנישע קינדער. גרייט יעדן צו העלפן, האָט ער אין דער ערשטער ריי געהאָלפן זיין מוטער — אַ פרוי אַ שטילע און פאַרהאָרוועטע פון באַגין ביז שפּעט אין אָוונט — אין אויספירן אַלע שטוביקע אַרבעטן.

מאַריאַננע ביערוט, ווי יעדע פילנדיקע מוטער, האָט באַגערט דאָס גליק פון איר געליבט קינד, פאַרשטעלנדיק זיך דאָס דאָזיקע גליק אויף איר אופן. זעענדיק די פאַרליבטקייט פון יונגן זון אין ביכער און אין בילדונג, האָט זי פאַרקלערט אויסצוקלייבן פאַר אים דעם וועג — וועלכער האָט זיך איר אויסגעדוכט אַלס דער בעסטער



עס זיצן — די עלטערן פון באָלעסלאַוו ביערוט;
עס שטייען — דער יונגער באָלעסלאַוו און זיין ברודער אנדזשעי.
די פאָטאָגראַפיע איז פון יאָר 1905

— פון אַ קסיאָנדז, אָדער וויניקסטנס כאָטש פון אַן אָרגאַניסט. פאַר דער דאָזיקער לערע האָט מען באַדאַרפט היפּש צאָלן. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אומדערגרייכבאַר פאַר אַ פאַמיליע, וועלכע האָט זיך טאָג־אײַן טאָג־אויס געראַנגלט מיט אומצאָליקע שוועריקייטן ביים באַקומען די באַשיידנסטע מיטלען פון עקזיסטענץ. מיט וויטיק אין האַרץ האָט די מוטער געמוזט רעזיגנירן פון איר דאָזיקן פּלאַן.

אינצווישן איז באַלעסלאַוו אַריין אין שול־עלטער. אָבער דאָס אָפּגעבן אים אין שול איז אין די דעמאָלטיקע באַדינגונגען נישט געווען קיין פּשוטע זאַך. אמת, דאָס יינגל האָט שוין געקענט נישט שלעכט לייענען און שרייבן פּויליש, אָבער דאָס האָט צומוויניקסטן געגוגנט אויף אָנגענומען צו ווערן אין שול. די שולן זענען געווען רוסישע — קיין פּוילישע שולן האָט דעמאָלט נישט פאַרמאָגט נישט לובלין, נישט וועלכע ס'איז אַנדערע שטאָט אין פּוילן אונטער דער צאַרישער אָקופּאַציע. מיט אַ באַזונדערער קראַפט האָט דער צאַריזם פאַרצויגן דעם שטריק אַרום דעם געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן פון קרוין־פּוילן אין די יאָרן פון נאָך דער מפּלה פון יאַנואַר־אויפשטאַנד. אין יאָר 1866 גייט אַרויס דאָס געזעץ וועגן אויסברייטערן די מאַכט פון צאַרישן גובערנאַטאָר. אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער ווערן די פּאָסט און קאָמוניקאַציע אין קעניגרייך פּוילן אונטערגעאָרדנט דירעקט די צאַרישע מיניסטערס. עס גייען פאַריבער נאָך עטלעכע יאָר און די רוסישע שפּראַך ווערט די אַמטלעכע שפּראַך אין דער גאַנצער לאַנד־אַדמיניסטראַציע. עס ווערט שטופנוויז באַגרענעצט די פּוילישע שפּראַך אין שול־וועזן ביז ענדלעך זי ווערט אין יאָר 1871 אינגאַנצן באַזייטיקט אַלס לערן־שפּראַך פון די מיטעלע שולן. אין יאָר 1875, טרעפט דער זעלבער גורל די גרונט־שול. אַפילו דער לימוד פון דער פּוילישער שפּראַך איז אין די שולן געפירט געוואָרן אויף רוסיש.

באַלעסלאַוו האָט נישט געקענט די רוסישע שפּראַך. איבעריקנס האָט זי דעמאָלט נישט געקענט קיינער אין דער פאַמיליע, וועלכע האָט געשטאַמט פון דעם עסטרייכישן אָקופּאַציע־געביט. אין שול איז ער אָנגענומען געוואָרן ערשט נאָך דעם, ווי ער האָט זיך צוגעלערנט רוסיש. ווי אַלע פּוילישע קינדער, האָט ער שטאַרק איבערגעלעבט דאָס צונעמען ביי אים די מעגלעכקייט פון בילדן זיך אין דער מוטער־שפּראַך. אין באַוווסטזיין פון באַלעסלאַוון איז געוואַקסן דאָס געפיל פון דאָפּלטן אומרעכט — פון דער סאָציאַלער נויט, וועלכע

האָט אים באַגלייט פון די ערשטע קינדער־יאָרן, ווי אויך פון דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג מצד די צאַרישע סאַטראַפּן.

אין שול האָט באָלעסלאַוו געלערנט ביי אַ פינף יאָר, טיילנדיק די צייט צווישן בילדונג און הילף דער פאַמיליע, וואָס איר באַדינגונגען פון עקזיסטענץ האָבן זיך אַלץ פאַרערגערט. אין דער צייט פון דער שול־בילדונג, האָבן די שילער ספּעציעל געליטן פון די פּרוּסישע שטראָפן, וועלכע זענען אָפט געפאַלן אויך אויף באָלעסלאַוון פאַר דער מינדסטער פאַרשולדיקונג. אין שטוב האָט די פאַמיליע געפירט אַ האַלב־הונגעריקע עקזיסטענץ. די הויפּט־פרייד פון יינגל זענען געווען די שפּילן מיט די חברים און שכנישע קינדער אין די פרייע מינוטן פון שול און שטוב.

די שטורמישע געשעענישן פון יענע יאָרן האָבן דאָך געוועקט אַלץ מער פאַראינטערעסירונג ביי די קינדער. עס איז געווען די צייט פון רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג אין דער צאַרישער מלוכה, די צייט ערב דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905.

אין יאָר 1904, האָט זיך אויפן ווייטן מזרח אָנגעהויבן די מלחמה צווישן יאַפּאַן און רוסלאַנד. די מלחמה איז געווען אויף דער האַנט פון דער צאַרישער רעגירונג. די צאַרישע רעגירונג האָט גערעכנט, אַז אַזוי אַרום וועט זיך איר איינגעבן אָפּצושוואַכן דעם קאַמף פון די אַרבעטער, פּויערים און אונטערדריקטע פעלקער פאַר פרייהייט, איינהאַלטן דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציע. ס'איז אָבער געשען אַנדערש. די מפּלה פון צאַריזם אין דער דאָזיקער מלחמה האָט דערפירט, ווי דאָס האָבן פאָרויסגעזען און באַגערט די באָלשעוויקעס, אונטער דער אָנפירונג פון לענינען און סטאַלינען, צו דער פאַרשטאַרקונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין גאַנצן לאַנד. די ברייטע כוואַליע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט אַרומגענומען אויך די פּוילישע ערד, וועלכע האָט זיך געפונען אונטער דעם יאָך פון די צאַרישע אָקופּאַנטן. מיט דער דאָזיקער באַוועגונג האָט אָנגעפירט די העלדישע „סאָציאַלדעמאָקראַטיע פון קעניגרייך פּוילן און ליטע", וועלכע האָט דערצויגן דאָס פּוילישע אַרבעטער־פאָלק אין גייסט פון ענגער קאַמפּס־ברידערלעכקייט מיט די רוסישע אַרבעטנדיקע מאַסן און אומברחמנותדיק באַקעמפט דעם נאַציאָנאַליזם, וועלכער איז אַזוי געפערלעך פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג. די סדקפּאַל, האָט געזאָגט ביערוט אויף דעם קאָנגרעס פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי, „ארויסרוקנדיק אין אוי־

בנאָן די נויטווענדיקייט פון אומוואַרפן די הערשאַפט פון די אָקופּירנדיקע גרויסמאַכטן, און אין דער ערשטער ריי פון צאַריזם, אין בינד מיט די רעוואָלוציאָנערע כוחות פון רוסלאַנד, איז געווען — נישט געקוקט אויף איר פּעלערהאַפטער שטעלונג אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע — דער איינציקער כוח אין פּוילן, וועלכע האָט ריכטיק דעם וועג פון באַפרייונג פון פּוילישן פאָלק פאַראייניקט אומצערייסבאַר מיט דעם זיג פון דער רעוואָלוציע און מיט דעם בונד מיט דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג".

אין יאָר 1904, ווען אין דער צאַרישער מלוכה זענען שוין שטאַרק אָנגעוואַקסן די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן, האָט דער צוועלף־יאָריקער ביערוט נאָך נישט געקענט זיך אָפּגעבן קיין רעכענונג פון די קאָמפּליצירטע פראַגן פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף. דאָך איז ער מיט זיין גאַנצן הייסן האַרץ, וואָס איז געווען פילנד אויף מענטשלעכע עוולות, געווען אויף דער זייט פון די, וועלכע האָבן געפּריידיקט די לאָזונגען פון פרייהייט. אין דער אומלעגאַלער באַוועגונג האָט אָנטיילגענומען זיין עלטערער ברודער, אַנדזשעי, אַ פאַבריקס־אַרבעטער. אינגיכן האָט אויך זיין שוועסטער אַנטאָשיאַ זיך דורכגענומען מיט די אידעען פון סאָציאַליזם. פלייסיק האָט נאָכגעפאָלגט די פּאָליטישע געשעענישן דער פאָטער, לייענדיק כסדר די פּרעסע און אומלעגאַלע אויסגאַבן. אין דער סוטערינע האָבן זיך אָלץ אָפטער אָנגעהויבן באַווייזן פלוגבלעטלעך, בראָשורן און טעקסטן פון רעוואָלוציאָנערע לידער. באָלעסלאַוו האָט שטילערהייט אַרויסגעטראָגן די אויפרופן פון שטוב און זיי פאַרגעלייענט פאַר זיינע חברים, געזונגען מיט זיי רעוואָלוציאָנערע לידער. דאָס האָט זיך אויף לאַנג איינגעקריצט אין זיין יונגן אויפנעמענדיקן מוח, סטימולירט צו אַרבעט אין נאָמען פון אמת און פרייהייט.

ס'איז אָנגעקומען דאָס יאָר 1905. אָנהייבנדיק פון „בלוטיקן זונטיק" פון חודש יאַנואַר אין פּעטערבורג, זענען ווי אַ לאַווע אָנגעוואַקסן פון חודש צו חודש די שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס און צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי. די רעוואָלוציע אונטער דער אָנפירונג פון די באָלשעוויקעס איז געוואָרן אַלץ מעכטיקער אין שטאָט און אויף דעם דאָרף, ברעכנדיק דעם טעראָר פון די צאַרישע זשאַנדאַרמען און אַריינציענדיק אַלץ ברייטערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג צום קאַמף מיט דער זעלבסטהערשאַפט פאַר פרייהייט, פאַר דעמאָקראַטישע רעכט.

די פוילישע ארבעטער זענען געגאנגען אין די ערשטע רייען פון דער רעוואלוציע. זיי האבן זיך אפגעגעבן א רעכענונג, אז דער גורל פון פוילישן פאלק איז פארבונדן מיטן גורל פון די רוסישע ארבעטנדיקע מאסן, וועלכע זענען פארקאוועט אין די זעלבע קייטן פון צאריזם און דעספאטיזם. „דער כבוד פון פוילישן ארבעטער פאדערט — האט דעמלט געשריבן ראזא לוקסעמבורג — אז אין דעם דאזיקן קאמף, וועלכער וועט געבן א טויט-קלאפ דער פעסטונג פון דעספאטיזם און דערנענטערן אין א גרויסער מאס די סאציאליסטישע באפרייונג, זאל אויך ער שטיין אין דער פאדערשטער ריי. פוילישע פראלעטאריער, אייער ארט איז לעבן די טויזנטער מאסן רוסישע ברידער, וועלכע פירן א קאמף מיטן צאריזם, אײַלט אויף די באריקאדן". די דאזיקע פלאמיקע שטים האט געפונען אן עכא אין דער אלץ-שטייגנדיקער רעוואלוציאנערער באוועגונג אין ווארשע, לאדזש, שלעזיע, לובלין.

אויף איינער פון די ארבעטער-מיטינגען אין לובלין, האט דער דרייצניעריקער ביערוט צום ערשטן מאל דערהערט דעם נאמען פון ראזא לוקסעמבורג. די געשטאלט פון דער גרויסער פוילישער רעוואלוציאנערין האט פון דעמלט אן שטענדיק געוועקט אין אים — ווי ער זאגט עס אליין נאך פיל, פיל יארן — „א באזונדערע ארט באוואונדערונג און סענטימענט".

די רעוואלוציאנערע געשעענישן פון יאר 1905 האבן אלץ מער צוגעשמידט די אויפמערקזאמקייט פון פילבארן יינגל. און געווען זענען דאס צייטן פון גרויסע, נישט געוויינלעכע געשעענישן. דאס אורבעטנדיקע לובלין האט זיך אײַנגעשלאסן פולשטענדיק אין שנעלן שטראם פון רעוואלוציאנערן קאמף. נאך ווארשע, לאדזש, שלעזיע, טשענסטאכאוו און ראדאם, איז לובלין געווען דער זעקסטער לויט דער ריי וויכטיקער אינדוסטרי-צענטער אין פוילן. נאענט פון דעם ארט, ווו עס האבן געוווינט די ביערוטס, האט זיך געפונען די וואגנפאבריק פון העסן. אויף דעם צווייטן עק שטאט האט זיך געפונען וואלסקיס מאשינען-פאבריק. אויסער דעם, האט לובלין דעמלט פארמאגט קעסל-ווארשטאטן, צוויי גארבארניעס, בראווארן און א גאנצע ריי קלענערע ארבעטס-ווארשטאטן.

שוין אין יאנואר 1905, האט דער לובלינער פראלעטאריאט פארשטרייקט אלס פראטעסט קעגן דער בלוטיקער שחיטה פאר דעם צארישן פאלאץ אין פעטערסבורג. דער אלגעמיינער שטרייק האט

געדויערט זעקס טעג — נישט געקוקט אויף דעם קעגנשטעלן זיך פון לובלינער ביסקופ און די רדיפות פון דער איבערגעשראָקענער בורזשואַזיע. אָנהייבנדיק פון דער ערשטמאָיקער דעמאָנסטראַציע, איז אין לובלין כמעט קיין איין חודש נישט פאַריבער אָן אן אַלגעמיינעם שטרייק. אין יוני — אַן אַלגעמיינער שטרייק אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם באַריקאַדן־קאַמף אין לאָדזש, אין יולי — אַלס צייכן פון פּראָטעסט קעגן דעם אומברענגען פון אָקזשייען, אין אויגוסט — אַלס ענטפער אויף דער מעלדונג, אַז עס וועט צונויפגערופן ווערן די שווינדלערישע בוליגינישע דומע, אין סעפּטעמבער — אַלס סאָלידאַריטעט־אויסדרוק מיט דעם אַלגעמיינעם שטרייק אין גאַנצן לאַנד, אין נאָוועמבער — קעגן די רציחות לגבי די וואַרשעווער אַרבעטער, אין דעצעמבער — אַלס אויסדרוק פון סאָלידאַריטעט מיט דעם אויפשטאַנד אין מאָסקווע און מיט דעם אַלגעמיינעם שטרייק אין לאַנד.

אָנהייבנדיק פון פעברואַר, זענען אין לובלינער געגנט אויסגעבראָכן שטרייקן פון ערד־אַרבעטער און עס זענען פאָרגעקומען באַזונדערע ארויסטריטן פון פויערים. די סדקפּל ווענדעט זיך אין אירע אויפרופן צו די ערד־אַרבעטער און פויערים און דערמוטיקט זיי צום קאַמף. „דאָ איז נויטיק אַ מאַניפעסט צו די פויערים — האָט געשריבן צו די פּאַרטייאישע אינסטאַנצן פעליקס דזיערזשינסקי, וועלכער האָט אין יאָר 1905 אָנגעפירט מיט דער סדקפּל אין לאַנד — דאָס וואָלט געווען אַן אַקציע, וועלכע וואָלט צוגעצויגן צו אונדז גאַנצע מחנות”. צום באַדויערן האָט די פויערים־באַוועגונג זיך נישט אַנטוויקלט אין קעניגרייך פּוילן אַזוי ברייט, ווי דאָס האָט באַגערט דזיערזשינסקי. די אָנפירערשאַפט פון סדקפּל אין קעגנזאַץ צו דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, האָט נישט דערשאַצט די ריזיקע באַדייטונג פון אַן אַרבעטער און פויערים־בונד אין קאַמף פאַרן אַראָפּוואַרפן דעם צאַרישן דעספּאָטיזם, פאַר אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק, פאַר דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייונג פון פּוילן.

דעם יונגן ביערוט האָבן פולשטענדיק פאַרכאַפּט די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין לובלין. אויף איינעם פון די אָפּשניטן פון דער דאָזיקער גרויסער רעוואָלוציאָנערער שלאַכט, וועט ער אינגיכן אָפּשפּילן אַן אַקטיווע ראָל.

שוין אין פעברואַר 1905, זענען די וואַרשעווער שולן געוואָרן די אַרענע פון שטרייקן מצד די שילער, וועלכע האָבן געפאָדערט אַ שול מיט דער פּוילישער לערן־שפּראַך. דער דאָזיקער אויסדרוק

פון קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג איז אין דער גאַנ־צער ברייט געוואָרן אונטערשטיצט דורך דער מדקפל קעגן דער שטעלונג פון דער פוילישער בורזשואַזיע, וועלכע האָט געראַטן „מע־סיקייט", מורא האָבנדיק פאַר דער אויסברייטערונג פון דעם רע־וואָלוציע־פייער, וועלכער איז אַזוי געפערלעך פאַר אירע קלאַסן־אינ־טערעסן. בליץ־שנעל האָט די שטרייק־באַוועגונג זיך אויסגעברייי־טערט אויפן גאַנצן לאַנד, נישט געקוקט דערויף, וואָס די צאַרישע מאַכט איז געגאַנגען אויף באַשטימטע הנחות, דערלויבנדיק טייל־ווייז צו לערנען די פוילישע שפּראַך אין די שולן. אין נאָוועמבער איז צו דעם שטרייק צוגעשטאַנען די שול־יוגנט פון לובלין. „וועגן דעם אויסברוך פון שטרייק — דערמאָנט באָלעסלאַוו ביערוט אין יאָרן שפּעטער — האָב איך געוווסט מיט איין טאָג פריער. מען האָט באַ־שלאָסן, אַז מיין קלאַס וועט דער ערשטער פאַרלאָזן די שול און אַרויס אין שטאָט. איך האָב געגעבן דעם צייכן דערצו, וואַרפנדיק אַ טינ־טער אין דעם בילד פון צאַר, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט. מיין טאַט האָט מיר איבערגעשניטן די שול־קאַריערע. נאָך צוויי וואָכן שטרייק, האָב איך זיך צוריקגעקערט אין שול, ווו איך האָב זיך דערוווסט, אַז פאַר באַליידיקן דאָס בילד פון צאַר, בין איך צוזאַמען מיט די איניציאַטאָרן פון שטרייק באַזייטיקט געוואָרן פון שול".

אין דער צייט פון שול־שטרייק האָט די לובלינער יוגנט גענו־מען אַ לעבעדיקן אָנטייל אין די פאָרגעקומענע געשעענישן. וועגן די שטימונגען פון דער יוגנט זאָגט עדות דער פאַקט, וואָס נאָכן פאַר־לאָזן די שול, זענען די שטרייקנדיקע שילער מיט אַן אימפּראָוויזיר־טער רויטער פאָן געגאַנגען דורך דער שטאָט און געזונגען רעוואָלו־ציאָנערע לידער. דער דאָזיקער גאַנג האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער דעמאָנסטראַציע, אין דער שפּיץ פון וועלכער עס זענען געגאַנגען אַרבעטער. אין משך פון אַ קורצער צייט האָבן זיך צו־נויפגעזאַמלט ביי אַ טויזנט אָנטיילנעמער.

לויט אַן אַלטן מנהג, זענען די דעמאָנסטראַנטן אַוועק אויפן קבר פון קסיאָנדז סציעגענני, דעם גרויסן פּאַטריאָט און קעמפער פאַר פרייהייט, דעם אָרגאַניזאַטאָר פון דעם נישט־צושטאַנד־געקו־מענעם פויערים־אויפשטאַנד אין יאָר 1844. דאָ אין לובלין האָט ער פאַרבראַכט זיינע לעצטע יאָרן פון לעבן — דאָ האָט ער געהאַט דעם געשפּרעך מיט די ערשטע מיטגלידער פון די „פּראָלעטאַריאַט"־קרייזן, צוגעבנדיק זיי מוט צו מאַרשירן אויף דעם אויסדערוויילטן

וועג. דער קבר פון פיאָטר סציעגענני איז פאַר די לובלינער אַרבעטער געוואָרן דער בולטער סימבאָל, וועלכער פאַראייניקט די אַלטע צייט פון געראַנגלען פאַר פרייהייט מיט דער נייער צייט, ווען אין שפּיץ פון פאָלק האָט זיך אַרויסגערוקט דער יונגער אַרבעטער־קלאַס.

צווישן די באַטייליקטע אין דער דעמאָנסטראַציע, וועלכע האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אויפן קבר פון סציעגענני, האָט זיך אויך געפונען דער יונגער ביערוט. עס האָבן גערעדט פאַרשטייער פון פאַרשיידענע פאַרטייען. מיט אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט האָט ער זיך צוגעהערט צו די רעדעס, גיריק איינגעזאַפּט אין זיך די אַרויסגעזאָגטע ווערטער, לאָזונגען, אויפרופן. זיין גאַנץ האַרץ האָט געהערט צו די, וועלכע האָבן גערופן צו עקשנותדיקן קאַמף קעגן אויסנוצונג און אונטערדריקונג, צו אומוואַרפן דעם צאַרישן דעספּאָטיזם, צום קאַמף פאַר דער מאַכט פון פאָלק, פאַר דער פרייהייט פון פוילן.

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע האָט אַלץ בולטער געמאַכט די געפערלעכע ראָל פאַר די אינטערעסן פון פאָלק, וועלכע עס האָבן געשפּילט די פירער פון פפּס, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום פּילסודסקין, וועלכער איז שוין דעמלט אַרויף אויפן וועג פון צוזאַמענאַרבעט מיטן אימפּעריאַליזם, דינענדיק דעם יאַפּאַנישן אויסשפּיר.

אָנשטאָט צו קעמפן צוזאַמען מיטן רוסישן אַרבעטנדיקן פאָלק פאַר אומוואַרפן דעם צאַריזם, האָבן די פּילסודסקישע אַגענטן פון דער בורזשואַזיע געשפּרייט נאַציאָנאַליסטישן האַס לגבי אַלע רוסן. זיי האָבן באַקעמפט די מאָסקווער שטרייק־באַוועגונג, וועלכע איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע פאָרמען פון פּאָליטישן קאַמף, דער סאַמע עפעקטיווער הייבער פון דער רעוואָלוציע, און אַלע זייערע אָנשטרענגונגען געווענדעט אין דער ריכטונג פון אָרגאַניזירן פאַרשווערונגען און איבערפאַלן אויף איינצלנע פּערזאָנען, וואָס האָט פאַרקריפּלט דעם רעוואָלוציאָנערן מאַסן־קאַמף. שטייענדיק אויפן שטאַנד־פּונקט פון „נאַציאָנאַלער אחדות", האָט די פּילסודסקישע מערהייט פון דער פפּס־אָנפירונג זייער שנעל געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיט די עקסטרעם רעאַקציאָנערע עלעמענטן פון דער בורזשואַזיע. צוזאַמען מיט די ענדעקעס האָבן זיי באַקעמפט דעם אַלגעמיינעם יוני־שטרייק פון די לאָדזשער אַרבעטער און קעגנגעווירקט דעם העלדישן באַריקאַדן־קאַמף אין לאָדזש. אינגיכן איז דאַשינסקי, דער דעמלטיקער אָנפירער פון די גאַליציאַנישע פּעפּעסאָווצעס,

ארויסגעטראָטן מיט אַ פאַראורטיילונג פון דער מאַסעווער שטרייק-באַוועגונג פון די פוילישע אַרבעטער. דאָס איז געווען אַ פאַרעטערישער קלאַפּ, וועלכן דער רעכטער פליגל פון פּפּס האָט געגעבן דעם סאָלידאַרן רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די פוילישע און רוסישע אַרבעטער.

די שטרייקברעכערישע שטעלונג פון די פּילסודסקים און דאַשינסקים האָט פאַרשטאַרקט די יווירונג אין די נידעריקערע רינגען פון פּפּס. דאָס האָט דערפירט — ווי עס האָט אָפּגעשאַצט די געשעענישן פון יענער צייט באָלעסלאַוו ביערוט אויף דעם קאָנגרעס פון פּפּר אין יאָר 1948 — „אַז פון דעם אויסגעשפּראָכן-נאַציאָנאַליסטישן, מאַרקסיסטיש-פיינטלעכן שטראָם האָט זיך אויסגעטיילט אַ לינקע פּראָלעטאַרישע ריכטונג, וועלכע האָט זיך געשטעלט אויפן שטאַנדפּונקט פון וואָפן-פאַרברידערונג מיט דער רוסישער רעוואָלוציע. עטוואָס שפּעטער, אין נאָוועמבער 1906, איז פאָרגעקומען די פאָרמעלע שפּאַלטונג פון פּפּס, אין רעזולטאַט פון וועלכער עס זענען אַנטשטאַנען צוויי פּאַרטייען: לינקע פּפּס, און פּפּס רעוואָלוציאָנערע פראַקציע. אָבער שוין אין פּעריאָד פון דער גרעסטער קאַמפּס-שפּאַנונג, אָנהייבנדיק פון די יאַנואַר-שטרייקן אין 1905, האָבן די אַרבעטער, וועלכע האָבן געהערט צו סדקפּל און פּפּס, געשאַפן איין געמיינזאַמען קאַמפּס-פראָנט, מיטרייסנדיק נאָך זיך ברייטע מאַסן פון פוילישן אַרבעטנדיקן פאָלק”.

דער יונגער ביערוט איז שוין עמאָציאָנעל פולקאָם געווען פאַרבונדן מיט דעם באַפרייאונגס-קאַמף פון אַרבעטנדיקן פאָלק. פון דעם דאָזיקן פאָלק איז ער אויסגעוואַקסן, צוזאַמען מיט אים האָט ער לייַדנשאַפטלעך איבערגעלעבט דעם פּעריאָד פון פּרעכטיקן רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג אין יאָר 1905, און טיף איבערגעוויטיקט דאָס צייטווייליקע פאַלן פון דער רעוואָלוציע.

דער צאַריזם האָט בלוטיק דערשטיקט דעם דעצעמבער-אויפשטאַנד אין מאָסקווע און אין פיל אַנדערע שטעט. דער דאָזיקער אויפשטאַנד איז געווען דער קולמינאַציע-פּונקט פון דער מעכטיקער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע אין רוסלאַנד. נאָך אין זומער און אין הערבסט פון 1906 האָבן אויפגעפלאַקערט אויפשטאַנדן אין קראָנשטאַט און סוויבאָרג, דאָ און דאָרט האָבן נאָך אויסגעבראָכן פּויערים-קאַמפן, עס האָבן נאָך מוטיק געקעמפט די אַרבעטער פון וואַרשע, לאָדזש, זאַגלעמביע, לובלין און אַנדערע אינדוסטרי-צענטרען

קעגן די לאָקאַוטן פון די קאַפּיטאַליסטן. אָבער דאָס זענען שוין געווען איינצלנע קאַמפן. זיי האָבן זיך אַנטוויקלט אין באַדינגונגען פון אַ נייער אַלגעמיינער און אַנוואַקסנדיקער אָפּענסיווע פון דער בורזשואַזיע און צאַריזם, וועלכע האָט געצילט אָפּצונעמען ביי די אַרבעטנדיקע מאַסן זייערע קאַרגע דעראָבערונגען פון דער צייט פון דער רעוואָלוציע. די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ דורכפאַל — אַזאַ אויספיר איז צו מאַכן פון די געשעענישן. די באָלשעוויסטישע פאַרטיי אונטער דער אָנפירונג פון לענינען און סטאַלינען האָט אַרויסגעצויגן דערפון די גאַנצע נויטיקע לערע, כדי צו פאַרזיכערן דעם זיג פון דער נייער רעוואָלוציע.

עס איז נויטיק — האָבן די באָלשעוויקעס געזאָגט — צו דערפירן צו אַ פעסטן בונד פון די אַרבעטער און פּויערים קעגן צאַריזם און נאָך אין אַ ברייטערן פאַרנעם צוציען די פּויערים־זין אָנגעטוענע אין זעלנער־מונדירן אויף דער זייט פון קעמפנדיקן פאָלק. עס איז נויטיק נאָך שטאַרקער צו באַהעפטן די אַרבעטנדיקע מאַסן פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן פאַר אַ סאָלידאַרן רעוואָלוציאָנערן קאַמף. עס איז נויטיק צו אַנטוויקלען אַן אומפאַרשרותדיקן קאַמף מיט די אָפּאָרטוניסטן — מיט די מענשעוויקעס און אָפּאָרטוניסטן פון אַלערליי קאָלירן — וועלכע זענען אַגענטן פון דער בורזשואַזיע אינערהאַלב דעם אַרבעטער־קלאַס, וועלכע זענען שונאים פון זיין באַפרייונג. מע דאַרף פאַראייניקן די פאַרטיי, אַלע אויפריכטיק־רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַרישע כוחות אונטער דער פאָן פון באָלשעוויזם, ווייל נאָר ער איז פעיק צו פירן דעם אַרבעטער־קלאַס און דאָס גאַנצע אַרבעטנדיקע פאָלק צום זיגרייכן אָנגריף אויפן צאַריזם.

די רעוואָלוציע פון יאָר 1905 האָט פאַרהאַרטעוועט דעם פּויילישן אַרבעטער־קלאַס צום ווייטערדיקן קאַמף צוזאַמען מיט די רוסישע אַרבעטנדיקע מאַסן. זי איז געווען דער ערשטער גרויסער רעוואָלוציאָנערער אויפשוווּנג פון פּוילישן פאָלק נאָכן אויפשטאַנד פון יאָר 1863. די רעוואָלוציע פון יאָר 1905 האָט איבערצייגט די פּוילישע אַרבעטער, אַז זייער געטרייסטער פאַרבינדעטער און פריינד איז דאָס רוסישע אַרבעטנדיקע פאָלק.

II

אַ קליין שטיבל אין דעם הויז, וואָס געפינט זיך אויף דער ספאָקאָינע גאַס אין לובלין. אַ דינער שטרוי־זאַק און אַ געוויינלעכער קאָץ זענען דאָס גאַנצע געלעגער, דערפאַר אָבער אַ סך, זייער אַ סך ביכער. זיי ליגן אויפן טיש, זענען פול אָנגעלייגט אויף דער פאָדלאָגע. אַזוי האָט אויסגעזען די וווינונג פון יונגן ביערוט אין יאָר 1912 — די ערשטע זעלבסטשטענדיקע וווינונג נאָך דעם, ווי ער האָט פאַרלאָזט דאָס הויז פון די עלטערן.

אַ סך מלאכה'ס האָט אויסגעפרווט ביערוט נאָך דעם, ווי מען האָט אים אויסגעשלאָסן אין יאָר 1905 פון דער שול. ער האָט געאַרבעט אויף געביידעס, טראָגנדיק וואַסער, וואַפנע, ציגל. גלייכצייטיק האָט ער זיך צוגעבילדעט אין האַנטווערקער־שול. זיינע מאָגערע פאַרדינסטן זענען געווען אַ שטיצע פאַר דער אָרעמער פאַמיליע. די אַרבעט איבער די כוחות האָט דאָך איינגיכן אונטערגעריסן דאָס געזונט פון יונגן ייִנגל. ווען ער האָט זיך צעריסן די הענט, איז ער געוואָרן אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט אויף דער געביידע. נאָך אַ געוויסער צייט האָט ער באַקומען אין אַ בוכהאַנדלונג די באַשעפטיקונג פון פונאַנדערטראָגן צייטונגען. ס'איז נישט געווען פון די גרינגע זאַכן צוצושטעלן יעדן טאָג די צייטונגען פאַר צוויי הונדערט פרענומערענטן, קלעטערן אויף אומצאָליקע שטאָקן און שפעטער נאָך אויספירן אַ סך אַנדערע אַרבעטן אין דער זעלבער בוכהאַנדלונג. אָבער אויך די אַרבעט האָט זיך שנעל געענדיקט. צוזאַמען מיטן פאָטער, וועלכער איז געווען באַשעפטיקט אין דער זעלבער בוכהאַנדלונג, האָט באָלעסלאַוו נאָך עטלעכע חדשים באַקומען אַן אָפּזאָג פון דער אַרבעט.



באָלעסלאַוו ביערוט אין יאָר 1905

איצט, פֿון יאָר 1907, אַרבעט באַלעסלאַוו ביערוט אין אַ דרוקעריי פֿון אַ טאָג־בלאַט, וווּ ער באַהערשט שנעל די קענטעניש פֿון זעצן און ברעכן אַ צייטונג. אין די אָוונטן באַזוכט ער אַ האַנדלסשול, נעמט אָנטייל אין אַ געהיימען פֿרײַדענקערישן יוגנט־קרײַז, באַטייליקט זיך אינעם אַרויסגעבן אַ יוגנט־שריפֿט „באַפֿרײַונג". „די דאָזיקע שריפֿט — דערציילט איינער פֿון די געוועזענע באַטייליקטע אין דעם קרײַז — איז אָפּגעקלאַפּט געוואָרן אויף אַ העקטאָגראַף איבער אַ צענדליק עקזעמפּלאַרן און פֿונאַנדערגעטיילט געוואָרן צווישן די סאַמע נאָענטסטע און פּאַטרויליעכסטע באַקאַנטע. אין דער „באַפֿרײַונג" האָט פֿיל אַרטיקלען געגעבן באָלעסלאַוו, אַפֿילו געשריבן לידער. די שריפֿט האָט זיך פֿאַרנומען בעיקר מיט ענינים פֿון קלער, גלויבן, באַציונג פֿון רעליגיע צום פֿאַרשטאַנד". אין דער דאָזיקער שריפֿט האָט ביערוט אַרויסגעוויזן זײַן אַקטיווע שטעלונג צום לעבן — אַ שטעלונג, וועלכע האָט אים פֿון די יוגנט־יאָרן געפֿירט אויפֿן וועג פֿון קאַמף און אים פֿאַרוואַנדלט אינגיכן אין אַן אַקטיוון רעוואָלוציאָנערן טוער. „מיט זײַן קליינער, פּינקטלעכער און דײַטלעכער האַנטשריפֿט — לייענען מיר אין איינעם פֿון די זכרונות פֿון יענער צײַט — האָט ביערוט באַגרינדעט, אַז דאָס לעבן איז אַ קאַמף. מע דאַרף נישט ווערן גערירט פֿון שלעכטס, נאָר קעמפֿן דערמיט. מען קען נישט שוועבן אין די וואָלקנס, נאָר שטיין פֿעסט אויף דער ערד. קאָנקרעט, דורך קאַמף דאַרף מען ענדערן דאָס לעבן אין דער באַגערטער ריכטונג".

ווען באָלעסלאַוו האָט נאָך געוווינט אין דער סוטערינע בײַ זײַנע עלטערן, זענען פֿאַרגעקומען בײַ אים פֿאַרזאַמלונגען פֿון דער גרופּע פֿון סאָציאַליסטישער יוגנט, צו וועלכער ער האָט זיך דערנעענטערט אין דער צײַט פֿון זײַן אַרבעט אין דער דרוקעריי. די דאָזיקע יוגנט האָט סימפּאַטיזירט מיט דער לינקער פּפּס. „די לאַנגע און הייסע דיסקוסיעס — באַשרײַבט די דאָזיקע פֿאַרזאַמלונגען איינער פֿון די אָנטיילנעמער — דאָס שאַרווען פֿון אַ סך פֿיס אין קאָרידאָר, די זיצונגען מיט דעם אָנטייל פֿון אַ גרויסער צאָל מענטשן — דאָס אַלץ האָט געצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די שכנים, אומאָפּהענגיק דערפֿון, וואָס דאָס האָט צעשטערט די נאָרמאַלע רו און דעם לעבנס־שטייגער אין דער היים". אין דער הינזיכט איז דערגאַנגען צו קאָנפֿליקטן מיט די עלטערן. כדי אויסצומײַדן דאָס, באַמיט זיך באָלעסלאַוו צו ווערן זעלבשטענדיק.

אין אייגענעם שטיבל זענען שוין נישט פאַראַן קיין שום שטע־רונגען איינצואָרדענען פאַרזאַמלונגען. „זייער אַפּט האָט זיך דאָרט צונויפגעזאַמלט אַרבעטער־יוגנט. מען האָט אַרומגערעדט ביכער, מען האָט דיסקוטירט". — שטעלט פעסט אַ שכנטע. אַן אַנדער שכן ברענגט, אין פלוג גענומען, אַ קליינעם פאַקט, וועלכער זאָגט פונ־דעסטוועגן אַ סך וועגן דער טיף־מענטשלעכער הומאַניטערער באַ־ציונג פון יונגן ביערוט צו מענטשן פון אַרבעט. אַזוי פלעגט ער, טרעפנדיק די עלטערע קראַנקע פרוי, וועלכע האָט געוווינט בשכנות, גיין נאָך וואַסער — שטענדיק זי פאַרבייטן און אַליין לויפן צום וויטן ברונעם.

די דאָזיקע יאָרן פון גייסטיקן און מאָראַלישן רייף־ווערן פון יונגן ביערוט זענען אויסגעפאַלן אין אַן אויסערגעוויינלעך שווערן פּעריאָד אין לעבן פון לאַנד און פון פּוילישן פאָלק. דאָס איז געווען אַ פּעריאָד פון טיפער רעאַקציע.

אויף דער גאַנצער טעריטאָריע פון דער צאַרישער רעגירונג האָט געווילדעוועט אַ בלוטיקער טעראָר: די קויל, די שטריק, די תפיסה פאַר צענדליקער טויזנטער רוסישע, אוקראַינישע, גרוזינישע און פּוילישע רעוואָלוציאָנערן, און אויסנוצונג, אונטערדריקונג פאַר די ברייטסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. אין דער צאַרישער בלאָטע פון פאַרקויפטקייט און פּראָוואָקאַציע האָבן זיך שפּעדיק געפּרוכפּערט די ווילדע קרייטעכצער פון פאַראַט און רענעגאַטיש־קייט. עס קאַפּיטולירן די מענשעוויסטישע פאַרטער, אין דינסט פון עסטרייכישן אימפּעריאַליזם שטעלן זיך די פירער פון דער פפּס־פראַקציע מיט פּילסודסקין בראש, אונטערטעניק קניען פאַר דעם צאַרישן טראָן די פאָרשטייער פון דער פּוילישער בורזשואַזיע. דער דעספּאָטיזם טריומפירט: אין קעניגרייך פון צאַר הערשט רו. אָבער דאָס איז געווען בלויז אַ שיינבאַרע רו. אונטער די קלעפּ פון דער רעאַקציע האָט זיך נישט געבויגן די באָלשעוויסטישע פאַרטיי, עס האָט אויך נישט צונויפגעוויקלט די פאָן פון קאַמף די פּרקפּל.

„אונדז וועלן נישט ברעכן די מאַיערס און סקאַלאָנס
דורך מאָרדן און שחיטות!
פּוילן! וויקל פאַנאַנדער דיין רויטע פאָן!
פּוילן! דיין רויטע פאָן הייב אויף אין דער הייך!"

— קלינגען די ווערטער פון דער ארבעטער-מאַרסעליעזע, וועלכע האָט דערמוטיקט אין די יאָרן פון רעאַקציע דעם פוילישן ארבעטער-קלאַס צו אויסדויער, צו ווייטערדיקע קאַמפן.

ריכטנדיק זיך מיט די אָנווייזונגען פון לענינען און סטאַלינען, האָבן די רוסישע באָלשעוויקעס געמאַכט אַן איבערקערעניש אין די מעטאָדן פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף, צופאַסנדיק זיך צו די נייע, שווערערע באַדינגונגען. גלייכצייטיק האָט די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי אָפּגערייניקט אירע רייען פון די וואַקלנדיקע מענטשן און זיך פולשטענדיק פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט די מענשעוויסטישע פאַרעטער, וועלכע האָבן געשטרעבט צו ליקווידירן די אומלעגאַלע פּאַרטיי, וואָס האָט באַדייט, אָפּנעמען ביי די ארבעטנדיקע מאַסן דאָס געווער אין קאַמף פאַר אַראָפּוואַרפן דעם צאַריזם, פאַר דער מאַכט פון פאָלק. פון דער צווייטער זייט, פירן די באָלשעוויקעס אַן אומפּשרותדיקן קאַמף מיט די „ראַדיקאַלע", מכלומרשט, יחידים, וועלכע האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז אין די יאָרן פון רעאַקציע איז נויטיק אַן ענדערונג אין דער טאַקטיק פון אַ רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. אין וואָס איז באַשטאַנען די ענדערונג אין דעם נייעם פּעריאָד? „דאָס איז געווען — זאָגט סטאַלין — אַ פּעריאָד, ווען אונדזער פּאַרטיי איז פון אָפענעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף מיטן צאַריזם איבערגעגאַנגען צו אַ קאַמף מיט אַרומיקע וועגן, אויסנוצנדיק אַלע און אַלערליי לעגאַלע מעגלעכקייטן, אָנהייבנדיק פון די פאַרזיכערונגס-קאַסעס און ענדיקנדיק מיט דער טריבונע אין דומע. דאָס איז געווען אַ פּעריאָד פון צוריקטריט נאָך אַ דורכפאַל, וועלכן מיר האָבן געליטן אין דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905. די דאָזיקע ענדערונג האָט געפאָדערט פון אונדז זיך צוצואייגענען נייע מעטאָדן פון קאַמף, כדי, אָנזאַמלענדיק כוחות, זיך ווידער צו שטעלן אין אָפענעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן צאַריזם".

די דאָזיקע נייע מעטאָדן האָט זיך אויך געלערנט די סדקפּל, וועלכע איז אין צייט פון דער רעוואָלוציע געוואָרן אַ מאַסן-פּאַרטיי פון פוילישן אַרבעטער-קלאַס. בלוטנדיק אין קאַמף מיטן צאַריזם און מיט דער בורזשואַזיע, האָט זי אויף קיין איין רגע נישט איבערגעריסן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעט אין די יאָרן פון רעאַקציע, האָט איינגעהיט און באַפעסטיקט די אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציעס, באַקעמפט די פאַרעטער פון אַלערליי קאָלירן און, נעמענדיק אָנטייל אין די לעגאַלע אָרגאַניזאַציעס, האָט זי געשטאַרקט דעם בונד צווישן

דער פארטיי און די ארבעטער. אויף דעם וועג איז אויך ארויפגעטרעטן די לינקע פפס, באפרייענדיק זיך שטופנווייז — כאטש מיט וואקלונגען און צוריקגאנגען — פון די אפארטוניסטישע באלאסטן.

אין שווערע קאמפן מיטן צאריזם, אין אומאויפהערלעכן וועקן דעם באוווסטזיין פון די מאסן, אין אנגעשטרענגטער ארבעט און וואגלעניש איז יאר נאך יאר פאריבער דאס לעבן פון די רעוואלוציאנערן. ביז ענדלעך אין יאר 1912 האט א בליץ פון א נייעם אויפשטייג פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג דורכגעשניטן די פינצטערניש פון צאריזם. אויף דער שחיטה פון די שטרייקנדיקע אין די גאלד-גרובנס ביי דער לענא האבן די רוסישע ארבעטער געענטפערט מיט פאליטישע שטרייקן. ס'איז איבערגעגאנגען די מאס פון אויסנוצונג און אונטערדריקונג אויך אויף דער פוילישער ערד. צוזאמען מיט דער אויפלעבונג אין דער אינדוסטרי, וועלכע איז פארגעקומען אין יענער צייט, מערן זיך די עקאנאמישע קאמפן פון פוילישן ארבעטער-קלאס, די רעוואלוציאנערע באוועגונג ווערט ווידער אלץ מער א מאסן-באוועגונג. ברעכנדיק דעם צארישן טעראר, הייבן זיך אן צו באווייזן לעגאלע רעוואלוציאנערע צייטשריפטן. א שטארקן איינפלוס אויף דער גאנצער ארבעטער-באוועגונג אין דער צארישער אימפעריע האט די באלשעוויסטישע „פראוודא", וועלכע איז געגרינדעט געווארן דורך לענינען און סטאלינען אין פעטערסבורג. שטארקער הייבט אן צו פולסירן דאס לעבן אין די לעגאלע ארבעטער-ארגאניזאציעס.

אין לובלין איז אין דער צייט טעטיק א גאנצע ריי לעגאלע פלאצוווקעס, וועלכע ווערן אויסגענוצט פון סדקפל און לינקע פפס. מיטן ציל אונטערצוהאלטן א קאנטאקט מיט די מאסן און צו פארשפרייטן פראגרעסיווע אידעען. איינע פון אזעלכע פלאצוווקעס איז געווען דער פארבאנד „צוקונפט". אין אנהייב האט דער דאזיקער פארבאנד געהאט פאר א ציל אויסשליסלעך דעם קאמף מיט אלקאהאליזם. אפגעבנדיק זיך א רעכענונג פון דער באדייטונג פון א לעגאלער פלאצוווקע פאר דער רעוואלוציאנערער ארבעט, האט א גרופע סאציאליסטישע יוגנט, צו וועלכער עס האט אויך געהערט דער יונגער ביערוט, באשלאסן צו באהערשן די פארוואלטונג פון דעם דאזיקן פארבאנד און ריכטן די טעטיקייט אויף אנדערע וועגן. דער פלאן איז געווארן דורכגעפירט אין לעבן. די „צוקונפט" האט אנגעהויבן פונאנדערוויקלען א פראגרעסיווע קולטור-טעטיקייט, ציענדיק אין איר קליינעם לאקאל אלץ מער יוגנט.

„אין דער „צוקונפט“ — דערציילט איינער פון אירע געוועזענע מיטגלידער — האט זיך מיט זיין ברען צו וויסן אויסגעצייכנט באלעסלאוו ביערוט. ער איז געווען איינער פון די סאמע באליבסטע מיטגלידער. א חברישער און מילדער, איז ער געווארן די נשמה פון די פארזאמלונגען. אין דער ארבעט איז ער שטענדיק געווען געוויסנהאפט, גלייכגעוויכטיק און רואיק. ער האט באזיצט אן איבעראשנדיקע פאר זיין עלטער אלגעמיינע קולטור.

דער יונגער ביערוט איז שוין דעמלט געווען באקאנט מיט זיין שטארקער אינטעליגענטקייט. ער האט זיך פארטיפט אין דער פאפולער-וויסנשאפטלעכער מארקסיסטישער ליטעראטור. באקענט זיך מיט דער פוילישער געשיכטע און ליטעראטור. ער האט געקענט אויף אויסנווייניק א סך ווערק פון מיצקעוויטשן און סלאוואצקין, וועלכע ער האט אפט רעציטירט אין דער מסיבה פון פריינד. „ביערוט האט געהאט אן אויסגעצייכנטן זכרון, האט זייער גוט רעציטירט, מיט געפיל, מיט באגייסטערונג און פארשטענדעניש“ — דערציילט איינער פון די באטייליקטע אין יענע צוזאמענקומען.

עס האבן נישט געפעלט אין דער „צוקונפט“ קיין שטרייטן פון וועלטבאנעמערישן כאראקטער. אין א געוויסער צייט האט זיך אין די ראמען פון פארבאנד אויסגעטיילט א קליינע גרופע פון יוגנטלעכע, וועלכע איז געווארן פארבלענדט פון די „אידעען“ פון „נאציאנאלן ארבעטער-פארבאנד“, אן ארגאניזאציע, וואס איז געשאפן געווארן דורך די פוילישע באזיצנדיקע קלאסן צו באקעמפן די רעוואלוציאנערע באוועגונג. דער יונגער ביערוט האט געדולדיק פארטיידיקט דעם סאציאליזם, אן שום וואקלעניש געשטאנען ביי זיין קאמפס-פאן. די צוגעבונדנקייט צו די פראגרעסיווע טראדיציעס פון דער פוילישער קולטור האט זיך ביי ביערוטן פאראייניקט אין איין גאנצעם מיט זיין הייסן באגער פון פרייהייט פארן פאלק, פון דינען דעם פאלק, פון קאמף פאר די הויכע אידעאלן פון פראגרעס און סאציאליזם. עס איז אים פרעמד געווען יעדעס געפיל פון שאוויניזם און נאציאנאליזם. צוזאמען מיט א גרופע פריינד האט ער זיך אין קורצן געפונען אין א פארטיי-קרייז פון דער לינקער פפס. ביערוט האט אין דער צייט אויך מיטגעארבעט און אונטערגעהאלטן נאענטע באציונגען מיט א סך מענטשן, וועלכע האבן זיך דערנענטערט אדער געהערט צו דער סדקפל.

אין די באדינגונגען פון דער צארישער אונטערדריקונג האט די „צוקונפט“ אפגעשפילט אין לובלין א באדייטנדיקע ראל, ווי א

לעגאלע פלאצוועקע פון די ארבעטער-פארטייען, ווי א „טראנסמיסיע צו די מאסן" — רעדנדיק מיט דער פארטייאישער שפראך, ביז זי איז אין יאר 1914 נישט געווארן פונאנדערגעלאזט דורך דער רוסישער זשאנדארמעריע. דא האט די לובלינער יוגנט געהאט די מעגלעכקייט פון צונויפצוקומען זיך, פון דיסקוטירן. אנשווינגען האבן זיך געראנגלט צווישן זיך, עס האבן זיך פארבונדן פריינדשאפטן. „אונדזער ציל איז געווען די קולטורעלע טעטיקייט, דאס ערנסטע בילדן זיך — האט אין יאר 1914 געשריבן באלעסלאוו ביערוט וועגן דער טעטיקייט פון דעם דאזיקן פארבאנד. — כאטש מיר זענען געווען אויפריכטיקע קעגנער פון אלקאהאל, דארף מען אבער מודה זיין, אז די דאזיקע פארם פון טעטיקייט איז גיכער געווען א צודעק לגבי דער צארישער מאכט פון אונדזערע אמת צילן: לערנען זיך, וועקן דעם אומאפהענגיקן געדאנק, געשטאלטיקן די געזעלשאפטלעכע וועלט-אנשויונגען".

אין צווישן-צייט האט ביערוט געענדערט זיין פראפעסיע. נאכן אפארבעטן אן אפרו 6 יאר אין דרוקער-פאך — אורלויבן זענען געווען אן אומבאקאנטער ענין אין דער צארישער געזעצגעבונג — האט אים געלאקט דער פארשלאג צו ארבעטן אלס געהילף-געאמעטער. די פראפעסיע האט געגעבן די מעגלעכקייט צו פארברענגען א לענגערע צייט אויפן דארף. פארבונדן דורך דעם פאטער און דער פאמיליע מיטן דארף, האט ער שטענדיק געהאט א טיפע סימפאטיע פאר דעם פויער. ער דערקענט דעמלט נעענטער דאס דארף און זיין לעבן אין די באדינגונגען פון האלב-פעאדאלער, פריצישער עקספלואטאציע.

א דאנק דער אויסערגעוויינלעכער געוויסנהאפטיקייט און איינגעבוירענע פעיקייטן, האט ביערוט זייער שנעל אנגעהויבן זעלבשטענדיק דורכצופירן אויסמעסטונגען. אין דער צייט פון די וואנדערונגען מיט די אויסמעסט-מכשירים איבער פארשידענע געגנטן האט זיך אויסגעברייטערט דער געדאנק-האריזאנט ביי דעם יונגן געזעלשאפטס-טוער און עס האבן זיך פארפולקאמט יענע כאראקטערשטריכן, וועלכע האבן אים אויסגעטיילט אין זיין גאנצער ארבעט, ווי פלייסיקייט, פינקטלעכקייט, ארבעטזאמקייט און אחריות.

נאך איין מאל קערט זיך אום ביערוט צום זעצער-פאך. דאס איז געווען אין יאר 1913.

ווידמענדיק אין משך פון פיל יאר יעדע פרייע מינוט אויף לייענען און דערגענצן די בלויזן אין דער בילדונג, האט ביערוט זיך דאך

שטענדיק אָפּגעגעבן אַ רעכענונג וועגן דער וואָג פּון סיסטעמאַטישער לערע. עס האָט אים טאַקע דעריבער געצויגן וואַרשע מיט אירע וויסנשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, היסטאָרישע דענקמעלער און ראַשיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן. נאָכן פאַרלירן די אַרבעט ביי דעם געאָמעטער אין לובלין פּאָרט ביערוט אַרויס קיין וואַרשע, ווו ער געפינט אַן עטלעכע-שעהדיקע באַשעפטיקונג אַלס איינלייגער אין דער דרוקעריי פון באָגוסלאַווסקין אויף שווענטאָקזשיסקאַ-גאַס. איצט קענען דערפילט ווערן די באַגערן פון ביערוטן. ער ווידמעט אַ סך צייט דער בילדונג, באַזוכנדיק לעקציעס פון באַוווסטע געזעלשאַפטסטוער און פּראָגרעסיווע געלערנטע, ווי קזשיוויצקי, זיגמונט העריננג און אַנדערע.

דער טעמפּעראַמענט פון אַ רעוואָלוציאָנער דערלויבט נישט ביערוטן צו פאַרנעמען זיך אויסשליסלעך מיט שטודירן. דאָס דעראַברען וויסן איז נישט קיין ציל אַן און פאַר זיך, נאָר אַ מיטל. אַ מיטל צו קענען בעסער, פּרוכטבאַרער און מיט מער פאַרשטענדעניש זיך ווידמען דער אַרבעט פאַר דעם גוטס פון אַרבעטנדיקן פאָלק, פון פאָטערלאַנד, פון דער מענטשהייט. אַזוי האָט ער שטענדיק פון די יינגסטע יאָרן געפילט און געהאַנדלט. און פּונקט ווי ער איז אַ הונגעריקער אין דער סוטערינע פון די עלטערן געזעסן באַהאַלטענערהייט איבער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור, וועלכע ער האָט אַרויסבאַקומען פון באַהעלטעניש, אַזוי האָט ער אין די שפּעטערע יאָרן נאָך אַן אויסמאַטערנדיקן צען, אָדער צוועלף-שעהדיקן אַרבעטסטאָג, נישט דערשלאָפנדיק — „געשלונגען" ביכער, צייטשריפטן, צייטונגען. די באַקומענע ידיעות האָט ער שטענדיק איבערגעשמידט אין דעם טאַט פון אַן אַגיטאַטאָר, פון אַ געזעלשאַפטלעכן אָדער קולטור-טוער.

די אַרבעט פון אַ געאָמעטער האָט באַלעסלאַוו ביערוטן געגעבן די מעגלעכקייט צו קומען אין אַ נאָענטערע באַרירונג מיט די דאָרפישע ענינים. ער האָט אָפט פאַרבראַכט אין די פויערישע כאַטעס, געכאַפּט אַ קוק אין די שולן. באַזונדערס האָט אים אינטערעסירט דאָס לעבן פון דער פויערישער יוגנט, אירע זאָרגן און פריידן. די דאָזיקע פאַראינטערעסירונגען האָבן אים אויך אין וואַרשע דערנענטערט צו דער צייטשריפט „באַגינען" („זאַראַניע"), וועלכע איז געוואָרן אַרויסגעגעבן דורך אַ ראַדיקאַלער פויערישער גרופּע. די פירערין פון דער דאָזיקער גרופּע איז געווען די באַקאַנטע פאָלקס-

טוערין אירענע קאַסמאָווסקאַ, מיט וועלכער ביערוט האָט זיך באַקענט נאָך אין לובלין. ביערוט האָט אָפּגעשאַצט די קרבנות-פולע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט פון קאַסמאָווסקאַ, כאָטש אלס סאָציאַליסטן איז ער נישט געווען איינשטימיק מיט אירע אַנשויונגען. נאָר אינטערעסירנדיק זיך מיט דאָרפישע פראַגן, האָט ער אָנגענומען קאַסמאָווסקאַס פאָרשלאַג מיטצואַרבעטן אין דער יוגנטלעכער ביילאַגע פון ראַדיקאַלן „באַגינען", וועלכע האָט געטראָגן דעם נאָמען „די יונגע גייען". אין דער דאָזיקער ביילאַגע האָט ביערוט אָפּגעדרוקט עטלעכע אַרטיקלען. פיל פאַרגעניגן פאַרשאַפט אים דאָס פאַריכטן אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענצן, וועלכע ווערן צוגעשיקט צו דער צייטונג פון דער פויערים-יוגנט. „עס האָט מיר זייער אַריינגעצויגן די געזעלשאַפטלעכע זייט פון דער דאָזיקער אַרבעט" — האָט ער שפּעטער געזאָגט וועגן די דאָזיקע חדשים פון זיין לעבן. אויסער רעדאַקציאָנעלער אַרבעט, פאַרנעמט זיך ביערוט מיט געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער טעטיקייט צווישן די אַרבעטער.

אין דער צייט פון זיין אויפהאַלטן זיך אין וואַרשע האָט ביערוט צום ערשטן מאָל זיך צונויפגעטראָפן מיט די טוער פון פּרקפּל. אויף דער מיעדזיאַנע גאַס נומער 8 האָט זיך געפונען די אָפּטיילונג פון דעם פאַרבאַנד „צוקונפט" — פון דעם זעלבן פאַרבאַנד, וועלכער איז אין לובלין געוואָרן דער באָדן פאַר אַזאַ אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פון ביערוטס יינגע חברים און די ערשטע פּראַקטישע שול פאַר זיין אייגענער פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. „נאָכן קומען קיין וואַרשע האָב איך, פאַרשטייט זיך, נישט פאַרשפּעטיקט אָפּצוזוכן די דאָזיקע אינסטיטוציע — דערציילט אין פיל יאָר אַרום באָלעסלאַוו ביערוט. — און אָט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך דאָ, אונטער דעם באַקוועמען צודעק פון לעגאַלע פאַרזאַמלונגען אין אַנטיאַלקאָהאָלישע צילן, האָט געזאָטן אַ מאַסן-פּאָליטישע און פּראָפּאַגאַנדע-אַרבעט, און דאָס, פאַרשטענדלעך, אויף אַ פיל העכערן ניוואָ ווי אין לובלין. דעם דאָזיקן באַזונדערס לעבעדיקן טעטיקייטס-שטראָם און זיין הויכן ניוואָ האָט די וואַרשעווער אָפּטיילונג פון „צוקונפט" געהאַט צו פאַרדאַנקען דער גרופּע דערפאַרענע און אָנגעזעענע טוער פון פּרקפּל.

די אַרויסטרעטונגען פון די דאָזיקע טוער אויף די פאַרזאַמלונגען פון פאַרבאַנד האָבן אויף דעם יונגן ביערוט געמאַכט אַ ריזיקן איינדרוק און געוועקט אין אים הייסע געפילן פון סימפּאַטיע. פריער

האָט ער נישט געהאַט די געלעגנהייט צונויפצוטרעפן זיך אוממיטל-באַר מיט דער טעטיקייט פון סדקפּל. ער וועט געפינען די דאָזיקע געלעגנהייט ערשט דעמלט, ווען קיין לובלין וועט זיך אומקערן די יוגנט, וועלכע שטודירט אין די אוניווערסיטעט-שטעט און וועט אַנטוויקלען אַן אָרגאַניזירנדיקע אַרבעט. ביערוט און זיינע פריינד וועלן צוערשט אַרויסווייזן אַ באַדייטנדיקע הילף דער דאָזיקער יוגנט און זיך פאַרוואַנדלען אין הייסע פּראָפּאַגאַנדיסטן פון דער פּאַראיי-ניקונג פון די לינקע פּפּס מיט סדקפּל אין איין פּאַרטיי.

דאָס זיין אין וואַרשע דויערט נישט לאַנג. נאָך אַכט חדשים פון שטודירן, אַרבעטן און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, צווינגען ביערוטן די שווערע באַדינגונגען צוריקצוקערן קיין לובלין. „מיינע פאַרדינסטן — שטעלט ער פעסט מיט פאַרדרוס, דערמאָנענדיק זיך אין דעם געצוווּנגענעם אַרויספאָר פון וואַרשע — זענען געווען צו בידעריקע, מע זאָל זיך קאָנען אויסהאַלטן. אויסער דעם האָב איך געמוזט העלפן די עלטערן".

אין לובלין, האָבנדיק שוין אַן איינגעשטעלטע רעפּוטאַציע פון אַ גוטן געאָמעטער, טרעפט ער נישט אָן אויף קיין שום שוועריקייטן אינעם באַקומען אַרבעט. ביערוט באַנייט זיינע אַלטע פּאַרטייאישע באַקאַנטשאַפטן, בינדט אָן קאָנטאַקטן מיט חברים. אַ באַשיידענער, אַרבעטזאַמער און קרבנותגרייטער — איז ער ווידער פאַרשלונגען מיט פּאַרטייאישער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. און אַרבעט פאַר די אַרבעטער-פּאַרטייען און פאַר זייער אַקטיוו איז פאַראַן אָן אַ שיעור.

די אויפלעבונג פון די מאַסן-קאַמפן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1912, האָט אַרומגענומען אַלע גרעסערע אַרבעטער-צענט-רען. די דעמאָנסטראַציעס און שטרייקן, וועלכע זענען מיט יעדן יאָר געוואָרן אַלץ מעכטיקער, האָבן ווידער אָנגעגריפן די צאַרישע הער-שאַפט. אַ שטאַרקן עכאָ האָבן אַרויסגערופן אין דער גאַנצער צאַרי-שער מלוכה די לאַנגדויערנדיקע שטרייקן, וועלכע זענען פאָרגעקו-מען אונטער דער אָנפירונג פון די באָלשעוויקעס אין די ערשטע חד-שים פון יאָר 1914 אין פּעטערסבורג. עס האָבן נישט באַוויזן זיך צו פאַרענדיקן די שטרייק-קאַמפן אין פּעטערסבורג, ווי עס האָבן זיך אָנגעהויבן נייע שטרייקן, נאָך מער פאַרביסענע און האַרטנע-קיקע. עס האָבן געקעמפט די אַרבעטער אין ווייטן באַקו, אין דער נאָענטער וואַרשע און לאָדזש, אין הונדערטער אַרבעטס-ווינקלען

פון דער צאַרישער אימפּעריע. אין יולי 1914 האָבן די שטרייקן און דעמאָנסטראַציעס אָנגעהויבן איבערוואַקסן אין באַריקאַדן־קאַמפּן. נישט קיין סך וואָכן האָבן אָפּגעטיילט די וועלט פון אויגוסט 1914, פון דעם אויסברוך פון דער ערשטער אימפּעריאַליסטישער מלחמה.

אַלע פּאָליטישע געשעענישן האָבן אָנגעוויזן דערויף, אַז עס פאַרשאַרפן זיך די קאָנפליקטן צווישן די אימפּעריאַליסטישע מלוכות און עס דראָט אַ מלחמה־אויסברוך, וועלכן די וועלט האָט נאָך נישט איבערגעלעבט. די דעצידירנדיקע שטים אין די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות האָבן באַזיצט די אַלץ מער מעכטיקע פאַרבאַנדן פון קאַפּיטאַליסטן און באַנקירן. דער גיריקער פינאַנס־קאַפּיטאַל האָט געשטויסן צו אונטעריאָכן נייע לענדער, צו פאַרכאַפּן נייע אָפּזאַץ־מערק און געגנטן רייכע אין רוי־שטאָפן, אַרויסשטויסן פון די דאָזיקע געגנטן דעם קאָנקורענט, וועלכער האָט זיך דאָרט באַזעצט. „עס איז אַנטשטאַנען אַ שטרעבונג — ווי סטאַלין האָט געזאָגט — צו אַ נייער וועלט־פאַרטיילונג. דער קאַמף פאַר אַ נייער וועלט־פאַרטיילונג, האָט געפירט אומפאַרמיידלעך צו דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה".

די באָלשעוויקעס אונטער דער אָנפירערשאַפט פון לענינען און סטאַלינען האָבן פאָרויסגעזען דעם לויף פון די געשעענישן לאַנג פאַר דעם אויסברוך פון דער ערשטער אימפּעריאַליסטישער וועלט־מלחמה. זיי האָבן געוואָרנט וועגן דעם די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון די אַנדערע לענדער. זיי האָבן אַריינגעטראָגן אויף אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן פאָרשלאָגן, וועלכע האָבן געצילט פעסטצושטעלן די מיטלען פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה־געפאַר און אויפן פאַל פון איר אויסברוך. זיי האָבן געשטעמפּלט די פירער פון 2־טן אינטערנאַציאָנאַל פאַר אָפּאָרטוניזם און צביעות, פאָרויסזעענדיק אָפּענעם פאַראַט פון זייער זייט אין דעם מאָמענט פון מלחמה־אויסברוך.

אַזוי איז אויך געשען. ווען אין אויגוסט 1914 האָבן זיך אָנגעהויבן די מלחמה־אָפּעראַציעס, האָבן די אָפּאָרטוניסטן פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל שענדלעך פאַראַטן די אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט. אין די פּאַרלאַמענטן פון זייערע מלוכות האָבן זיי געשטימט פאַר די מלחמה־קרעדיטן פון די בורזשואַזע רעגירונגען און גערופן די אַרבעטער אָנטיילצונעמען אין דער מלחמה־שחיטה אויף דער זייט פון „זייער" בורזשואַזיע. בלויז די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי

באָלעסלאַוו ביערוט. אַ פאָטאָגראַפיע פון יאָר 1924

איז געבליבן טרײַ דער פֿאָן פֿון סאָציאַליזם און פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם. די באָלשעוויקעס האָבן קלאָר געזאָגט די אַרבעטער־מאַסן: מע דאַרף קעמפֿן פֿאַר פֿאַרוואַנדלען דעם אימפּעריאַליסטישן קריג אין אַ בירגער־קריג קעגן דער בורזשואַזיע פֿון אייגענעם לאַנד און אין יעדער מלוכה שטרעבן צו דער מפּלה פֿון דער אייגענער רעגירונג. אַלע רעגירונגען, וואָס באַטייליקן זיך אין דער מלחמה זענען אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען. די פֿעסטשטעלונגען פֿון דער בורזשואַזיע, אַז די מלחמה קומט מכלומרשט פֿאַר אין „פֿאַרטיידיקונג" פֿון באַדראָטן פֿאָטערלאַנד, איז אַ פֿולשטענדיקער ליגן. די צילן, וועלכע עס וויל דערגרייכן דער מלחמה־בלאָק פֿון ענגלאַנד, פֿראַנקרײַך און רוסלאַנד זענען פּונקט אַזוי פֿאַרכאַפּעריש ווי די שטרעבונגען פֿון די דײַטשן און פֿון עסטרײַך־אונגאַרן.

בלויז אין דער ערשטער מינוט האָבן זיך באַזונדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּן אין אייניקע לענדער אַרויסגעזאָגט קעגן דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, נישט פֿאַרנעמענדיק יעדנפֿאַלס אַזאַ דעצידירטע שטעלונג ווי די באָלשעוויקעס. מוטיק האָט אויפֿגעקלונגען דורך די קריגס־פֿראָנטן די שטים פֿון קאַרל ליבקנעכט און רויזאַ לוקסעמבורג אין דײַטשלאַנד, וועלכע האָט געשטעמפּלט דעם רויבערישן אימפּעריאַליזם און דעם פֿאַראַט פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פֿירער. מיט דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון די מלחמה־געשעענישן האָט זיך אונטערן אײַנפֿלוס פֿון דער טעטיקייט פֿון לענינען און פֿון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אויסגעברייטערט אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן געביט דער אומפֿאַנג פֿון די ווירקונגען פֿון לינקן סאָציאַליזם, וועלכער דערנענטערט זיך שטופּנווײַז צו די באָלשעוויקעס. לענין ווערט נישט מיד אין דער אַרבעט פֿון זאַמלען כּוחות מיטן ציל צו שאַפֿן אַ נײַעם רעוואָלוציאָנערן דריטן אינטערנאַציאָנאַל.

אין קרוין־פּוילן איז די ס״דקפּ״ל די פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך פֿון אָנהייב מלחמה געשטעלט אין אַנטיאימפּעריאַליסטישן לאַגער און אונטערשטיצט — כאָטש נישט שטענדיק קאָנסעקווענט — די פּאָליטיק פֿון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. אויך די לינקע פּפּס האָבן פֿאַרנומען אַן אַנטי־מלחמה־שטעלונג. דאָס האָט אַנטשפּראָכן די ענדערונגען, וועלכע זענען פֿאָרגעקומען אין דער פּאַרטיי אונטערן אײַנפֿלוס פֿון ס״דקפּ״ל. ביידע פּאַרטייען אָרגאַניזירן אָפֿט געמיינזאַמע ערשטמײַיקע דעמאָנסטראַציעס, געמיינזאַמע אַנטי־מלחמה־אַקציעס.

דאָך האָבן די לינקע פּפּס אין די יאָרן פון דער מלחמה אַרויסגעוויזן אַפּאָרטוניסטישע וואַקלונגען.

די פּרקפּל קלערט אויף געדולדיק די אַרבעטער-מאַסן, אַז נאָר דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף האַנט ביי האַנט מיטן רוסישן אַר-בעטנדיקן פאָלק און מיט די אַרבעטער פון אַנדערע לענדער איז אים-שטאַנד צו געבן אַ טויט-קלאַפּ די אימפּעריאַליסטישע פאַרכאַפּער, קירצן די מלחמה-יסורים פון די פעלקער און באַפרייען דאָס פאַר-שקלאַפטע פוילן. זי באַקעמפט אַנטשלאָסן די פאַרעטערישע אַנטי-אַרבעטנדיקע און אַנטי-פאָלקישע שטעלונג פון דער פּפּס-פּראַקציע אַנגעפירט דורך פּילסודסקין. זייענדיק שוין פון פיל יאָר אין דינסט פון עסטרייכישן און דייטשישן אויסשפּיר, האָט די דאָזיקע גרופּע צוזאַמען מיט דער פּפּסד אין גאַליציע „שוין פון פאַר דער מלחמה זיך פאַרבונדן פולקאָם מיט דער פאַרטיידיקונג פון די אינטערעסן פון עסטרייכיש-פּרייסישן אימפּעריאַליזם און זיך איבערגעגעבן אונטער זיין קאָמאַנדע אין דער צייט פון דער מלחמה" — שטעלט פעסט באָלעסלאַוו ביערוט אויף דעם קאָנגרעס פון פּזפּר. מיט דעם עסטרייכיש-פּרייסישן אימפּעריאַליזם איז געווען פאַרבונדן כמעט די גאַנצע פּוילישע בורזשואַזיע אין גאַליציע, דאַקעגן די פּוילישע באַזיצנדיקע קלאַסן אין פּויזן און אין קרוין-פּוילן האָבן זיך אָריענ-טירט אויף די מלוכות פון דער אַנטאַנטע, און קודם-כל אויפן צאַ-רישן רוסלאַנד.

נאָך דעם אָנהייב פון די קריגס-אָפּעראַציעס אין יאָר 1914 נעמט באָלעסלאַוו ביערוט אָנטייל אין דער פּראָפּאַגאַנדע-אַרבעט, וועלכע די פּרקפּל און לינקע פּפּס האָבן געפירט צווישן די לובלינער אַרבע-טער. זיינע אָנשווינגען זענען אַנטי-מלחמה און אַנטי-אימפּעריאַ-ליסטישע. ער לייגט פאַר אַרויסצוגעבן אַן אַנטי-מלחמה-אויפרוף צו די אַרבעטנדיקע מאַסן און פאַרנעמט זיך מיט דעם אומלעגאַלן דרוק פון דעם דאָזיקן אויפרוף. ער פאָרט קיין וואַרשע און דאָ פירט ער דורך אַ שמועס אין שייכות מיט דער אַנטי-מלחמה-טעטיקייט מיט דעם אַלטן פאַרדינסטפולן „פּראָלעטאַריאַט"-מיטגליד, טאַדעוש רעכ-ניעווסקי. קומט אין באַרירונג אויך מיט אַ גאַנצער ריי אַנדערע פּאָליטישע טוער. נאָך אַ קורצן אויפהאַלט אין וואַרשע, קערט ער זיך אום צוריק קיין לובלין. ער פירט ווייטער די אַנטי-מלחמה-אַרבעט, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער ווערט געזוכט פון דער רוסישער זשאַנדאַרמעריע, ווי איינער פון די פירער פון דער פּאַנאַנ-

דערגעלאזטער געזעלשאפט „צוקונפט”. אין צוזאמענהאנג דערמיט איז ער געצוווּנגען אויף א געוויסער צייט צו פארלאזן לובלין. ער האלט זיך אויף אין א דארף. ער האט איצט ווידער די מעגלעכקייט צו ווידמען א סך צייט פאר וויסנשאפטלעכער לעקטור אויסער דער פארדינסט-ארבעט. דאס גיט אבער נישט קיין פולע באפרידיקונג זיין אקטיווער נאטור. נאך עטלעכע חדשים קערט ער זיך צוריק אום קיין לובלין, וווּ ער אנטוויקלט ווייטער א לעבעדיקע געזעלשאפטלעכע טעטיקייט.

לובלין איז שוין אקופירט דורך דעם עסטרייכישן מיליטער. די אלץ וואקסנדיקע אפראוויזאציע-שוועריקייטן סטימולירן די ארטיקע טוער אונטערצונעמען א קאמף מיט דער ספעקולאציע און ברייטער צו אנטוויקלען די באשפייזונגס-קאאפעראציע. ביידע פארטייען — די פרקפל און לינקע פפס — שטיצן אונטער די דאזיקע אנטוויקלונג און שטרעבן אויסצונוצן די קאאפעראטיווע פלאצוווקעס פאר ארבעט צווישן די מאסן. דער אקטיווסטער טוער פון די לינקע פפס אויף דעם אפשניט פון דער לובלינער קאאפעראציע ווערט ביעלאק. דאס איז א פסעוודאנים פון באלעסלאוו ביערוט. די דאקומענטן, וועלכע ער באניצט, זענען ארויסגעגעבן אויפן נאמען פון רוסישן בירגער יעזשי באלעסלאוו ביעלאק. אזוי ארום האבן די פאליטישע פריינד געוואלט איינהיטן ביערוטן, וועלכער איז געווען אן עסטרייכישער בירגער — זיינע עלטערן האבן דאך געשטאמט פון דעם טייל פוילן, וואס איז געווען אקופירט דורך די עסטרייכער — פון ווערן גענומען צום מיליטער. פאר דער רעוואלוציאנערער באוועגונג איז געווען וויכטיק, אז ביערוט זאל טעטיק זיין אין לאנד, צווישן די ארבעטער און זעלנער, צווישן דעם פוילישן פאלק.

מיט דער ענערגיע, וועלכע איז אים אייגן, האט ביערוט אויסגעברייטערט די נעץ פון קאאפעראטיווע קראמען, געשאפן א געזעלשאפטלעך-דערציערישע אפטיילונג, ארגאניזירט ביי די קאאפעראטיוון קלובן און ביבליאטעקן און אנטוויקלט אן אויפקלעריש-קולטורעלע ארבעט. אינגיכן זענען די קאאפעראטיוון אין לובלין נישט בלויז א הילף פאר דער מאסן-מיטגלידערשאפט אינעם גובר זיין די דערנערונג-שוועריקייטן, נאר זיי פולסירן אויך מיט א געזעלשאפטלעך לעבן, פארלייכטערנדיק די אומלעגאלע ארבעטער-פארטייען צו קאנטאקטירן זיך מיט די ארבעטער.

די מענטשן, וועלכע האָבן געקענט באַלעסלאַוו ביערוטן אין יענער צייט דערמאָנען זיין אַרבעטסזאַמקייט, פּילזייטיקייט פון פאַר־אינטערעסירונגען און אויסערגעוויינלעכן אָרגאַניזאַטאָרישן טאַ־לענט. „ווי איינער פון די פירער פון דער לובלינער קאָאָפּעראַציע — דערציילט איינער פון די דאָזיקע מענטשן — האָט ער זיך נישט געשעמט פאַר קיין „שוואַרצער אַרבעט" (אַ זעלטענע דאַן דערשיי־נונג), ער האָט זיך גענומען צו יעדער אַרבעט. ווען ס'איז געווען ווייניק מענטשן אויסצופירן אַ וועלכע ס'איז דרינגענדיקע אַרבעט, האָט ער אַליין געשלעפּט זעק. ער האָט נישט „געשפּילט" דעם שעף און דירעקטאָר, אָבער ער איז געווען אַנטשלאָסן און פאָדערנדיק. זיינע מעלות האָבן אים פאַרשאַפן אַ גרויסן אויטאָריטעט צווישן די קאָלעגן און אַרבעטער.

אויפן געביט פון לובלינער דערנערונגס־קאָאָפּעראַציע איז פאַר־געקומען אַ ווייטערדיקע דערנעענטערונג פון סדקפּל מיט די לינקע פּפּס. עס זענען דאָרט געווען טעטיק מיטגלידער־קרייזן פון ביידע פּאַרטייען. ביערוט האָט זיך דעמלט באַפריינדעט מיט דעם פירער פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער יוגנט אין לובלין פון יענער צייט, ווינצעלד טאַמאַראַוויטש, אַן אויסערגעוויינלעך פעיקער מענטש, אין די שפּעטערדיקע יאָרן, איינער פון די הויפּט־אָנפירער פון דער קאָ־מוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן. „איך האָב אָרגאַניזירט אַ גאַנצע ריי אַרבעטער־קרייזן — דערציילט באַלעסלאַוו ביערוט — אין וועל־כע עס האָט אָנטיילגענומען טאַמאַראַוויטש און ווו ער איז אַרויסגע־טרעטן מיט רעפעראַטן. מיר האָבן זייער לאַנג צוזאַמענגעאַרבעט". די צוזאַמענאַרבעט פון דער לינקער פּפּס מיט סדקפּל האָט דערפירט אין די יאָרן 1915—1916 אין לובלין צו געמיינזאַמע ערשטמאַיקע דעמאָנסטראַציעס און אַנדערע מאַסן־אַקציעס. די סדקפּל און צוזאַמען מיט איר די לינקע פּפּס פירן אַן ענערגישן קאַמף מיט די איינפלוסן פון דער נאַציאָנאַליסטישער פּפּס־פראַקציע אויף דעם אַרבעטער־קלאַס און מיט אַלע כוחות שטעלן זיי זיך אַנטקעגן דער פּאָליטיק פון די פּילסודסקישע אַגענטן פון עסטרייכיש־דייטשן אימפּעריאַ־ליזם, וועלכער האָט באַדראָט די אינטערעסן פון אַרבעטנדיקן פאָלק.

אויף איינעם פון די מיטינגען פון דער פּילסודסקישער פּפּס אין לובלין, אויף וועלכן מען האָט אויסגעלויבט די גרויסמוטיקייט פון די עסטרייכיש־דייטשע אימפּעריאַליסטן פאַר דעם באַשענקען פּוילן מיט... אַן „אויטאָנאָמיע", איז אַרויסגעטרעטן באַלעסלאַוו ביערוט.

ער האט גענומען אווארט, כדי אויפצוקלערן דעם אמתן זין פון דעם דאזיקן צוזאג און ער האט געווארפן אן אירא‏נישע פראגע אויפן אדרעס פון די פפס: פון ווען אן האבן עס סאציאליסטן באקומען צוטרוי צו קעניגן? די ארגאניזאטארן פון מיטינג, דעמאסקירט אין דער אנוועזנהייט פון די פארזאמלטע ארבעטער, זענען געווען אויסער זיך פון כעס. די פעפעסישע באיוווקע האט ביערוטן באזייטיקט פון מיטינג.

פאר זיין דרייסטקייט האט ביערוט שיר נישט באצאלט מיט תפיסה. נאך דעם מיטינג האט די עסטרייכישע זשאנדארמעריע בעגנטער זיך פאראינטערעסירט מיט זיין פערזאן. בלויז א דאנק זיין גרויסער ניכטערקייט האט זיך ביערוטן איינגעגעבן ארויסצודרייען פון די זשאנדארמעשע לאפעס. ער איז דאך געווען געצוווּנגען צו פארלאזן לובלין.

עס איז שוין געווען דאס יאר 1917. די געשעענישן האבן זיך שנעל אנטוויקלט. דורך די קריגס-פראנטן זענען דערגאנגען צו די ארבעטער-מאסן פון דער גאנצער וועלט די ערשטע פריידיקע ידיעות וועגן דער זיך שטארקנדיקער רעוואלוציאנערער באוועגונג אויף דער צארישער ערד, וועגן מפלות אויפן פראנט, וועגן ארבעטער-שטרייקן און דעמאנסטראציעס, וועגן דעם נצחון פון דער בורזשואז-דעמאקראטישער פעברואר-רעוואלוציע. די דאזיקע רעוואלוציע איז רעאליזירט געווארן אונטער דער אנפירונג פון ארבעטער-קלאס, אין דער שפיץ פון וועלכן עס איז געשטאנען די באלשעוויסטישע פארטיי,ביים אנטייל פון די ברייטסטע מאסן פון ארבעטנדיקן פאלק פון שטאט און דארף — אבער די מלוכה-מאכט האט זיך צוליב דעם פאראט פון די מענשעוויקעס און עסערן געפונען אין די הענט פון דער בורזשואזיע. די מאסן האבן אומגעווארפן דעם צאריזם, פאדערנדיק שלום, ברויט און ערד, נאר די בורזשואזע רעגירונג אונטערשטיצט פון די מענשעוויסטישע און עסערישע פארעטער, האט ווייטער געפירט מלחמה, טאלערירט די ספעקולאציע-ארגיעס, אויסגעהונגערט די באפעלקערונג און נישט אנטאייגנט די פריצים.

עס האט זיך אנגעהויבן א נייער קאמפס-עטאפ פון דער באלשעוויסטישער פארטיי, א קאמף פאר דער מאכט פון די ראטן פון ארבעטער-פויערים-און זעלנער-דעלעגאטן, פאר חער דיקטאטור פון פראלעטאריאט. דער געניאלער געדאנק פון לענינען האט אנגעוויזן דער באלשעוויסטישער פארטיי, די ארבעטנדיקע מאסן פון רום-

לאַנד און פון דער גאַנצער וועלט דעם וועג, אויף וועלכן מע דאַרף גיין, כדי עס זאָל קענען זיגן די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע פון די אַרבעטער און פּויערים, די אמתע מאַכט פון פאָלק. אונטער דער אָנפירונג פון לענינען און סטאַלינען האָבן די רוסישע אַרבעטער און פּויערים דורכגעפירט די דאָזיקע רעוואָלוציע אין אָקטאָבער 1917. די בורזשואַזע רעגירונג פון קערענסקין איז געוואָרן אַראָפּגעוואָרפן. די מלוכה-מאַכט איז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע אָפּגענומען געוואָרן פון די אונטערדריקער און פאַריאָכער, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר אַ נישטיקן פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, און איבערגעגעבן אין די הענט פון די אַרבעטער און פּויערים, אין די הענט פון דער איבערוויגנדיקער מערהייט פון פאָלק.

די גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער וועלט. עס האָט זיך אָנגעהויבן די ערע פון סאָציאַליזם.

די ידיעה וועגן דעם זיג פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט אויפגעהויבן דעם מוט פון פּוילישן פאָלק. שוין די ערשטע דעקרעטן, וועלכע זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין נאָוועמבער 1917 דורך דער ראַטן-מאַכט, האָבן געשטעמפּלט די צעטיילונג פון פּוילן און פּראָקלאַמירט דעם פּרינציפּ פון פרייער זעלבסטבאַשטימונג פון פעלקער ביז אָפּרייסן זיך און שאַפן אַ זעלבשטענדיקע מלוכה. עס האָט זיך געשטאַרקט דער קאַמף פון אַרבעטער-קלאַס אין פּוילן קעגן דער מיליטערישער אָקופּאַציע פון דייטשיש-עסטרייכישן אימפּעריאַליזם, דער קאַמף קעגן דעם פאַרקויפן דורך דער פּוילישער בורזשואַזיע די פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פון פאָלק דאָ איינעם, דאָ אַ צווייטן אימפּעריאַליסטישן בלאָק. פּילסודסקי האָט פאַרקויפט די פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פון פאָלק דעם אימפּעריאַליזם פון דייטשלאַנד און עסטרייך, דמאָווסקי — די אימפּעריאַליסטן פון פראַנקרייך, ענגלאַנד און פאַראייניקטע שטאַטן.

די פּדקפּל האָט געוואָרנט דאָס פאָלק קעגן די פאַרעטערישע פּלענער פון די פּילסודסקים און דמאָווסקים, זאָגנדיק די מאַסן: בלויז אַ בונד מיטן אַרבעטנדיקן פאָלק פון רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד און טרייִשאַפט די לאָזונגען פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט פון פעלקער אין קאַמף מיטן אימפּעריאַליזם זענען אומשטאַנד צו צערייסן די קייטן פון דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער פאַרקנעכטשאַפט פון פאָלק.

III

אַ קליינע דאָרפישע באַלעבאַטישקייט אין דאָמבראָוויצע הינ־טער לובלין. אַ געוויינלעכע פּויערישע כאַטע, ווירטשאַפטס־בנינים, פיר העקטאַר ערד. אויסבאַהאַלטנדיק זיך פאַר דעם עסטרייכישן אָקופּאַנט, האַלט זיך אויף דאָ ביי באַקאַנטע שוין פון עטלעכע חדשים ביערוט...

ביערוט קאָן נישט פאַרליידן קיין ליידיק אַרומגיין. ער איז אויסגעוואַקסן אין דער האַרטער שול פון לעבן און ער שעצט איבער אַלץ מענטשלעכע מי. אין דער אַרבעט אָנערקענט ער נישט קיין טאַנדעטקייט, קיין שלימזלדיקייט. ער אַליין באַמיט זיך שטענדיק מיט אַלע כוחות ווי צום בעסטן אויסצופירן יעדע אויפגאַבע — דאָס זעלבע פאָדערט ער פון אַנדערע. זייענדיק אין דאָמבראָוויצע אַרבעט ער צוגלייך מיט די באַלעבאַטים: פּאַרזייט, גראָבט, קאָסעט, מלוי־צעט. נאָך דער אַרבעט לייענט ער אַסך אין זיין בוידעם־שטיבל, וואָס דינט אים ווי אַ שלאָף־צימער און אַרבעט־צימער. „מיר האָבן באַוווּנדערט — דערציילן די באַלעבאַטים — זיין אויסערגעוויינלעכע פיזישע און גייסטיקע אַרבעטזאַמקייט. מיר האָבן דאָס פיל מאָל גע־בראַכט צום אויסדרוק, פאַרלייגנדיק אים זיך אָפּצורוען". דער בעס־טער אָפּרו איז „דער טויש פון גייסטיקער אַרבעט אויף פיזישער און פאַרקערט" — האָט געענטפערט ביערוט. ער האָט דאָך געפונען פרייע מינוטן, כדי צו שפּילן זיך מיט די קינדער. „ער איז געווען דער ליבלינג פון די קינדער" — שטעלן פעסט די באַלעבאַטים.

ביערוט האָט אויסגענוצט זיין אויפהאַלט אין דאָמבראָוויצע, כדי נאָרמאַל צו קומען אין אַ נעענטערע באַרירונג מיט די פּויערים.

ווי עס גיבן איבער באַקאַנטע „פּלעגט ביערוט ארומגיין איבערן דאָרף, פאַרשנדיק דאָס לעבן פון די פּויערים נישט פון דער ליטעראַטור, נאָר אוממיטלבאַר פון לעבן. ער האָט זיך באַקענט נישט בלויז מיט זייער יאָנטעוודיק לעבן, נאָר אויך מיט דעם טאָג־טעגלעכן. ער האָט אויסגעפרעגט די פּויערים וועגן איינצלהייטן אין זייער לעבנס־שטייגער. זיין פאַראינטערעסירונג מיט די ענינים פון דאָרף איז געוואַקסן נאָך מער, ווען די אָנגעקומענע ידיעות פון רוסלאַנד האָבן עדות געזאָגט וועגן אַ ברייטן אָנטייל פון די פּויערישע מאַסן אין דער רעוואָלוציע. דערווייל האָבן נאָך ביידע אַרבעטער־פאַרטייען אין פּוילן נאָך אַלץ נישט דערשאַצט אין זייער טעטיקייט די באַדייטונג פון די פּויערישע מאַסן ווי פאַרבינדעטע פון פּראָלעטאַריאַט אין דעם באַפרייונגס־קאַמף.

אינגיכן האָט זיך ביערוט געפונען אין וואַרשע אויף אַ געזעלשאַפטלעך־ווירטשאַפטלעכן קורס פאַר קאָאָפּעראַטיווע טוער.

דאָס זענען געווען די שטורעמדיקע חדשים פון יאָר 1918, ווען אונטער דער ווירקונג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז געוואַקסן די יוירונג צווישן די זעלנער אויפן פראָנט און עס האָבן זיך פאַרשטאַרקט די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען אין די מערב־מלוכות, באַזונדערס אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך. איין דורכפאַל נאָכן צווייטן האָט פאַרפאָלגט דעם דייטשיש־עסטרייכישן אימפּעריאַליזם אויף די קריגס־פראָנטן, פאָרויסזאָגנדיק אַ באַלדיקע מפּלה. אין דער זעלבער צייט איז פון פּעטראָגראַד און מאָסקווע דערגאַנגען אין לאַנד די עכאָס פון די ווייטערדיקע געשעענישן, וועלכע האָבן פאַרטיפט די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע. ווי אַ מעכטיקער אָנזאָג פון נאָענטער באַפרייונג האָבן אויפגעהילכט פאַרן אַרבעטנדיקן פאָלק פון פּוילן די ווערטער פון דעקרעט פון דעם ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן פון 29־טן אויגוסט 1918 וועלכע מעלדן, אַז „אַלע אָפּמאַכן און אַקטן, וועלכע זענען געשלאָסן געוואָרן דורך דער געוועזענער צאַרישער רעגירונג מיט דער רעגירונג פון פּרייסישן קעניגרייך און עסטרייך־אונגאַרישער מאָנאַרכיע און האָבן אַ שייכות צו דער צעטיילונג פון פּוילן, ווערן דערמיט אָפּגעשאַפן אויף שטענדיק צוליב דעם, וואָס זיי זענען אין קעגנזאַץ צו דעם פּרינציפּ פון זעלבסבאַשטימונג און צום רעוואָלוציאָנערן און רעכטלעכן באַוווסטזיין פון רוסישן פאָלק, וואָס האָט אָנערקענט די אומצעטיילבאַרע רעכט פון פּוילישן פאָלק צו איינקייט און אומאָפּהענגיקייט".

דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין וואַרשע האָט אַלץ לעבעדיקער פּולסירט. די אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך דאָ אַנטוויקלט „אינטענסיווער איידער ווי אין לובלין, און אירע אָרגאַניזאַציאָנעלע יסודות זענען געווען אומפאַרגלייכלעך ברייטער — גיט איבער באָלעסלאַוו ביערוט וועגן דעם יאָר 1918. — די רעוואָלוציאָנערע איבערקערעניש אין רוסלאַנד האָט שטאַרק געווירקט אויף אויפהייבן די שטימונגען אויך ביים פּוילישן אַרבעטער־קלאַס. עס איז געוואָרן קלאָר, אַז די מלחמה איז אַריינגעטרעטן אין איר לעצטער פאַזע, אַז עס צייכנט זיך אָן אַלץ מער דייטלעך דער באַנקראָט פון דער אָפּאָרטוניסטישער און רעאַקציאָנערער שטעלונג, וועלכע האָט דערפירט צו צעקלאַפּן די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט פון דער וועלט פון אַרבעט, צונעמענדיק ביי איר די כוחות און די מעגלעכקייט אַנטקעגנצושטעלן זיך דער צעשטערערישער טעטיקייט פון די אימפּעריאַליסטישע מלחמה־עלעמענטן. די רוסישע רעוואָלוציע האָט קלאָר און דייטלעך דערקלערט די רעכט פון פּוילישן פאָלק צו פולער אומאָפּהענגיקייט און זעלבסטבאַשטימונג פון אייגענעם גורל. פאַר יעדן פּאָליאַק איז געוואָרן אַלץ מער קלאָר, אַז נאָר אויף די חורבות פון די פאַרכאַפּערישע אימפּעריאַליסטישע מלוכות קען פּוילן אויפלעבן איר מלוכהשע און נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ. דאָס פּוילישע אַרבעטער־פאָלק האָט טאַקע דעריבער מיט חוזק־וערטלעך און פאַראַכטונג באַגריסט דעם נאָר וואָס אַנטשטאַנענעם אין וואַרשע „ציטווייליקן שטאַנדן־ראַט” און דערנאָך „רעגענצן־ראַט”, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן דורך די אָקופּאַנטן אין נאָוועמבער 1917. נישט געקוקט אויף די דאָזיקע אָפּנאַרערישע איינשפּריצונגען פון דער אָקופּאַציע־מאַכט, זענען די פיינטלעכע שטימונגען צו איר מצד דער געזעלשאַפט נישט קלענער געוואָרן, נאָר געוואַקסן. די אויפרודערונג, וועלכע ס'האָט אַרויסגערופן דאָס פאַלן פון פאַרהאַסטן צאַריזם און די אָנקומענדיקע ידיעות פון גרויסן געזעלשאַפטלעכן שלאַכטפעלד אויפן שטח פון רוסלאַנד, האָט זיך אויסגעדריקט קודם כל אינעם וווּקס פון דער אַקטיוויטעט פון וואַרשעווער אַרבעטער־קלאַס”.

ביערוט איז אָפט געקומען אין אַרבעטער־קלוב אויפן נאָמען פון „פּראָלעטאַריאַט”־מיטגליד טאַדעוש רעכניעווסקי, וועלכער איז געשטאָרבן אין יאָר 1916. אין דעם קליינעם לאָקאַל פון דעם דאָזיקן קלוב אויף דער שוויענטאָקזשיסקאַ־גאַס האָט דעמלט געווימלט פון

מענטשן. אין די אוונטן האבן זיך געפירט לאנגע דיסקוסיעס, מען האט זיך איבערגעגעבן די ידיעות וועגן דער אנטוויקלונג פון די געשעענישן אין יאר 1918, וועגן דעם, וואס קומט פאר אויפן פראנט, וועגן די שטימונגען אין לאנד. מיט פארערונג האט מען איבערגע־חזרט די נעמען פון די פירער פון דער רעוואלוציע, פון לענינען און סטאלינען, ווי אויך די נעמען פון די פאליאקן־רעוואלוציאנערן — דזיערזשינסקי, מארכלעווסקי און אנדערע, וועלכע האבן אין די ריי ען פון דער באלשעוויסטישער פארטיי געקעמפט „פאר אייער און אונדזער פרייהייט". אין קלוב זענען אפט געקומען באקאנטע פאר־טייאישע טוער. דא האט זיך ביערוט באקאנט מיט איינעם פון די פירער פון דער לינקער פפס, מאריא קאשוטסקא. דער קלוב האט פארלייכטערט די פירער פון דער אומלעגאלער פארטיי איינצוהאלטן פארבינדונג מיט די מאסן־מיטגלידער.

באלעסלאוו ביערוט, ווי א יונגער געזעלשאפטלעכער טוער, וואס איז פאליטיש דערפארן און באקאנט צוליב זיין אפעראטיווקייט, באקומט שווערע, פאראנטווארטלעכע פארטייאישע אויפגאבן. אין דער מאס, ווי עס דערנענטערן זיך אין הארבסט 1918 דעצידירנדיקע פאליטישע געשעענישן, ווערן די דאזיקע אויפגאבן אלץ מער.

אין אקטאבער ווערן ענדגילטיק איינגעבראכן די קריגס־פראנטן, די רעוואלוציאניזירטע זעלנער פון דער דייטשיש־עסטרייכישער ארמיי ווילן מער נישט אנטיילנעמען אין דער אימפעריאליסטישער שחיטה און קערן זיך אום אהיים. דער פלאם פון רעוואלוציע האט זיך איבערגעטראגן פון לאנד פון די ראטן קיין דייטשלאנד און עסטרייך, עס האבן זיך אנגעהויבן בילדן אומאפהענגיקע מלוכות אויף דער טעריטאריע פון טשעכאסלאוואקיע, אונגארן, יוגאסלאוויע. דער פראצעס פון צעלייגונג האט ארומגענומען אויך די מאכט־ארגאנען פון די דייטש־עסטרייכישע אקופאנטן אויף דער פוילישער ערד — אין קאנגרעס־פוילן, אין גאליציע, אין פויזן און שלעזיע. דער הויך פון דער מעכטיקער אקטאבער־רעוואלוציע האט געגעבן א טויט־קלאפ די קייזערס, דער „אומבאזיגבארער" פרייסישער גענעראציע, די שטענדיקע אונטערדריקער פון פיל פעלקער, די אונטערדריקער פון פוילישן פאלק.

דער מארקסיסטישער געדאנק, וועלכער איז געלעגן אין יסוד פון דער טעטיקייט פון דער רעוואלוציאנערער ארבעטער־באוועגונג

איז זיגרייך דורכגעגאַנגען דעם פּרוּוו פון דער געשיכטע. דער דאָזיקער געדאַנק האָט פון דער אַנטשטייונג פון די ערשטע וואַרינסקי־קרייזן דורך די קאַמפּן פון „פאַרבאַנד פון פּוילישע אַרבעטער" און פּדקפּל געפירט די פּוילישע אַרבעטער־מאַסן אויף דעם איינציק ריכטיקן וועג פון וואָפן־פאַרברידערונג פון גאַנצן אַרבעטנדיקן פאָלק אין אַלע אָקופּירטע טיילן, אויפן וועג פון אינטערנאַציאָנאַליזם און סאָציאַלער רעוואָלוציע. נאָר די רעוואָלוציע — האָבן געזאָגט די קעמפער פאַר דער געמיינזאַמער זאַך פון אַרבעטנדיקן פאָלק — איז אימשטאַנד צו צערייסן די קייטן פון פאַרשקלאַפונג און באַפרייען פוילן. די געשיכטע האָט זיי אָנערקענט דעם אמת, און נישט דער נאַציאָנאַליסטישער פּפּס, נישט דער פּוילישער בורזשואַזיע.

אין די דאָזיקע איבערברוך־וואָכן, אויסגעפילטע אין די לענדער פון אייראָפּע מיט שאַרפע קלאַסן־קאַמפן, האָט זיך אויך געוויגט דער גורל פון פוילן. פון דעם, ווער עס וועט איבערנעמען די מאַכט אין זיינע הענט, די אַרבעטער־מאַסן, צי די בורזשואַזיע, איז אָפּהענגיק געווען דער אַנטוויקלונגס־וועג פון אונדזער פאָטערלאַנד. עס האָט זיך געהאַנדלט אין דעם, צי פוילן וועט ווי דאָס ראַטנלאַנד גיין אויפן וועג פון ראַדיקאַלע סאָציאַלע ענדערונגען, וועגן וועלכע עס האָבן געחלומט די ליכטיקע מוחות פון קאָלאָנטאַיען און סטאַשיצן, דעמבאָווסקין און יאַראָסלאַוו דאָמבראָווסקין, וואַרינסקין און קאָספּזשאַקן, באַראָנען, דזיערזשינסקין און מאַרכלעווסקין, צי עס וועט דאַקעגן זיין אַ פּאָלוואַרק פון אַ הייפל אויסנוצער, ווי דאָס האָבן באַגערט די טאַרגאָוויצער — די בראַניצקים, טשאַרטאָריסקים, וויעלאָפּאָלסקים און זייערע אידעישע יורשים, די פּילסודסקים און דמאָווסקים. אין ערשטן פאַל וואָלט די אומאָפּהענגיקייט פון פאָטערלאַנד מיט יעדן יאָר געוואָרן דויערהאַפטיקער אַ דאַנק דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירכוחות, דעם פאַנאַנדערבלי פון בילדונג און קולטור און דער וואַקסנדיקער אייניקייט פון פאָלק. דאַקעגן דער צווייטער וועג האָט אומפאַרמיידלעך געפירט צו האַמעווען די פּראָדוציר־כוחות פון לאַנד, צו מאַכן עס אָפּהענגיק פון די אימפּעריאַליסטישע מלוכות, צו דער צוריקגעשטאַנענקייט פון פוילן און צו דער געפאַר פון אַ נייער פאַרשקלאַפונג פון פאָלק.

די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אָנגעשטרענגט אַלע כוחות, כדי אויף דער כוואַליע פון אַלגעמיינעם רעוואָלוציאָנערן צופלוס אין אייראָפּע פאַרזיכערן פוילן אַ פּראָגרעסיווע ליניע

פון אנטוויקלונג, איינהייטן דאס פאלק פון קאפיטאליסטישער פאר־שקלאפונג, פון נייע אימפעריאליסטישע מלחמות, פון א נייער פאלקס־קאטאסטראפע.

אין אקטאבער־נאוועמבער פון יאר 1918 זענען ביידע רעוואלו־ציאנערע פארטייען, די סדקפל און לינקע פפס, ארויס פון דער אונ־טערערד פון אומלעגאליטעט, רופנדיק די מאסן אויף דער גאס, צום קאמף פאר דער מאכט. עס הייבט זיך אן די אנטוואפענונג פון דייטשישן און עסטרייכישן מיליטער. עס אנטשטייען די ערשטע זוימען פון דער נייער מאכט אין דער פארם פון ראטן פון ארבעטער־דעלע־גאטן. גלייכצייטיק אבער אנטוויקלט א פיבערהאפטע טעטיקייט די פוילישע בורזשואזיע, כדי איינצוהאלטן די מאסן אין די ראמען פון געהארזאמקייט, אפנארן זיי און אויסבויען אן אייגענעם אפאראט פון געוואלד. „אומעטום צווישן די ארבעטער — דערציילט ביערוט וועגן יענעם פעריאד — האט זיך ארויסגעפילט די פארשטענדעניש פאר דער איבערברוך־באדייטונג פון די זיך אנטוויקלנדיקע געשעע־נישן. אויף די מיטינגען און פארזאמלונגען, וועלכע זענען צונויפ־גערופן געווארן די לעצטע טעג, זענען געקומען מאסן, וועלכע האבן זיך אפגעגעבן א רעכענונג דערפון, אז דער פאליציייאישער געוואלד־אפאראט פון אקופאנט וואגט שוין נישט ארויסצוטרעטן מיט דער פריערדיקער פאררימנקייט".

באלעסלאוו ביערוט ארבעט מיט ביים ארגאניזירן די דאזיקע מיטינגען. איינער פון די גרעסטע איז פארגעקומען עטלעכע טעג פאר דעם אוועקגיין פון די דייטשן פון ווארשע אויף דעם ריזיקן הויף פון א ראגאווע הויז, ווו די אייזן־גאס שניידט אדורך די לעש. עס האט זיך דארט צונויפגעזאמלט, ווי עס גיט איבער ביערוט, „א פילטויזנטדיקע ארבעטער־מאסע, נישט געקוקט אויף די פונאנדער־געשטעלטע זשאנדארמעריע־וואכן, וועלכע האבן געמאלדן וועגן דעם פאראט און אויפלייזונג פון דער פארזאמלונג. דער עולם האט נישט אפגעטרעטן פון פלאץ. דעמלט האט די זשאנדארמעריע געפאדערט פארשטארקונגען, און אינגיכן זענען אנגעפארן אפטיילן באוואפנטע מיט מאשינען־געווער. א טייל פון עולם האט פארמירט א צוג און מיט געזאנג אוועק איבער די גאסן".

אין די זעלבע טעג הייבן אן אין ווארשע צו זיין טעטיק די ראטן פון די ארבעטער־דעלעגאטן. „איך בין געווארן צוגעטיילט צו אר־גאניזירן די ראטן — דערציילט ווייטער ביערוט. — דאס זענען גע־

ווען די ערשטע ראַטן פון די אַרבעטער־דעלעגאַטן. מען האָט זיי געשאַפן אין די באַן־וואַרשטאַטן ביי דער גריצער קאָלייקע, אין צוויי פאַבריקן אויף טשערניאַקאָוו און אין פיל אַנדערע וואַרשעווער פאַבריקן״.

צוזאַמען מיט אַנדערע טוער פון ביידע אַרבעטנדיקע פּאַרטייען באַזוכט ביערוט פאַבריקן און וואַרשטאַטן, רעדט צו די אַרבעטער, קלערט אויף די סיטואַציע, רופט צו אָרגאַניזירן ווייטערדיקע ראַטן פון דעלעגאַטן. די פאַרשטייער פון סדקפּל און לינקע פּפּס האָט מען אומעטום באַגריסט מיט פריינדלעכקייט. די מאַסן האָבן פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון די ראַטן פאַר דער געשטאַלטיקונג פונעם גורל פון לאַנד און אין אַ דערהויבענער שטימונג דורכגעפירט די וואַלן פון די דעלעגאַטן.

ווי אַ פאַרביסענער קעגנער פון שאַפן די ראַטן איז פון דער ערשטער מינוט אַרויסגעטרעטן די פילסודסקישע פּפּס. ביערוט דערמאָנט אַ טיפּישן פאַל אין דער הינזיכט, אויף וועלכן ער האָט זיך אָנגעטראָפן אויף אַ פאַרזאַמלונג אין די רעפּעראַציע־וואַרשטאַטן פון דער צופּאַר־קאָלייקע אויף דער פאָלנע גאַס. נאָכן אָפּשטימען די רעזאָלוציע, וועלכע האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אָנטיילנעמען אין די ראַטן, האָבן שוין געדאַרפט פאָרקומען די וואַלן פון די דעלעגאַטן, ווען אין זאַל האָט זיך פלוצים אַריינגעריסן אַ גרופּע פּעפּעסאָווצעס מיט זיגמונט גאַרדעצקין אין דער שפּיץ. די עלטערע וואַרשעווער אַרבעטער געדענקען נאָך גוט ביז היינט די שפּאַלטערישע און שפּיצלערישע אַרבעט אין דער צייט פון צווישן ביידע־וועלט־מלחמות פון דעם דאָזיקן „טוער״ פון דער רעכטער פּפּס, און שפּעטער פון דער אָפּן פאַשיסטישער בבס. אַריינרייסנדיק זיך אויף דער פאַרזאַמלונג, האָט גאַרדעצקי געפאָדערט צו מאַכן אַ סוף צו די באַראַטונגען און אויפהערן מיט דער „באָלשעוויסטישער דיווערסיע״, דראָענדיק די רעוואָלוציאָנערע טוער „אָפּצורעכענען זיך מיט זיי לויט אַנדערע מעטאָדן״. כדי צו באַרואיקן די אַרבעטער, האָט ער גלייכצייטיק באַקאַנט געמאַכט, אַז די פּפּס נעמען זיך אונטער צו בילדן אַ פאָלקס־רעגירונג, „אין וועלכער דער אַרבעטער־קלאַס וועט זיך ווי געהעריק באַטייליקן״.

נישט געקוקט אויף דער קעגנווירקונג פון פּפּס זענען ווייטער אַנטשטאַנען אַרבעטער־ראַטן. אין זאַגלעמביע האָבן די אַרבעטער געשאַפן אַ רויטע גוואַרדיע, ווי דעם באַוואָפנטן אָרעם פון די אַר־

בעטער־דעלעגאַטן. דעמלט האָט די רעכטע פּפּס אַנגעהויבן אַנ־ווענדן אַנדערע מעטאָדן. די פּעפּעסאָווצעס האָבן געשאַפן אייגענע פּאַרטייאישע „ראַטן", סאַבאָטירט די רעוואָלוציאָנערע באַשלוסן פון די עקזיסטירנדיקע ראַטן און געטאָן אַלץ, כדי פון אינעווייניק און אויסנווייניק צו צעקלאַפּן די אָרגאַנען פון קאַמף פון אַרבעטנדיקן פאָלק פאַר דער מאַכט, וועלכע זענען געווען אַזוי געפערלעך פאַר די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע.

ביערוט, פונקט ווי די אַנדערע טוער פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט זיך אויף יעדן טראָט אָנגעטראָפן מיט דער אַלץ מער פאַרעטערישער אַרבעט פון די רעכטע פּפּס אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. אין לובלין, ווו ער קערט זיך אום אינגיכן, כדי דאָרט זיך צו שטעלן אין דער שפּיץ פון דער קאָאָפּעראַציע־באַוועגונג און נעמען אָנטייל אין די אַרבעטן פון לובלינער דעלעגאַטן־ראָט, איז ביערוט אַן עדות פון דער געוויינלעכער דיווערסיע פון די רעכטע פּפּס. דאָ טאַקע האָט דאַשינסקי דורכגעפירט די „אויפלייזונג" פון זיין ליגנערישער פאָלקס־רעגירונג, איבערגעבנדיק די מאַכט פּילסודסקין, דעם „אַרעסטירטן" פון מאַגדעבורג, וועלכן די דייטשן האָבן איבערגעפירט קיין וואַרשע. פּילסודסקי ווידער, ווי ער אַליין האָט זיך אויסגעדריקט, האָט „געשטעלט אויף אַכטונג" אַ צווייטן פירער פון די רעכטע פּפּס, מאָראַטשעווסקין, פאַרפליכטנדיק אים צו שאַפן אַ נייע רעגירונג.

די רעגירונג פון מאָראַטשעווסקין, באַנוצנדיק זיך מיט דעם מאַכט־אַפּאַראַט און געווער פון דייטשישן אָקופּאַנט, ווי אויך מיט די אייגענע באַיוווקעס, האָט אָנגעהויבן צעגראַמירן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג. עס ווערן געמאַכט פיבערהאַפטע צוגרייטונגען צו פאַרכאַפּן די אוקראַינישע און ווייסרוסישע ערד, צום מאַרש אויף קיעוו. גלייכצייטיק פאַרנאַכלעסיקט פּילסודסקי פון דער ערשטער מינוט דעם ענין מיטן פּוילישע שלעזיע, מיט וואַרמיע און מאַזוריע. די ערד איז איבערגעבליבן אין די הענט פון די גרויסע ערד־באַזיצער, אין די פאַבריקן האָבן געבאַלעבאַטעוועט די קאַפּיטאַליסטן. די בורזשואַזיע האָט געקענט לייכט אָפּטעמען — די ערשטע שלאַכט אין נאָכמלחמהדיקן קלאַסן־קאַמף וועגן דעם אַנטוויקלונגס־וועג פון באַפרייטן פאָטערלאַנד האָט זיך פאַרענדיקט פאַר איר זיגרייך. לייכט האָבן אויך אָפּגעטעמט די נייע באַלעבאַטים פון פּילסודסקין, די פראַנצויזישע און אַנגלאָ־אַמעריקאַנישע

אימפעריאַליסטן. אין געשטאַלט פון דער קאַפּיטאַליסטישער מאַכט אין פּוילן איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ באַריערע צווישן ראַטן־לאַנד און דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אויף מערב, איז אַנט־שטאַנען אַ שטורעם־אָפּטיילונג פון אימפּעריאַליזם צום קאַמף מיט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

די סיבה פון דורכפאַל פון די פּוילישע אַרבעטער־מאַסן אין קאַמף פאַר דער מאַכט אין יאָר 1918 איז געווען — ווי ביערוט זאָגט — סיי די צעשפּאַלטונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, סיי איר אידעאָלאָגישע נישט רייפקייט". די דאָזיקע צעשפּאַלטונג, וועל־כע איז דורכגעפירט געוואָרן דורך די אָפּאָרטוניסטישע און נאַציאָ־נאַליסטישע עלעמענטן פון פּפּס אין די ניינציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, האָט די קאַפּיטאַליסטן און פּריצים געגעבן די מעג־לעכקייט אָפּצונאַרן דעם אַרבעטנדיקן פאָלק, צו אַנטשלייפן זיין וואַכזאַמקייט, אָנצוווענדן אַ כיטרע דיווערסיע לגבי דעם באַפריי־ונגס־קאַמף פון די פאָלקס־מאַסן.

אין וואָס איז באַשטאַנען די אידעאָלאָגישע נישט־רייפקייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג? פאַרוואָס האָט זיך אין יאָר 1918 נישט איינגעגעבן — נישט געקוקט און קעגן דער פאַרעטערישער טעטי־קייט פון די אַגענטן פון דער בורזשואַזיע אין דער אַרבעטער־באַוועגונג — צו פאַראייניקן די פאָלקס־מאַסן פון דאָרף און שטאָט אונ־טער דער פאָן פון דער רעוואָלוציע, נישט צו דערלאָזן, אַז די בור־זשואַזיע זאָל איבערנעמען די מאַכט, און באַפעסטיקן די מאַכט פון פאָלק?

„כדי צו אַנטשפּרעכן — ענטפערט אויף דער פראַגע באָלעסלאַוו ביערוט אויף דעם קאָנגרעס פון פּזפּר — דער ראָל פון אַ העגעמאָן, פון אַ פירער, וואָס פירט פאַרבינדעטע, וועלכע טרויען אים, צו אַ דעצידירטן קאַמף, דאַרף מען פריער טיף זיך צואייגענען די טעאָ־ריע וועגן דעם, ווער קען זיין אַ פאַרבינדעטער פון פּראָלעטאַריאַט, וועלעכער דאַרף זיין דער פּאָליטישער פּראָגראַם פון דעם בונד, אין וואָס דאַרף קומען צום אויסדרוק די אָנפירנדיקע ראָל פון אַרבעטער־קלאַס אין דער רעוואָלוציע, וועלכע לאָזונגען קאָנען מאָביליזירן די מאַסן, וועלכע קאָנקרעטע אָרגאַניזאַציאָנעלע אויפגאַבן שטעלט פאַר דער פּאַרטיי דאָס פּראָבלעם פון קאַמף פאַר דער מאַכט. די בורזשו־אַזיע האָט באַצייטנס צוגעגרייט די אינסטרומענטן פון איר מאַכט. זי האָט גענאָסן דערביי פון דער הילף פון אָקופּאַנט, וועלכער האָט

די אָנהייבן פון דער אָרטיקער מאַכט, אײנגאַנצן פון זיך אָפּהענגיק, אָרגאַניזירט שוין אין דעם מאָמענט, ווען דער דאָזיקער אַטום איז אים געוואָרן נויטיק צוליב דער געענדערטער לאַגע אין דער מלחמה, נעמלעך, שוין אין יאָר 1916. די בורזשואַזיע האָט אָנגעהייבן פון אָרגאַניזירן אַ באַוואָפנטע קראַפט, ווייל אַ באַוואָפנטע קראַפט איז דער גרונטיקער באַדינג פון באַפעסטיקן די מאַכט. די אַרבעטער פון זאַגלעמביע, געפירט פון אייגענעם קלאַסן־אינסטינקט, האָבן אָנגע־הויבן פון אָרגאַניזירן אַ באַוואָפנטע קראַפט, אָבער די צענטראַלע אָנפירערשאַפט פון דער פּאַרטיי האָט נישט באַוויזן נישט אונטערצו־שטיצן, נישט אויסצובריייטערן די דאָזיקע אויסערגעוויינטלעך וויכ־טיקע איניציאַטיוו. די בורזשואַזיע האָט דערשאַצט די באַדייטונג פון די אַרבעטער־ און פּויערים־מאַסן, און דעריבער האָט זי זיך באַמיט אויפן וועג פון שווינדלערישע מאַנעוורען אַרויסצורופן ביי די מאַסן די אילוזיע, אַז די נייע פּוילישע רעגירונג איז אַ פאָלקס־רעגירונג. די רעכטע פּפּס האָט פאַרזיכערט די מאַסן, אַז די מאַכט אין פּוילן פירט אויס אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג. די סדקפּל און לינקע פּפּס האָבן נישט באַוויזן צו דעמאַסקירן ווי געהעריק דעם דאָזיקן שווינדל אין די אויגן פון די מאַסן”.

זיי האָבן נישט באַוויזן צו דעמאַסקירן דעם דאָזיקן שווינדל, זיי האָבן אויך נישט באַוויזן צו פירן דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק פון שטאָט און דאָרף צום זיג אין קאַמף פאַר דער מאַכט. די סיבה דער־פון זענען געווען די נישט איבערגעוווּנדעטע אָפּאָרטוניסטישע פע־לערן פון דער לינקער פּפּס און לוקסעמבורגישע פעלערן פון סדקפּל.

עס זענען נויטיק געווען לאַנגע יאָרן פון אויסערגעוויינלעך שווערע דערפאַרונגען איידער די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַ־וועגונג אין פּוילן איז רייף געוואָרן צו דער ראָל פון אַן אמתן פירער פון אַלע אונטערדריקטע און עקספּלואַטירטע, איידער זי האָט זיך אויסגעלערנט ווי געהעריק דעמאַסקירן די שווינדלערייען פון קלאַסן־פיינט און זיינע אַגענטן.

צוזאַמען מיט אַנדערע טוער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועַ־גונג האָט ביערוט אין שווערער מי פאַרן וווילזיין פון די אַרבעטנ־דיקע מאַסן דערוואָרבן די נויטיקע דערפאַרונג, איז געוואָרן מיט יעדן יאָר אַן אַלץ מער רייפער, און אַלץ מער דערפאַרענער זון פון זיין קלאַס, פון זיין פאָלק.

באַלעסלאַוו ביערוט טרעט אַריין אינגיכן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן, וועלכע איז אַנטשטאַנען אין דעצעמבער 1918 פון דער פּאַראייניקונג פון סדקפּל און לינקע פּפּס. ער האָט געפילט די נויטווענדיקייט פון דער דאָזיקער פּאַראייניקונג, פונלאַנג זי באַגערט. און ווען ס'איז געקומען די צייט פון פּאַרטייאישער אייניקייט, האָט ער זיך געפונען אין די ערשטע רייען פון די קעמפּנדיקע, איבערגייענדיק פון איין אָנפּאַרטרויטער אים פּלאַצווקע אויף אַ צווייטער, פון איין וואַכפּאָסטן פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף אויף אַ צווייטן, נאָך מער שווערן, מער געפערלעכן.

IV

ווי ווייט דאס אויג גרייכט — פאבריקס-געביידעס און אין דער
הייך שטייגנדיקע קוימענס. געדיכט באזעצטע שטעטלעך און ישו-
בים. איבערן ברייטן שטח — א גרויסער נעפל פון רויך. דא וווינט,
ארבעט און קעמפט פון דורות די פארוויסגייענדיקע ארמיי פון פוי-
לישן פראלעטאריאט. צענדליקער טויזנטער בארג-ארבעטער, הוטע-
ארבעטער און מעטאליסטן היטן אפ אומפארענדערלעך זייער טריי-
שאפט דער רעוואלוציאנערער ארבעטער-באוועגונג. דאמבראווער
זאגלעמביע, טשערוואנע זאגלעמביע...

אין פרילינג 1919 איז קיין זאגלעמביע אנגעקומען דעלעגירט
דורכן פארבאנד פון די ארבעטער-קאאפעראטיוון פון דערנערונג
באלעסלאוו ביערוט. אין משך פון דריי חדשים מעסט ער דורך אין
דער לענג און אין דער ברייט די אינדוסטרי-צענטרען, טרעט ארויס
אויף הונדערטער פארזאמלונגען, כאפט א קוק אין די גרובנס, אין
די הוטעס און וווינונגען, איבערצייגט און ארגאניזירט. אין רעזול-
טאט פון דער דאזיקער אלזייטיקער ארבעט וואקסט אויס אין זא-
גלעמביע א נעץ פון דערנערונגס-קאאפעראטיוון. די ניי-אנטשטא-
נענע פלאצוווקעס דיספאנירן מיט אייגענע קולטור-ווינקלען און
ביבליאטעקן. די ארבעטנדיקע באפעלקערונג געניסט גערן פון די
קאאפעראטיווע קראמען, וועלכע באקעמפן די ספעקולאציע פון
פריוואטן האנדל — אין די קולטור-ווינקלען איז שטענדיק טומלדיק.
די יונגע קאמוניסטישע פארטיי, וועלכע איז ארפגעשטויסן אין
דער אונטערערד פון אומלעגאליטעט, באקומט וויכטיקע שטיץ-
פונקטן פאר איר טעטיקייט.



CZERWONA POMOC

CZERWONA POMOC

Kaci faszystowscy pastwią się krwawo nad więźniami politycznymi!

דער אָרגאַן פון צ. ק. פון מאָפּר אין פוילן
„טשערוואָנאַ פּאָמאָץ" („רויטע הילף")

די אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון אַנטשטייען נישט בלויז אין זאַגלעמביע. דער פּעריאָד פון ערנסטע אַפּראָוויזאַציע־שוועריקייטן אין די ערשטע נאָך־מלחמהדיקע יאָרן ווירקט־מיט צו אַ ברייטערער אַנטוויקלונג פון די אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע האָבן פאַר אַ ציל צו פאַרטיידיקן די אַרבעטער־מאַסן קעגן די וואַקסנדיקע מאַנגלען אין דער פאַרזאָרגונג. נאָר אין דער שפּיץ פון דער קאָאָפּעראַציע איז דעמלט געשטאַנען „ספּאָלעם", וועלכע האָט געפּרעדיקט קליינבירגערלעכע לאָזונגען פון „נייטראַליטעט" אין די קלאַסן־קאַמפן, וואָס האָבן זיך געפירט, לאָזונגען פון פּאַסיווקייט און סאָלידאַריטעט, וואָס האָבן אַנטשפּראָכן די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע. די קאָאָפּעראַטיווע אַרבעטער־טוער, צו וועלכע עס האָט געהערט דער יונגער ביערוט, רוקן אַרויס די נויטווענדיקייט אויסצוטיילן די אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג, אַנטקעגנשטעלן דער קליינבירגערלעכער קאָאָפּעראַטיווער אידעאָלאָגיע אַ קלאָרע קלאַסןשטעלונג און ענג פאַרבינדן די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג מיטן רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט. אויף דער איניציאַטיוו פון באָלעסלאַוו ביערוט און זיינע פריינד ווערן שוין אין סוף פון יאָר 1918 געמאַכט שריט צו שאַפן אַ קלאַסן־פאַרבאַנד פון אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון פון דערנערונג, וועלכער זאָל אויף אַ דעצידירטן אופן זיין פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג. אַזאַ פאַרבאַנד אַנטשטייט אינגיכן אין וואַרשע אויף דער וואָלסקע 44.

אין דער העלפט פון יאָר 1919 נאָכן אָרגאַניזירן דאָרט די אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון פון דערנערונג קערט זיך אום ביערוט פון זאַגלעמביע קיין וואַרשע. ווי איינער פון די פירער פון דער צענטראַלע פון דער קאָאָפּעראַטיווער אַרבעטער־באַוועגונג מוז ער איר ווידמען די מערהייט פון זיין צייט. די גרויסע דערפאַרונג, וועלכע ער האָט דערוואָרבן אין די יאָרן פון אַרבעט אין לובלינער קאָאָפּעראַציע, די ברייטע האָריזאָנטן פון געדאַנק, די פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אויסדויער רוקן אים אינגיכן אַרויס אויף אַן אָנגעזעען אָרט אין דער אָנפירונג מיט דער באַוועגונג. אויף אַ גאַנצער ריי צוזאַמענפאָרן פון פאַרבאַנד פון די אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון פון דערנערונג ווערט ביערוט אויסגעוויילט אין דער הויפּט־אָנפירונג. ער פירט אָן מיט דער אָפּטיילונג פאַר געזעלשאַפטלעכער דערציִונג, און שפּעטער מיט דער לוסטראַטיווער אָפּטיילונג. פיל צייט פאַרברענגט

ער אין ארומפארן, דינענדיק מיט ראט און מיט הילף די טוער פון דער רעוואלוציאנערער קאאפעראציע אין געביט.

אין דער מאס ווי עס אנטוויקלט זיך דער פארבאנד באפעס־טיקט זיך ביי דער גרעסטער טייל פון דער אנפירונג אלץ מער די איבערצייגונג, אז די ארבעטער־קאאפעראציע דארף זיין שטרענג אונטערגעאָרדנט די אלגעמיינע צילן פון רעוואלוציאנערן קאמף, פון קאמף פאר דעראבערן די מאכט דורך די ארבעטער־מאסן און פאר דער פארווירקלעכונג פון סאציאליזם. די הויפט־באדייטונג פון דער ארבעטער־קאאפעראציע אין די באדינגונגען פון קאפיטאליזם באשטייט אין דעם, וואס זי איז פאר דער רעוואלוציאנערער פארטיי איינע פון די וויכטיקסטע פארמען פון פארבינדונג מיט די מאסן און אנשפאר אויף זייערע טאג־טעגלעכע באדערפענישן, דערביי אויך א שול פון פארוואלטן, וועלכע גרייט צו די מאסן צו די קומענ־דיקע אויפגאבן, און א צענטר פון וועלכן עס קאן אויסשטראלן די אידעע, וואס העלפט געשטאלטיקן דעם רעוואלוציאנערן באוווסט־זיין פון דער וועלט פון ארבעט. אזוי האט געטראכט און אין דעם גייסט האט געווירקט באלעסלאוו ביערוט, לייגנדיק שטענדיק אכט אויף דעם אנטייל פון דער קאאפעראציע אין דעם קאמף, וועלכער איז געפירט געווארן דורך דער קאמוניסטישער פארטיי, ווי אויך אויף די דערציערישע און קולטור־אויפקלערערישע פליכטן פון יע־דער קאאפעראטיווער פלאצווקע. מיט זארגזאמער אויפזיכט רינגלט ער ארום די יוגנטלעכע זעלבסטבילדונגס־קרייזן ביי די קאאפעראַ־טיוון, קולטור־ווינקלען און אלע אימפרעזן פון קולטור־אויפקלערע־רישן כאראקטער. אין יובליי־בוך, וועלכער איז ארויסגעגעבן גע־ווארן אין יאר 1923 אין צוזאמענהאנג מיט דער צעניעריקער עקזיס־טענץ פון דער לובלינער דערנערונגס־קאאפעראציע, שטעלט ביערוט פעסט: „דער עיקרדיקער ווערט פון לובלינער דערנערונגס־קאאפע־ראציע איז נישט בלויז די ערנסטע ווירטשאפטלעכע דערגרייכונגען, נאר הויפטזעכלעך יענער סאציאליסטישער באוווסטזיין, וועלכער הערשט אין דער לובלינער דערנערונגס־קאאפעראציע און וועלכער גרייט צו מענטשן צו דער קומענדיקער סאציאליסטישער ווירט־שאפט.

אין די ברייזו, וועלכע זענען ארויסגעגעבן געווארן דורכן פאר־באנד, אין די רעזאלוציעס פון די צוזאמענפארן, אין די אקציעס, וועלכע זענען אפטמאל געפירט געווארן צוזאמען מיט קאמוניסטי־

שע אָרגאַניזאַציעס, געפינט איר בולטע אָפּשפּיגלונג די רעוואָלו־ציאָנערע ריכטונג פון דער אַרבעטער־קאָאָפּעראַציע. זי שטעמפּלט דעם פאַרכאַפּערישן קיִעווער מאַרש פון פּילסודסקין, פּראָטעסטירט קעגן די פּאָליציייאישע רעפּרעסיעס, וועלכע זענען געווענדעט קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דער רעוואָלוציאָנערער פּרעסע, פּראָ־פעסיאָנעלע פאַריינען, קולטור־אינסטיטוציעס. „די אימפּעריאַליסטי־שע מלחמה — לייענען מיר אין אַ קאָנפיסקירט אַרטיקל „קאָאָפּע־ראַטיסטן" פון נאָוועמבער 1919 — ווערט צביעותדיק געפירט אונ־טער די לאָזונגען פון „פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד", אין דער אמתן האָט זי אַלס ציל אָפּצושלאָגן פאַר דער פּוילישער מאַגנאַטע־ריע די פאַרלוירענע מאַיאָנטקעס און דערשטיקן די רוסישע רעוואָ־לוציע, איז איינע פון די צום שטאַרקסטן רואינירנדיקע אונטער־נעמונגען, וועלכע די פּוילישע בורזשואַזיע פירט...

דער אַרבעטער־קלאַס, וועלכער איז אָרגאַניזירט אין די אַר־בעטער־פאַרבאַנדן פון העררנערונג, דאַרף אין פאַרטיידיקונג פון זיין אייגענער עקזיסטענץ ווי צום ענערגישסטן אַרויסטרעטן קעגן דער מלחמה"...

אונטער דער ווירקונג פון דער ברייטער אַנטימלחמה־טעטיקייט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי דערהערט זיך אַלץ דייטלעכער פון די שפּאַלטן פון די קאָנפיסקירטע קאָאָפּעראַטיווע ציַיטונגען, פון די רעדעס אויף פאַרזאַמלונגען און מיטינגען, פון די באַשלוסן אָנגע־נומענע אויף זיצונגען פון ראַט פון פאַרבאַנד די שאַרפע שטים פון פּראָטעסט קעגן דער אַנטיסאָוויעטישער מלחמה און אין פאַרטיי־דיקונג פון ראַטנלאַנד. דאָס קומט פאַר אָפּט לויט דער איניציאַטיוו פון באַלעסלאַוו ביערוט, וועלכער איז אַנטשלאָסן אַרויסגעטרעטן אין פאַרטיידיקונג פון ראַטנלאַנד. ווי איינע פון די סאַמע וויכטיקסטע סיבות פון ווירטשאַפטלעכן קריזיס און פון יקרות — לויטעט אַ באַשלוס פון ראַט פון פאַרבאַנד פון פעברואַר 1920 — איז די מלחמה אויף מזרח, וועלכע ווערט געפירט קעגן די אינטערעסן פון פּראָלע־טאַריאַט. דעריבער רעקאָמענדירט דער ראַט, סיי דער רעדאַקציע פון „קאָאָפּעראַטיסט", סיי די לוסטראַטאָרן אָנצוהייבן אַן אַגיטאַ־ציע פאַר אַ באַלדיקן שלום־אָפּמאַך מיטן ברידערלעכן רוסישן אַרבע־טער־קלאַס".

אין אויגוסט 1920, ווען די זיגרייכע קאָנטער־אָפענסיווע פון דער רויטער אַרמיי יאָגט דאָס פאַרכאַפּערישע מיליטער פון פּילסודסקין

אַזש ביז הינטער וואַרשע, שטעלט פעסט דער „קאָאָפעראַטיסט" אין האָפנונגספולע ווערטער: „דער טאָג פון ענדערונג איז שוין נאָענט... אונדזערע פאַרבאַנדן דאַרפן ווערן אַן אָנשפּאַר פאַר דעם פּוילישן רעוואָלוציאָנערן געדאַנק, פאַר די אָנשטרענגונגען, וואָס צילן אויפצובויען אַ ניי פוילן, אין וועלכן דער איינציקער קוואַל פון געזעלשאַפטלעכער מאַכט וועט זיין דער פריי אויסגעדריקטער ווילן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון דאָרף און שטאָט. דער מאָרגן געהערט צו אונדז".

אויפן רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער-לאַגער פאַלן אַלץ נייע קלעפּ. די כוואַליע פון טעראָר וואַקסט נאָך מער, ווען אין זומער פון יאָר 1920 נעמט איבער די מאַכט די אַנטיסאָוויעטישע קריגס-רעגירונג פון וויטאָס-דאַשינסקי און ווען מיט דער הילף פון די פראַנצויזיש-אַמעריקאַנישע אימפּעריאַליסטן גיט זיך איין דער פּוילישער בורזשואַזיע איינצוהאַלטן איר הערשאַפט.

האַנט ביי האַנט מיט די פאַרשטאַרקטע רעפּרעסיעס פון דער רעגירונג גייט די שפּאַלטערישע אַרבעט פון דער רעכטער פּפּס, וועלכע איז געווענדט קעגן די לינקע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס. זי האָט נישט אויסגעמיטן אויך די קאָאָפּעראַציע. אין אָנהייב שטיל-פּאַרעטעריש, אָבער שפּעטער, נאָכן דעראָבערן די ערשטע שטיץ-פונקטן, צילט די פּפּס אָפן און ברוטאַל צו באַהערשן פולשטענדיק דאָס אָנפירן מיטן פאַרבאַנד פון די אַרבעטער-קאָאָפּעראַטיוון פאַר דערנערונג, צו מאַכן אומשעדלעך זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט און איבעררייסן דעם בונד, וואָס פאַראייניקט די אַרבעטער-קאָאָפּעראַציע מיט דער גאַנצער באַפרייערישער באַוועגונג.

דער ערשטער אַטאַק פון די פּעפּעסאָווצעס אויף דעם צוזאַמענפאָר אין וואַרשע אין יאָר 1920 איז געוואָרן צוריקגעשטויסן. „די דעלעגאַטן פון פּפּס — דערציילט וועגן דעם צוזאַמענפאָר ביערוט — האָבן צוגעגעבן אַ גרויסע באַדייטונג דעם באַהערשן די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג. אין דער דאָזיקער אַקציע האָבן צוזאַמענגעאַרבעט קוואַפּינסקי, זאַרעמבאַ און אַנדערע פּעפּעסאָווצעס, וועלכע האָבן אין די קולואַרן פון צוזאַמענפאָר אויסגעאיבט אַ שטאַרקן דרוק אויף דעם צוזאַמענשטעל פון דער קומענדיקער אָנפירונג. אין הויפּט-ראַט האָט זיך דעמלט אַריינבאַקומען דאָך נישט מער ווי עטלעכע מיטגלידער פון פּפּס".

אָבער דאָס וואָס האָט זיך די רעכטע פּפּס נישט איינגעגעבן אין יאָר 1920 האָבן זיי דערגרייכט אויפן צוזאַמענפאָר, וועלכער איז פאָרגעקומען מיט אַ יאָר שפּעטער.

די רעכטע פּפּס האָבן מאַיאָריזירט דעם צוזאַמענפאָר מיט דער הילף פון די קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע זענען נישט געווען קיין מיטגלידער פון פאַרבאַנד, און באַזייטיקט פון דער אָנפירונג די טוער, וועלכע האָבן נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז די אַרבעטער-קאָאָפּעראַציע זאָל ווערן אַ נעסט פון אָפּאָרטוניזם און קליינבירגערלעכער קרעמערישקייט. צווישן די באַזייטיקטע האָט זיך געפונען ביערוט. פון דאַן האָט די פּפּס — נישט געקוקט אויף די אָנשטרענגונגען פון דער לינקער מינדערהייט, וועלכע האָט אין דער שפּיץ מיט ביערוטן אין משך פון פיל יאָר געקעמפט פאַר צוריקגעבן דעם פאַרבאַנד זיין דייטלעכן קלאַסן-כאַראַקטער — סיסטעמאַטיש באַגראָבן די זאַך פון דער אַרבעטער-קאָאָפּעראַציע. די לינקע קאָאָפּעראַטיוון זענען געוואָרן פאַרמאַכט דורך דער פּאָליציי, אָדער „פאַרהאָנגען" דורך דער פּפּסישער פאַרוואַלטונג. די קולטור-אויפקלערערישע אַרבעט שטאַרבט אָפּ שטופנווייז. אין יאָר 1925 האָט די רעכטע פּפּס ענדלעך דערגרייכט פולשטענדיק איר ציל. דער קאָאָפּעראַטיווער אָפּשניט פון אַלגעמיינעם באַפרייונגס-קאַמף פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, וועלכער איז קרבנותפול אויסגעבויט געוואָרן דורך די רעוואָלוציאָנערע טוער, ווערט דורך דער פּפּסישער אָנפירערשאַפט ליקווידירט. דער פאַרבאַנד ווערט צעשווימען אין דער „נייטראַלער" קליינבירגערלעכער קאָאָפּעראַציע.

נאָכן באַהערשן דעם „פאַרבאַנד פון די אַרבעטער-קאָאָפּעראַטיוון" אין יאָר 1922 דורך די זאַרעמבעס, קוואַפּינסקים און ענלעכע לאָזט באָלעסלאַוו ביערוט זיך נישט בלויז נישט אַרויסשטויסן דורך די פּפּסישע רעדלפירער פון דער קאָאָפּעראַטיווער אַרבעטער-באַוועגונג, נאָר פאַרקערט, אַנטוויקלט נאָך אַ פיל אינטענסיווערע אַרבעט סיי אויף דעם דאָזיקן אָפּשניט, סיי אויף אַנדערע פּלאַצוועקעס, וועלכע פאַרבינדן די לעגאַלע פּאָליטיש-פּראָפּאַגאַנדיסטישע אַרבעט מיט דער אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער איז איינער פון די אַקטיווסטע טוער פון פאָלקס-אוניווערסיטעט אויף אָבאָזשנע-גאַס אין וואַרשע — אַן אינסטיטוציע, וועלכע נישט געקוקט אויף די אומאויפהערלעכע איבערפאַלן און רעוויזיעס מצד דער דעפענסיווע, פירט אַ לעבעדיקע

פראפאגאנדיסטישע און קולטור-אויפקלערערישע טעטיקייט. א סך אנשטרענגונג לייגט ביערוט אריין אין דער אנטוויקלונג פון דעם ביכער-קאאפעראטיוו „קשיאנזשקא", דער איינציק מארקסיסטישער ארויסגעבערישער פלאצוווקע, וועלכע ווערט אומאויפהערלעך פאר-פאלגט דורך דער מאכט. אויסגעוויילט פון דער לינקער ארבעטער-ליסטע — אונטער דעם נאמען איז ארויסגעטראטן די אומלעגאלע קאמוניסטישע פארטיי — אין ראט פון די קראנקן-קאסעס אין ווער-שע, אנטוויקלט ער דארט אן אקטיווע טעטיקייט. איניציאירט די אנטשטייונג פון ווארשעווער וווינונגס-קאאפעראטיוו אויף זשאלי-באזש. איז איינער פון די פארלייגער פון דעם „גאסטהויז פאר וואנ-דערער" אין אנטאלוווקע אויף זאקאפאנע, וואס איז אין משך פון פיל יארן געווארן דאס אפרו-ארט פאר א גרויסער צאל קאמוניס-טישע טוער נאך תפיסה-אורטיילן. גיט ארויס און רעדאגירט א גאנצע ריי אויסגאבן פון דער לינקער קאאפעראציע, וועלכע דע-מאסקירן די פעפעסישע אוזורפאטארן און די מאכט-ארגאנען פון פארבאנד פון די ארבעטער-קאאפעראטיוון. די דאזיקע אויסגאבן ווערן כסדר קאנפיסקירט און פארהאנגען דורך דער מלוכה-צענזור, וועלכע איז אזוי דינסטגרייט פאר דער רעכטער פפס.

אין הארבסט 1923 פארט באלעסלאוו ביערוט ארויס קיין זא-גלעמביע, כדי איבערצונעמען דארט אן אנדערע פאראנטווארטלעכע שטעלע, וועלכע איז פאר אים באשטימט געווארן פון דער פארטיי.

אין די דאזיקע הארבסט-חדשים פון יאר 1923 האבן זיך אפ-געשפילט וויכטיקע געשעענישן אין לעבן פון די ארבעטנדיקע מאסן פון דער וועלט, אין לעבן פון דער פוילישער ארבעטנדיקער באפעל-קערונג. אין דייטשלאנד און אין בולגאריע זענען פארגעקומען גרויסע קלאסן-שלאכטן — דער לעצטער אלגעמיינער אנגריף פון די אר-בעטנדיקע מאסן אויף דער מאכט פון דער בורזשואזיע אין פעריאד פון נאכמלחמהדיקן אויפשטייג פון דער רעוואלוציאנערער כוואליע. אין פוילן איז אויסגעבראכן דער אויפשטאנד פון די קראקעווער אר-בעטער קעגן דער רעאקציאנערער כיענע-פיאסט-רעגירונג. צוליב דעם פאראט פון די סאציאל-דעמאקראטישע פירער האט זיך די באַ-זיצנדיקע קלאסן איינגעגעבן צו דערשטיקן דעם האמבורגער אויפ-שטאנד פון די דייטשע ארבעטער און דעם אויפשטאנד פון די פאלקס-מאסן אין בולגאריע. ביי אונדז האט דער העלדישער קראַ-קעווער אויפשטאנד זיך נישט אויסגעברייטערט אויף אנדערע אר-

בעטער־צענטרען, האָט נישט באַקומען קיין הילף פון די פּויערישע מאַסן. די פירער פון פּפּס האָבן אָנגעווענדן אַלע מיטלען, כדי צו אַנטוואָפענען די אַרבעטער, אָפּזונדערן זייער קאַמף און אומקערן אין קראָקע דעם בורזשואַזן „סדר און אָרדענונג״.

די יונגע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז נאָך נישט געווען אימשטאַנד זיך אַנטקעגנצושטעלן ווי געהעריק די שווינדלערישע מאַנעוורען פון די פירער פון פּפּס. קעגן די קאָמוניסטישע טוער זענען אָנגעווענדט געוואָרן אַלץ שאַרפערע פּאָליציייִשע פאַרפאָלגונגען, און גלייכצייטיק זענען זיי אַלץ פאַרביסענער געוואָרן אַטאַקירט פון די אָפּאָרטוניסטישע פירער פון פּפּס, וועלכע האָבן זיך באַמיט אָפּצוצוימען די אַרבעטער פון די באַווירקונגען פון דער רעוואָלוציאָנערער אידעאָלאָגיע. דער אָנפירנדיקער אַקטיוו פון קפּפּ איז נאָך געווען באַשווערט פון דעם באַלאַסט פון פעלערהאַפטע אָנשויונגען און האָט איבערגעלעבט דעם פּעריאָד פון אידעאָלאָגישער נישטרייפקייט, וועלכע ער האָט שטופנווייז גובר געווען אַ דאַנק דער הילף פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. די קפּפּ איז געווען אַ מיטגליד פון אינטערנאַציאָנאַל פון דער ערשטער מינוט פון זיין גרינדונג דורך לענינען אין יאָר 1919. אַ דאַנק אים האָט זי זיך צוגעאייגנט ריכטיקע בליקן אויף די וויכטיקסטע פראַגן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָט זיך געלערנט אָנווענדן אין דער פּראַקטיק די אויסגעפּרוווטע מוסטערן פון דער לענין־סטאַלינישער סטראַטעגיע און טאַקטיק אין די קלאַסן־קאַמפן. אויף איר צווייטן צוזאַמענפאָר, וועלכער איז פאָרגעקומען אין יאָר 1923, האָט די קפּפּ אָנגענומען באַזונדערס וויכטיקע, עיקרדיקע באַשלוסן אין דער פראַגע פון בונד צווישן אַרבעטער און פּויער, פון די רעכט פון אונטערדריקטן דורכן פּוילישן אימפּעריאַליזם אוקראַינישן און ווייסרוסישן פאָלק צו זעלבסטבאַשטימונג ביז אָפּרייסן זיך, ווי אויך אַ באַשלוס אין דער פראַגע פון פאַרטיידיקן די אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן, וועלכע איז באַדראָט דורך דער בורזשואַזער הערשאַפט.

עס ברעכן נאָך אויס מאַסן־שטרייקן און עס קומען פאָר דעמאָנסטראַציעס, אָבער ס׳איז שוין קלאָר, אַז די באַזיצנדיקע קלאַסן אין דייטשלאַנד, בולגאַריע, פּוילן און אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָט זיך איינגעגעבן אין סוף פון יאָר 1923 צייטווייליק צו פאַרפעסטיקן זייער הערשאַפט. עס גרייט זיך אַ נייער אָנגריף פון דער בורזשואַזיע אויף די דערגרייכונגען פון אַרבעטס־מענטש, אויף דער

פעסטונג און אויף דעם שטיץ־פונקט פון אינטערנאַציאָנאַלן באַפריי־אונגס־קאַמף, אויף דעם ראַטנפאַרבאַנד. דאָרט, אין דער רעפּובליק פון הונדערט פרייע פעלקער, וואַקסט שנעל פאָרויס די בויונג, אין קעגנזאַץ צו דער אָרעמקייט און אַרבעטסלאָזיקייט אין דער קאַפּי־טאַליסטישער וועלט. אונטער דער אָנפירערשאַפט פון לענינען און סטאַלינען האָבן די סאָוויעטישע אַרבעטער און פויערים צעקלאַפּט די אינטערווענץ פון דער אַמעריקאַנער, ענגלישער, פראַנצויזישער און פוילישער בורזשואַזיע, ווי אויך דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד פון די אייגענע עקספּלואַטאַטאָרן. עס קאָכט די שעפערישע אַרבעט אין לאַנד פון די ראַטן.

עס וועט נישט אויפהערן דער קאַמף פון די אַרבעטער און פויערים פאַר פרייהייט, אַזוי לאַנג ווי עס עקזיסטירט פּפּסר — אַזוי דרינגען די אַמעריקאַנישע און ענגלישע אימפּעריאַליסטן, דאָס הייסט, אַז מע דאַרף העלפן די בורזשואַזע אייראָפּעישע רעגירונגען גובר זיין די שוועריקייטן, פונסניי באַוואָפענען די דאָזיקע רעגירונ־גען, נאָך מער זיי מאַכן אָפּהענגיק פון זיך, כדי צו קענען זיך שטעלן אין דער שפּיץ פון אַ נייעם קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן קרייץ־צוג קעגן לאַנד פון די ראַטן. אין דער ריכטונג האָבן אַנטוויקלט זייער טעטי־קייט די דאָלאַר־ און פונט־קעניגן אין די יאָרן, וועלכע זענען געקו־מען נאָך דעם נאָכמלחמהדיקן אָפּפלוס פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע אין אייראָפּע.

די דאָזיקע פּלענער האָבן פולשטענדיק אַנטשפּראָכן די פוילישע באַזיצנדיקע קלאַסן. ווי אַזוי צו דערשטיקן דעם ווידערשטאַנד און פאַרשטאַרקן די אונטערדריקונג פון די אַרבעטער, פויערים און באַ־זיגטע פעלקער, ווי זיך צוגרייטן צו אַ נייער מלחמה, ווער דאַרף רעפּרעזענטירן די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע לגבי דעם אַמע־ריקאַניש־ענגלישן אימפּעריאַליזם — דאָס זענען אַלץ פראַגן, וועלכע האָבן דעמלט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די בורזשואַזע פּאַרטייען, נישט אָפּשוואַכנדיק גלייכצייטיק זייערע קריגערייען צווישן זיך וועגן אָנטייל אין דער רעגירונג. דערווייל האָט אין בור־זשואַזן לאַגער גענומען די אויבערהאַנט די ענדעציע — פּילסודסקי זיצט אַן אַנגעבלאָזענער אין סולעיוועק. די אַרבעטנדיקע מאַסן ליגן אויף אַ מינוט נישט אַוועק דאָס געווער, אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי דויערט אַ פאַרעקשנטער פאַר־ביסענער קאַמף מיט דער רויבערײַ, וואָס ווערט אויסגעפירט איבער

די אַרבעטער און פּויערים אין נאָמען פון „אויסבעסערן" די קאַפּי־טאַליסטישע ווירטשאַפט און צוגרייטן אַ ווייטערדיקע רויבעריי אין אַ ברייטערן פאַרנעם.

אין זאַגלעמביע, ווען ביערוט איז אַהערגעקומען, האָבן די אָר־גאַניזאַציעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין די קוילן־גרובן און הוטעס געאַרבעט אָן אָפּרו, מאָביליזירנדיק די מאַסן צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד דער רעאַקציע, צו פירן אַ שטרייק־קאַמף קעגן די אַטאַקעס פון די קאַפּיטאַליסטן. ביערוט האָט זיך גלייך געפונען אין אַ הייסער אַטמאָספער פון שאַרפע קלאַסן־צוזאַמענשטויסן. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דעם עקזעקוטיוו פון קרייז־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דער פירער פון דער לינקער אָרגאַניזאַ־ציע פון אַרבעטער־קאָאָפּעראַציע, וועלכע ער האָט געגרינדעט אין יאָר 1919.

ביערוט ווערט איינער פון די סאַמע טעטיקסטע, פון די סאַמע באַקאַנטע און געשעצטע פירער פון רויטן זאַגלעמביע. אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, וואָס האָט געקאָנט זיין בייהילפיק די אַרבעטנדיקע מאַסן אין זייער קאַמף — אַפילו קליינע זאַכן אין פלוג — איז פאַר ביערוטן געווען אַ וויכטיקער און גרויסער ענין. פיל אַרבעטער און אַלטע זאַגלעמביע־טוער דערמאָנען מיט גערירטקייט די ענערגישע און אויסערגע־וויינלעכע קרבנותפולע אַרבעט פון ביערוטן אויפן געביט פון זאַ־גלעמביע. עס לעבן אויף פאַרגאַנגענע יאָרן, עס קומען אויף פון פאַר־געסנקייט וויניק באַקאַנטע פאַקטן. איינער פון די זאַגלעמביער טוער דערציילט:

„דאָס יאָר 1924 איז געווען אַ יאָר פון אַ גרויסן ווירטשאַפטלעכן קריזיס און פון אַרבעטסלאָזיקייט, ספּעציעל אויף דעם געביט פון דאָמבראָווער זאַגלעמביע. די אָפּאָרטוניסטישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן גאָרנישט געטאָן אין דער ריכטונג פון לייכטער מאַכן דעם גורל פון אַרבעטער־קלאַס. די גאַנצע משא פון קאַמף איז געפאַלן אויף די פּלייצעס פון דער קאָמוניסטי־שער פּאַרטיי פון פּוילן.

איך געדענק, ווי אויף איינער פון די זיצונגען פון קרייז־קאָמי־טעט האָט דער חבר ביערוט, רעפערירנדיק די אינערלעכע סיטוא־ציע, אָנגעוויזן, אַז מע דאַרף שאַפן אַן איינהייטלעכן פראָנט פון אַר־בעטער־קלאַס קעגן די אָפּאָרטוניסטישע פירער פון פּפּס און נפּר, אַז

מע דאַרף דעמאַסקירן די דאָזיקע פירער און אָרגאַניזירן פאַרטיידי־קונגס־שטרייקן אין די פאַבריקן און קוילנגרובן. איינגיכן האָבן די שטרייק־קאַמפן באַדייטנדיק אויפגעלעבט אונטער דער ווירקונג פון דער איינהייטספראָנטיקער טעטיקייט פון אונדזערע חברים. די פרווון, וועלכע ס׳האָבן אונטערגענומען די פירער פון פפס אַנטקעגנ־צושטעלן זיך דער דאָזיקער אַקציע, האָבן זיך נישט איינגעגעבן. די שטרייק־באַוועגונג פון די אַרבעטער איז אַריבער איבער זייערע קעפ, צווינגענדיק די קאַפּיטאַליסטן צו גיין אויף הנחות".

אונטער דער אָנפירונג פון די קאָמוניסטן זענען פאָרגעקומען אַ סך זיגרייכע שטרייקן אין די אַרבעטס־וואַרשטאַטן פון זאַגלעמ־ביע, אַ סך רעוואָלוציאָנערע מאַסן־אַקציעס. איינע פון די גרעסטע — דאָס איז די וואַלן צום ראַט פון דער קראַנקן־קאַסע אין יוני 1924.

די רעזולטאַטן פון די דאָזיקע וואַלן האָבן עדות געזאָגט וועגן דעם אַלגעמיינעם צוטרוי פון זאַגלעמביער פּראָלעטאַריאַט צו זיין אומבויגזאַמען פירער, צו דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פאַרטיי. אויף דער ליסטע, וועלכע איז געוואָרן אונטערשטיצט דורך די קאָ־מוניסטן, איז געפאַלן די מערהייט פון שטימען, נישט געקוקט אויף דעם פּאָליציייִשן טעראָר. די ליסטע האָט דערוואָרבן 70% מאַנ־דאַטן. „דער חבר ביערוט האָט אַריינגעלייגט אין די דאָזיקע וואַלן אַן אומגעהייערע אָנשטרענגונג" — שטעלט פעסט איינער פון די דעמלטיקע זאַגלעמביער טוער.

וועגן דער טעטיקייט פון באָלעסלאַוו ביערוטן אויף דעם אָפּ־שניט פון פאַרשפּרייטן בילדונג און דעם רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיס־טישן געדאַנק צווישן דעם זאַגלעמביער פּראָלעטאַריאַט רעדט אַ צווייטער אָרטיקער טוער:

„די געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון דער קולטור־אויפקלע־רערישער אַרבעט דורך דעם אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוו פון דערנע־רונג איז אומצעטרייסבאַר פאַרבונדן מיט דעם נאָמען פון באָלעסלאַוו ביערוט. ביי די קאָאָפּעראַטיוון זענען אַנטשטאַנען קולטור־ווינקלען, וועלכע זענען שטענדיק געווען אויסגעשטעלט אויף פאַרפאָלגונגען, אייניקע האָבן לענגער אַנטוויקלט זייער טעטיקייט, אַנדערע זענען שנעל געוואָרן פאַרמאַכט דורך דער פּאָליציי. מ׳איז דעריבער געווען געצוווּנגען צו ענדערן אָפט די פאָרמען פון אַרבעט. אָט איז פאָלגנ־דיקער ביישפּיל. אין יאָר 1925, נאָך מאַסן־אַרעסטן פון אונדזערע חברים, איז געוואָרן ליקווידירט דורך דער פּאָליציי דער געשאַפענער

דורכן חבר ביערוט קולטור-קלוב אין סיעלץ און דערנאָך אין מילאָוויצע. נאָך דער ליקווידאַציע פֿון די דאָזיקע קלובן איז געשאַפֿן געוואָרן פֿון די ביכער, וועלכע זיי האָבן באַזיצט, אַ טעטיקע ביבליאָטעק ביי דער ביוראָ פֿון דעם ארבעטער-קאָאָפּעראַטיוו פֿאַר דערנערונג אין סאָסנאָוויץ. אינגיכן ווערט די דאָזיקע ביבליאָטעק די צענטראַלע פֿאַר אַלע באַוועגלעכע ביבליאָטעקלעך.

אין דער אָנפֿירונג מיט דער אויפֿקלערערישער ארבעט האָט זייער אַ גרויסן אָנטייל גענומען אונדזער חבר באָלעסלאַוו ביערוט. אין דער צייט פֿון זיין אויפֿהאַלט אין אונדזער געגנט האָט ער אונדז געלערנט, ווי עס דאַרפֿן אַרבעטן די דאָזיקע קולטור-פּלאַצוווקעס, ווי מע באַדאַרף זיי אויסנוצן אין קאַמף מיט דער בורזשואַזיע. אים האָבן מיר צו פֿאַרדאַנקען, וואָס די אַרבעטער-קאָאָפּעראַטיוון פֿון דאָמבראָווער זאַגלעמביע זענען געוואָרן וויכטיקע פּלאַצוווקעס, וועלכע האָבן געפֿירט אַ געזעלשאַפֿטלעך-פּאָליטישע אַרבעט אין דינסט פֿון דער פּראָלעטאַרישער באַפֿרייונגס-באַוועגונג".

נישט גרינג איז געווען דאָס לעבן פֿון אַ רעוואָלוציאָנערן טוער אונטער דער הערשאַפֿט פֿון דער בורזשואַזיע און איר דורכגעטראַכטן סיסטעם פֿון טעראָר און פּראָוואָקאַציע. עס איז געווען ספּעציעל שווער פֿאַר ביערוטן, וועלכער האָט פֿאַראייניקט לעגאַלע מיט אומלעגאַלער אַרבעט. שטענדיק אויפֿן אויג פֿון די שפּיצלעס און פּראָוואָקאַטאָרן — אין יעדער מינוט דערגרייכבאַר פֿאַר דער דעפֿענסיווע. אין די יאָרן פֿון זיין טעטיקייט אין דאָמבראָווער זאַגלעמביע איז באָלעסלאַוו ביערוט געוואָרן זעקס מאָל ארעסטירט און איינגעזעצט. אין זיינע וואַנדערונגען דורך די תפֿיסה-צעלן האָט ער באַקענט פֿיל ארעסטירטע זאַגלעמביער אַרבעטער און טוער. איינער פֿון זיי איז געווען דער באַקאַנטער טוער פֿון קפּפּ, זענאָן נאָוואַק, איצט אַ מיטגליד פֿון פּאָליט-ביוראָ פֿון צ. ק. פֿון פּזפּר.

די זאַגלעמביער חברים דערמאָנען אָפֿט וועגן איינעם אַ באַזונדערס פּראָוואָקאַטאָרישן אַרעסט פֿון אַ גרעסערער גרופּע טוער און אַרבעטער.

דאָס איז געווען אין נאָוועמבער 1923, קורץ נאָך דעם קומען פֿון ביערוטן קיין זאַגלעמביע. די זאַגלעמביער פּאָליציי האָט דעמלט אַרעסטירט ביי צוויי הונדערט לינקע אַרבעטער אונטער דעם באַשיינפּערלעך אומזיניקן פֿאָרוואורף פֿון אָנטיילנעמען אין... דעם אויפֿרייס פֿון דער פּולווער-פֿאַבריק אין וואַרשע. דער דאָזיקער אומגע-

לומפּערטער פּרעטעקסט האָט געדאַרפט דעקן די מאַסן־אַרעסטן און טעראָריזירן די אַרבעטער־פירער. צווישן די אַרעסטירטע איז אויך געווען באַלעסלאַוו ביערוט. „מיט דעם ציל אונדז צו מאַלטרעטירן — שרייבט איינער פון די אַרעסטירטע — האָט די דעפענסיווע באַפוילן אַרומצופירן אונדז, פאַרשטייט זיך אונטער אַ וואַך, איבער אַלע תפיסות. מיר האָבן אַזוי אַרום זיך באַקענט מיט די תפיסות אין סאָסנאָוויעץ, בענדין, לאָדזש, טשענסטאָכאָוו, פּויזן און אין אייניקע אַנדערע שטעט. אין יעדער תפיסה זענען מיר געווען צו 18 שעה, כדי צו דערפילן די געזעצלעכע פאַרשריפטן, וועלכע האָבן נישט דערלויבט צו האַלטן אין אַרעסט לענגער ווי צוויי מעסלעס אָן אַ דערלויבעניש פון דער געריכטס־מאַכט. די פּוילישע בורזשואַזיע האָט שטענדיק געפונען אַ מיטל אַרומצוגיין אַלע פאַרשריפטן דאַן, ווען דאָס איז איר געווען נייטיק. נאָך פינף וואָכן אַרומשלעפּן זיך איבער די תפיסות האָט מען אונדז צוריקגעבראַכט קיין בענדין און באַפרייט. אינגיכן האָט מען אויך אַרויסגעלאָזט דעם חבר ביערוט...״

פאַרהאַרטעוועטע אין קלאַסן־קאַמף, האָבן די רעוואָלוציאָנערן זיך נישט געלאָזט אַפּשרעקן. באַלעסלאַוו ביערוט אַנטוויקלט אויך ווייטער אַ ברייטע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט אין זאַגלעמביע. אַרומגערינגלט מיט אַלגעמיינער סימפּאַטיע פון די אַרבעטער איז ער אַרוים גאַנץ פון אַ סך פּולאַפּקעס פון דער דעפענסיווע.

עס האָט זיך דערנענטערט דער סוף פון יאָר 1924. פּאַרטייאישע ענינים האָבן געפאָדערט די אָנוועזנהייט פון באַלעסלאַוו ביערוטן אויף עטלעכע טעג אין וואַרשע. אין דער זעלבער צייט האָט זיך דער דעפענסיווע איינגעגעבן צו פאַלן אין זאַגלעמביע אויפן שפּור פון אַן אומלעגאַלער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע. פון זיינע זאַגלעמביער פריינד האָט ביערוט באַקומען אַ וואָרנונג, ער זאָל זיך נישט אומקערן קיין זאַגלעמביע, ווייל עס דראָט אים אַ זיכערער אַרעסט. אין דער דאָזיקער סיטואַציע האָט די אָנפירונג פון דער פּאַרטיי באַשלאָסן איבערצולאָזן אים אין וואַרשע, און האָט אים אָנפאַרטרויט אַן אַנדערן וויכטיקן אָפּשניט פון פּאַרטייאישער אַרבעט. ביערוט גייט איבער אינגאַנצן אין אומלעגאַליטעט.

און נאָכאַמאָל אין אויסערגעוויינלעך שווערע באַדינגונגען דורך פיל חדשים, דורך יאָרן גאַנצע ציט זיך דער האַרטער לעבנסוועג פון אַ רעוואָלוציאָנער.

V

די תפיסה אין בענדין. בארג־ארבעטער און ארבעטער פון מעטאל, ערד־ארבעטער און פויערים, ביוראליסטן און געזעלשאפטלעכע טוער. זיי אונטערשיידן זיך לויט דער עלטער, לויטן געמיט, לויטן פאליטישן ניווא. אבער זיי אלע פאראייניקט שטארק דער האס צום פאשיזם און דער דורשט נאך פרייהייט פאר די ארבעטנדיקע מאסן, פארן פוילישן פאלק, פאר אלע פעלקער, וואס ווערן אונטערדריקט פון דער בורזשואזיע. פאר קעמפן אין די רייען פון דער קאמוניסטישער פארטיי, פאר א שטרייק־אקציע קעגן עקספלאאטאציע און אונטערדריקונג, פאר זאגן דעם אמת וועגן די דערגרייכונגען פון ראטנפארבאנד — תפיסה, לאנגע יארן תפיסה...

אין איינער פון די צעלן פון בענדינער תפיסה איז אריינגעווארפן געווארן אנהייב 1927 באלעסלאוו ביערוט, וועלכער איז קורץ פאר דעם ארעסטירט געווארן איןווארשע. צוליב מאנגל אין אנדערן באשווערנדיקן מאטעריאל האט די ווארשעווער דעפענסיווע אויפגעגראבן אן אלטן זאגלעמביער ענין. ביערוט האט זיך ווידער געפונען אין רויטן זאגלעמביע, נאר דאס מאל ווי א פאליטישער ארעסטירטער.

הינטער די ווענט פון דער תפיסה אין בענדין — פונקט ווי אין אנדערע תפיסות — גייט אן אן אינטענסיוו לעבן פון די פאליטישע ארעסטירטע. עס באגעגענען זיך חברים פון בשותפותדיקע קאמפן, עס פארבינדן זיך נייע באקאנטשאפטן און פריינדשאפטן. דא וועט ביערוט זיך צונויפטרעפן צום ערשטן מאל און זיך באפריינדן מיט דעם אנגעזעענעם טוער פון קפפ, אלעקסאנדער זאוואדזקי, וועלכער איז איצט א מיטגליד פון פאליט־ביורא פון צ. ק. פזפר און וויצע־

פרעמיער פון דער רעגירונג. די אַלטע, וועלכע זענען שוין אויסגע־וועזן פאַרשידענע תפיסות, און די מער אַנטוויקלטע טוער גיבן איבער זייער דערפאַרונג די יינגערע חברים, רעדן זיי צו זיך צו בילדן, אויפצוהייבן זייער רעוואָלוציאָנערן באַוווסטזיין.

חבר מייַנער,
וואַרף אַוועק דייַן טרויער,
וואַרף אַוועק דייַן קרעכצן,
נעם אַ ביכל אין דער האַנט,
זעץ אַוועק זיך לערנען!

לערן זיך אין הונגער, לערן זיך אין קעלט,
לערן זיך אין פּייַן,
אַ באָלשעוויק צו זייַן!...

— קלינגען די ווערטער פון אַ פּאָפּולער תפיסה־לידל...

באַלעסלאַוו ביערוט שליסט זיך גלייך איין אין שטייגער־לעבן פון דער תפיסה־קאָמונע. ער איז אַ באַקאַנטער און דערפאַרענער פּאַרטיי־טוער. באַזיצט אַ סך קענטעניש איבערצוגעבן זיין אלזייטיק ווייסן אַנדערע. האָט ליב די יוגנט. „אין באַרירונג מיט יוגנט האָט ער שטענדיק ארויסגעוויזן אַ סך האַרץ און וואַרעמקייט" — דערציילן מענטשן, וועלכע האָבן אים געקענט. האָבן טאַקע געקלעפּט צו ביערוטן די יינגע חברים פון דער תפיסה אין בענדין.

„זייענדיק אין דער תפיסה פון בענדין — דערציילט ביערוט וועגן די דאָזיקע חדשים פון זיין לעבן — האָב איך נישט פאַרלוירן די צייט. איך האָב זיך באַמיט צוועקמעסיק זי אויסצונוצן און אָרגאַניזירט אַ לערן־קורס פאַר די אַרעסטירטע. אין דער תפיסה זענען געזעסן דער עיקר זאַגלעמביער קוילנגרעבער און סתם אַרבעטער, מיט וועלכע איך האָב זיך געוואָלט טיילן מיט מיין וויסן. איך האָב דערוייל גענומען אויף זיך די ראָל פון אַ לערער". און אָט זענען די ווערטער פון איינעם פון די אַרעסטירטע וועגן דער גייסטיקער אַרבעט אין דער קאָמונע פון דער בענדינער תפיסה. „אין די צעלן — דערציילט ער — האָט מען געלערנט פּאָליטישע עקאָנאָמיע, געאָגראַפיע, היסטאָריע, רעכענען און פּויליש. אַנאַלפאַבעטן האָבן זיך געלערנט לייענען און שרייבן. דער חבר ביערוט האָט געלערנט מיט אונדז די געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן. אָפט

זענען פאָרגעקומען דיסקוסיעס. מען האָט באַהאַנדלט די מאַי־געשע־עניש[ן] פון יאָר 1926".

ס'איז פאַרשטענדלעך, אז אויך אין תפיסה האָט דער פּאַרטיי־אישער אַקטיוו ברייט אַרומגערעדט די וויכטיקע געשעענישן, וועל־כע זענען פאָרגעקומען אין לעבן פון לאַנד. אין דער ערשטער מינוט איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי באַגאַנגען אַ שווערן פעלער, נישט דערזעענדיק, אַז פּילסודסקי האָט דורכגעפירט אַ פאַשיסטישע איי־בערקערעניש, וועלכע איז געווענדעט קעגן די אינטערעסן פון די פאָלקס־מאַסן, קעגן די אינטערעסן פון פאָלק. אָבער נאָך עטלעכע טעג איז זי אַראָפּ פון פעלערהאַפטן וועג.

די מאַי־איבערקערעניש איז געווען אין די אינטערעסן פון דער פּוילישער בורזשואַזיע, ווי אין די אינטערעסן פון ענגלישן און אַמע־ריקאַנער אימפּעריאַליזם. מע דאַרף דערשטיקן דעם קאַמף פון די אַרבעטער־מאַסן וועגן ערד פאַר די פּויערים, וועגן אַרבעט פאַר די אַרבעטער, וועגן פרייהייט פאַר די אונטערדריקטע פעלקער — אַזוי טראַכט די בורזשואַזיע. אין די באַדינגונגען פון אַלץ שאַרפערן קרי־זיס, שטייגנדיקע קלאַסן־קאַמפן אין לאַנד און צוגרייטונגען צו אַ קרייץ־צוג קעגן ראַטנפאַרבאַנד — איז פּילסודסקי — דער אַלטער אַגענט פון אויסשפּיר פון די אימפּעריאַליסטישע מלוכות און פאַר־ביסענער פיינד פון דער פרייהייט פון פאָלק — געווען דער פּאַסיק־סטער קאַנדידאַט פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון אַ פאַשיסטישער דיקטאַטור. צו דער ראָל האָט ער זיך שוין צוגעגרייט פון לאַנג. אין אַלע פּאַרטייען, פון דער ענדעציע ביז דער „וויזוואָלעניע" און פּפּס איינשליסלעך, האָט ער געהאַט זיינע אַגענטן, וועלכע, אָפּנאַרענדיק די מאַסן מיט דעם מכלומרשטן דעמאָקראַטיזם פון „מאַרשאַלעק", האָבן אים געהאָלפן צו רעאַליזירן זיינע פּלענער. די פּאַרטייען פון אַזוי גערופענעם „לינקן" לאַגער מיט פּפּס אין דער שפּיץ האָבן אָן שום באַוואָרעניש אונטערשטיצט די מאַי־איבערקערעניש און זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דער רעגירונג פון פּילסודסקין.

די פּאָליטיק פון אָפּנאַרן די פאָלקס־מאַסן און זיי פאַריאָכן, וועל־כע די בורזשואַזיע האָט אָנגעפאַנגען אין יאָר 1918, ווערט איצט פאַרשטאַרקט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער פּעריאָד פון ווײ־טיקלעכע דערפאַרונגען פאַרן גאַנצן פאָלק, באַקאַנט אונטערן נאָ־מען „סאַנאַציע". די קפּפּ איז געוואָרן די איינציקע פּאַרטיי, וועל־כע האָט גלייך נאָך דער פּילסודסקי־איבערקערעניש אין יאָר 1926, צוריקציענדיק זיך פון דעם „מאַי־פעלער", אויפגעדעקט דעם פאַשיס־

טישן כאַראַקטער פון דער דאָזיקער איבערקערעניש און גערופן דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק פון פוילן צום קאַמף פאַר אַראָפּוואַרפן די סאַנאַציע־דיקטאַטור". — האָט פעסטגעשטעלט באַלעסלאַוו ביערוט אין יאָר 1948 אויף דעם קאָנגרעס פון פּ.פּ.ר.

אײַנגיכן שליסט זיך ביערוט ווידער אָן אַקטיוו אין דעם דאָזיקן קאַמף. נישט געקוקט אויף אירע באַמיונגען האָט זיך דער דעפּענסיווע לאַנג נישט אײַנגעגעבן צונויפצוקלעפּן קעגן אים אַ באַשולדיקונגס־אַקט. ענדלעך איז דער אויספאָרשונגס־ריכטער אײַנגעגאַנגען אַרויסצולאָזן אים צײַטווײַליק פון תפיסה אויף קויציע. ביערוט קערט זיך אום קיין וואַרשע צו פאַרטיי־אַרבעט, צו פרײַנד, צו דער פאַמיליע. ער פילט אויס פאַרשידענע וויכטיקע פונקציעס אין דער פאַרטיי־אָנפירונג, און דערנאָך איז ער אין משך פון אַ גאַנצער ריי חדשים אַ מיטגליד פון סעקרעטאַריאַט פון ק. צ. פון קפּפּ — פון דער העכסטער פאַרטייאישער אינסטאַנץ אין לאַנד.

עס דערנענטערט זיך די מינוט, ווען ביערוט קען שוין מער נישט זײַן אין וואַרשע, ווײַל דאָס מאָל דראָען אים שוין לאַנגע יאָרן תפיסה. די אויספאָרשונג אין זאַגלעמביער ענין איז געוואָרן פאַרענדיקט, און ביערוט דאַרף זיך צושטעלן צום פּראָצעס. קלאָר — אַ זיכערער אורטייל. ס'איז נויטיק אויף אַ באַשטימטער צײַט אַוועקצופאָרן פון לאַנד — אַזוי דעצידירט די פאַרטיי־אָנפירונג.

עס גייען פאַרביי יאָרן פון עמיגראַציע: פּראַג, ווין, סאָפיע, מאָסקווע. די צײַט איז אויסגעפולט איבער די ברעגעס, צוערשט מיט אַרבעט אין די רייען פון די אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס פון אַרבעטער־קלאַס און מיט הילף פאַר די ברידערלעכע פאַרטייען פון אַנדערע לענדער. שפּעטער — יאָרן פון אָנגעשטרענגטער בילדונג אויפן געביט פון געזעלשאַפטלעך־עקאָנאָמישע פראַגן, צו וואָס ביערוט האָט שטענדיק אַזוי שטאַרק געשטרעבט. פאַרטיפט און סיסטעמאַטיש, ווי ער איז געוווינט געווען צו לייענען פון דער קינדהייט, שטודירט ער איצט אויף דער הויכשול אין מאָסקווע די ווערק פון מאַרקס, ענגעלס, לענין און סטאַלין, די טעאָריע און פּראַקטיק פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, דעם פאַרלויף פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, די געשיכטע פון די באַפרייאונגס־קאַמפן פון אַלע פעלקער פון דער וועלט, פון פוילישן פאָלק.

מאָסקווע... וויפל אײַנדרוקן, וויפל דערפאַרונגען, וויפל וויסן שטעלט צו יעדן טאָג די הויפּטשטאָט, וועלכע פולסירט מיט אַן אַל־

זייטיק לעבן, די הויפּטשטאָט פון אַ מעכטיקער מלוכה, וואָס הייבט אָן בויען די יסודות פון סאָציאַליזם, פון אַ מלוכה, וועלכע איז דער שטיצפּונקט און די האָפענונג פון די פעלקער פון דער וועלט. דאָ ווירקט פאַרן ווילזיין פון דער מענטשהייט דער פירער פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי — סטאַלין, דער געניאַלער פאַרטרעטער פון גרויסן לענין, וועלכער איז געשטאָרבן אין יאַנואַר 1924. אונטער דער אוממיטלבאַרער אויפזיכט פון סטאַלינען אַנטוויקלט דעמלט זיין אַרבעט דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל.

דער דורשטיקער געדאַנק פון ביערוטן לאָזט נישט אַדורך קיין שום ווערטפולעס און אייגנט זיך צו אוממאויפהערלעך דאָס אַלץ, וואָס האַרטעוועט דעם ווילן פון אַ רעוואָלוציאָנער, גיט אַ ריכטונג דעם קאַמף, באַלייכט דעם וועג צום זיג, לערנט אויפצושטעלן די פונדאַמענטן פון דער נייער אָרדענונג פון געזעלשאַפטלעכער גערעכטיקייט.

מיטן געדאַנק קערט זיך ביערוט אַלץ אום אין לאַנד, צו די קעמפנדיקע פוילישע אַרבעטער און פויערים. חלומט וועגן דעם, אַז ער זאָל וואָס שנעלער איבערטראָגן קיין פוילן דאָס וויסן און די דערפאַרונג, וועלכע ער האָט זיך דערוואָרבן אין די יאָרן פון עמיגראַציע, אַז ער זאָל זיך ווידער באַטייליקן אין די שווערע קאַמפן פון דער פּאַרטיי מיטן פאַשיזם.

אין פוילן, וואָס איז רעגירט דורך דער סאַנאַציע הערשט אַ קריזיס, וועלכער שטייגט איבער מיט זיין פאַרנעם אַלע פריערדיקע ווירטשאַפטלעכע קריזיסן. פיל פאַבריקן און גרובנס זענען פאַרמאַכט — אין אַנדערע איז די אַרבעט באַגרענעצט מיט עטלעכע טעג אין דער וואָך. ביי די טויערן פון די פאַבריקן און פאַר די אַמטן פון אַרבעטס-פאַרמיטלונג — לאַנגע רייען אַרבעטסלאָזע. זייערע רייען וואַקסן פון טאָג צו טאָג, דערגרייכנדיק די צאָל פון 500 טויזנט מענטשן, באַרויבטע פון ברויט און אָפט אויך פון אַ דאַך איבערן קאָפּ. צווישן די מיליאָניקע פויערים-מאַסן — אַ ערד-הונגער און נויט, מיליאָנען איבעריקע הענט, אַ געצוווּנגענע עמיגראַציע אין פרעמדע לענדער נאָכן ביסן ברויט. איבער אַ מיליאָן אַרבעטער- און פויערים-קינדער באַזוכט נישט די שול — די עלטערן זענען נישט אימשטאַנד צו קויפן פאַר זיי קיין שיך, העפטן, ביכלעך. דאָס דאָרף זינקט בוכשטעבלעך אין דער פינצטערניש, זייענדיק געצוווּנגען זיך אָפּצוזאָגן פון קויפן נאַפט, שוועבעלעך. עס פרוכפּערט זיך דער אַנאַלפאַבעטיזם, עס מערן זיך די זעלבסטמאָרדן, עס פאַרגרעסערן זיך

די טויט-פאַלן צווישן קינדער און דערוואַקסענע, עס ווערט אַכזריות־
דיקער דער טעראָר און די אונטערדריקונג אויף דער פּוילישער ערד
און מיט נאָך מער ברוטאַלקייט אויף דער פאַרכאַפּטער אוקראַיני־
שער און ווייסרוסישער ערד.

ענלעכע דערשיינונגען פון ירידה און דעגראַדאַציע זענען אַרויס־
געטרעטן אין די יאָרן 1929 — 1933 אין אַלע בורזשואַזע לענדער
אויפן פאָן פון אַלגעמיינעם קריזיס פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדע־
נונג אין איר באַרגאַראָפּיקן, אימפּעריאַליסטישן פּעריאָד פון צעליי־
גונג. אויף אַ באַזונדערס דייטלעכן אופן איז דאָס געקומען צום אויס־
דרוק אין סאַנאַטאָרישן פּוילן. אָנווענדנדיק די פּאָליטיק פון א שטאַר־
קער האַנט לגבי די ברייטסטע שיכטן פון פאָלק, איז דער אַנטי־
פאָלקישער פאַשיסטישער רעזשים געוואָרן אַלץ מער נאָכגיביקער
און הכנעהדיקער לגבי די אַמעריקאַנער און ענגלישע אימפּעריאַ־
ליסטן.

פּילסודסקי, בעק, סקלאַדקאָווסקי און אַנדערע רעדל-פירער פון
סאַנאַטאָרישן פאַשיזם האָבן פאַר די זילבערשטיק פון דער הלוואה,
וועלכע איז זיי געווען נויטיק אויף תפיסות און פּאָליציי, פאַר דעם
אָנטייל אין אימפּעריאַליסטישן אַנטיסאָוויעטישן בלאָק, געשטויסן
פּוילן צו דער ראָל פון אַ פּאָלווארק פון זייערע באַלעבאַטים אין ניו־
יאָרק און לאָנדאָן. די באַלעבאַטים פון די וויכטיקסטע פּוילישע אינ־
דוסטרי-צווייגן זענען געוואָרן די אַמעריקאַנער, ענגלענדער און
פראַנצויזישע קאַפּיטאַליסטן, און דורך זייער פאַרמיטלונג — די
דייטשע קאַפּיטאַליסטן. די לעצטע האָבן אַלץ טיפער אַריינגעדרונגען
איןווירטשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן פון לאַנד. הונדערט מאָל
רעכט האָט געהאַט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פּוילן, וועלכע,
נישט אויפהערנדיק מאָביליזירן דאָס אַרבעטנדיקע פּוילן צום קאַמף
מיטן פאַשיזם און אָנפירנדיק מיט דעם דאָזיקן קאַמף יאָרן-לאַנג, האָט
געוואָרנט דאָס פאָלק, אַז די בורזשואַזע הערשאַפט, די הערשאַפט
פון פאַשיזם שטעלט מיט זיך פאָר אַ טויט-געפאַר פאַר די אינטע־
רעסן פון פאָלק, פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון אונדזער פאָטער־
לאַנד. די ווייטערדיקע הערשאַפט פון דער סאַנאַציע האָט פאַר־
שטאַרקט די דאָזיקע געפאַר פון יאָר צו יאָר.

אויסערגעווינלעך פאַרביסן איז געווען דער קאַמף, וועלכן עס
האָבן געפירט די פּוילישע אַרבעטער און פּויערים אונטער דער אָנ־
פירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין די דאָזיקע יאָרן פון

קריזיס און אויספארקויף פון נאציאנאלן אייגנטום. א געמיינזאמער גורל האט פאראייניקט זייער קאמפס־בונד קעגן פאשיזם.

דער ארבעטער און דער פויער — דאס זענען ברידער אין דער קאפיטאליסטישער קנעכטשאפט, און דעריבער אויך פארבינדעטע אין קאמף פאר ארפווארפן דעם פאשיזם, באפעסטיקן די אומאפ־הענגיקייט און אויפבויען א פריי סאציאליסטיש פוילן. נישט געקוקט אויף דער קעגנווירקונג פון די רעכטע פפס און אפארטוניסטישע פויערים־פארטייען, האט די אידעע פון רעוואלוציאנערן ארבעטער־און פויערים־בונד, וועלכער איז געווארן פראפאגירט דורך דער קא־מוניסטישער פארטיי, געטראפן צום פארשטאנד פון דער ארבעטנ־דיקער באפעלקערונג פון שטאט און דארף, אויסברייטערנדיק די איינפלוסן פון דער קפפ צווישן די מאסן. א באשטעטיקונג דערפון איז געווען דער מיליאן שטימען, וועלכע עס האבן באקומען, נישט געקוקט אויפן טעראר, די ליסטעס פון רעוואלוציאנערן ארבעטער און פויערים־בלאק בעת די וואלן צום סיים אין יאר 1928. א בא־שטעטיקונג דערפון איז אויך געווען דער מעכטיקער אלגעמיינער שטרייק פון די וועבער אין יאר 1928, די אפטע ארויסטרעטונגען פון די ארבעטסלאזע און די מאסן־שטרייקן אין די יארן 1929 — 1930, די פארשטארקטע קאמפן אויפן פוילישן דארף, ווי אויך אין די געביטן פון מערב־אוקראינע און מערב־ווייסרוסלאנד.

אזא איז געווען די סיטואציע, ווען עס האט זיך אומגעקערט אין לאנד באלעסלאוו ביערוט. עס האט זיך געענדיקט דאס יאר 1931 — דאס דריטע יאר פון קריזיס, דאס פינפטע יאר פון דער פאשיסטישער דיקטאטור אין פוילן. די פארטיי שיקט ביערוטן קיין לאדזש, א וויכטיקער פראלעטארישער צענטר, ווו די קאמוניסטן שטייען פון יארן־לאנג אין דער שפיץ פון די גרעסטע שטרייק־בא־וועגונגען. ביערוט אלס סעקרעטאר פון קרייז־קאמיטעט פון ק.פ.פ. איז דער אנפירער פון דער פארטיי־ארבעט אין לאדזשער קרייז, דער פירער פון א הונדערט־טויזנטיקער פראלעטארישער ארמיי, וועלכע פירט אומאויפהערלעך דא אין איינער, דא אין א צווייטער פאבריק א פארביסענעם קאמף מיט דער קאפיטאליסטישער עקספלאאטא־ציע.

דאך נישט לאנג קען זיך אויפהאלטן אויף איין און דעם זעלבן ארט אן אומלעגאלער קפפ־טוער אין די באדינגונגען פון פאשיס־טישן טעראר. מע דארף שפארזאם באלעבאטעווען מיט דעם דער־פארענעם אקטיוו, מיט דעם ווערטפולן קאפיטאל, מיט וועלכן עס

דיספּאָנירט די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער-באַוועגונג. נאָך אַ געוויסער צייט רופט דעריבער אָפּ די פּאַרטיי-אָנפירונג ביערוטן פון לאָדזשער קרייז. ער וועט זיך אינגיכן געפונען אויף אַן אַנדער פּלאַצווקע, וועלכע האָט אַ גרויסע באַדייטונג פאַרן קאַמף מיטן פאַשיזם אין דער צייט, ווען די הערשנדיקע סאַנאַציע האָט פון טאָג צו טאָג פאַרשטאַרקט אירע בלוטיקע רעפּרעסיעס קעגן אירע קעגנער. די דאָזיקע פּלאַצווקע איז געווען די אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון הילף פאַר רעוואָלוציאָנערן (מאָפּר), וועלכע איז געווען אָנגעפירט דורך דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

דער מאָפּר האָט פונקט ווי אין אַנדערע לענדער אויך אין פּוילן קאָנצענטרירט אין זיינע רייען אויסער קאָמוניסטן אויך ברייטע קרייזן פון מענטשן, וועלכע האָבן זיך באַצויגן מיט סימפּאַטיע צום רעוואָלוציאָנערן קאַמף מיטן פאַשיזם: אומפּאַרטייאישע אַרבעטער, שעפערישע אינטעליגענץ, מיטגלידער פון אַנדערע פּאַרטייען, וואָס זייער געוויסן האָט נישט געקענט שלום מאַכן מיט דעם סאַנאַציע־טעראָר און דער אונטערדריקונג, וועלכע האָבן געווילדעוועט אין לאַנד. ער האָט געאיילט מיט הילף פאַר די אַלע, וועלכע זענען פאַר באַטייליקן זיך אין באַפרייערישן קאַמף געוואָרן פאַרפאָלגט און אַרעסטירט און אויך געפירט אַ ברייטע פּאָליטישע אַרבעט אין פאַרטיידיקונג פון די דעמאָקראַטישע רעכט, וועלכע זענען דורך דער בורזשואַז-פאַשיסטישער מאַכט געוואָרן פאַרגוואַלדיקט אויף יעדן טראָט און שריט. דער מאָפּר האָט געהאָלפן די קרבנות פון פאַשיסטישן טעראָר, האָט אויך געהאַט די אויפזיכט איבער די פאַמיליעס פון די אַרעסטירטע, פאַרשיקטע און דערמאָרדעטע פאַר דער זאַך פון דער רעוואָלוציע. ביערוט — דער געוועזענער פּאָליטישער אַרעסטירטער און פּאָליטישער עמיגראַנט, דער רעוואָלוציאָנערער טוער מיט אַ פילנדיק האַרץ אויף יעדע עוולה און אומגערעכטיקייט האָט זיך דאָך איינגעגעבן מער ווי ווער ס'איז נישט איז אויף דעם פּירער פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געווען פאַנאַנדערגעצווייגט אין גאַנצן לאַנד.

ביערוט האָט געטראָפן די אָרגאַניזאַציע אין אַ שווערן צושטאַנד. די בורזשואַזע סאַנאַציע-מאַכט האָט גאַרנישט געשאַנעוועט די מיטגלידער פון מאָפּר, אַרעסטירנדיק זיי און משפּטנדיק צוגלייך מיט אַנדערע קעמפער פאַר פרייהייט. נעמלעך, נאָך וואָס — דאָס איז געווען אין יאָר 1932 — האָט זיך דער דעפענסיווע איינגעגעבן מיט דער הילף פון אַרעסטן צייטווייליק צו דעזאָרגאַניזירן די אַר־

באָלעסלאַוו ביערוט אין די יאָרן פון דער היטלערישער אָקופּאַציע

בעט פון צענטראל־קאמיטעט פון מאפר און אפשטעלן די אומלעגאלע צייטונג „די רויטע הילף".

דער אטאק פון סאנאציע־רעזשים אויפן מאפר איז געווען א רעזולטאט פון דעם אלגעמיינעם פארשארפן דורך דער סאנאציע דעם קורס פון א „שטארקער האנט". די ברוטאלע קלעפ זענען שוין געפאלן נישט בלויז אויף די קאמוניסטן, וועלכע זענען שוין פונלאנג געווען ארויסגענומען פון יעדער רעכט, און אויף זייערע סימפאטיקער, נאר זיי האבן שוין אפילו נישט אויסגעמיטן די הכנעהדיקע און אפארטוניסטישע „אפאזיציע" פון דער דעמלטיקער פפס און „סטראניצטווא לודאווע".

די דאזיקע „אפאזיציע" האט לגמרי נישט אונטערגעשטיצט דעם רעוואלוציאנערן קאמף פון די ארבעטנדיקע מאסן פאר ארא־פווארפן דעם פאשיזם, פארקערט, זי איז צום שארפסטן ארויסגעטרעטן קעגן די קאמוניסטן, וועלכע האבן מיט דעם דאזיקן קאמף אנגעפירט. אין די שטרייטן מיט דער סאנאציע איז דער „אפאזיציע" געגאנגען בלויז אין דעם, אז דורך בייטן דעם מעטאד פון רעגירן און צולאזן אנטיילצונעמען אין דער רעגירונג אויך פארשטייער פון די אפארטוניסטישע פארטייען זאל מען שטארקן די הערשאפט פון דער בורזשואזיע. די סאנאציע אבער האט געוואלט הערשן אליין, איבערלאזנדיק פאר די רעכטע פפס און פאר דער „סטראניצטווא לודאווע" די ראל פון א דונער־אפלייטער, וועלכער דארף אויסלאדן די אומצופרידנקייט פון די מאסן. די הויפט־שארף פון פאשיסטישן טעראר איז, פארשטענדלעך, געווען געווענדעט קעגן דעם קאמף פון די ארבעטנדיקע מאסן און קעגן דעם אנפירער פון די דאזיקע קאמפן, קעגן דער קאמוניסטישער פארטיי.

די אלגעמיינע סיטואציע אין לאנד שילדערט קלאר ביערוט אליין. „דאס איז געווען א צייט — זאגט ביערוט — ווען די אומגעזעצלעכקייט אין באצוג צו מענטשן, וואס זענען געווען בארויבט פון פרייהייט, האט זיך געהאלטן אין איין פארשטארקן, א צייט ווען מיט דעם געביט פון „גערעכטיקייט" האט אנגעפירט דער מיניסטער מיכאלאווסקי, און מיט דעם געביט פון אינערן פאליטיק — סלאוואי סקלאדקאווסקי, דער דעפענסיוויאק קאווערצקי, דער פאלעסיער וואיעוואדע קאסטעק בערנאצקי — די ארגאניזאטארן פון נייע מעטאדן פון ברעכן ביינער און צעקוועטשען מוחות, די ארגאניזאטארן פון בארימטן בריסק און קארטוז־בערעזע. דאס איז געווען א צייט פון „פאציפיקאציע" און פראצעסן, וואס זייער בולט־

טער ביישפּיל איז לוצק מיט די פּייניקונגס־מעטאָדן לגבי די אַרעסטירטע, וועלכע מאַכן פאַרפירן דאָס בלוט, ווי אויך אַ צייט פון הריגות צווישן אַרעסטירטע, ווי אַן איינלייטונג צום באַרויבן די פּאָליטישע פון אַלע רעכט, אַפילו פון די, פון וועלכע עס האָבן גענאָסן די געוויינלעכע אַרעסטירטע... און פּאָליטישע אַרעסטירטע זענען צו דער צייט שוין געווען איבער צען טויזנט. ווען די אַלטע תּפיסות האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר ענג — האָט מען אויסגעבויט אַ ריי נייע. ווי אַ פילמאָליקער געוועזענער פּאָליטישער אַרעסטירטער האָב איך מיט אַ סך זאָרג געטראַכט וועגן דער לאַגע פון די אַרעסטירטע חברים.״

נישט קיין גרינגע אויפגאַבע האָט ביערוט געהאַט צו דערפילן אין די דאָזיקע באַדינגונגען. מען האָט פּאַקטיש באַדאַרפט אָנהייבן די אַרבעט פונסניי, כדי אויף אַ לענגערער צייט פאַרזיכערן די אָרגאַניזאַציע קעגן אַלערליי סיורפּריזן און באַדייטנדיק אויסברייטערן איר פּאָליטישע און אַפּיטראָפּסישע טעטיקייט. מען האָט באַדאַרפט געפינען נייע מענטשן צו הילף, נייע „ריינע״ לאָקאַלן אויף טרעפונגען, פונסניי מאָנטירן די קאָנטאַקטן און טעכניק, איינשטעלן הונדערטער איינצלהייטן אין פלוג קליינע, אָבער אין תוך אַזעלכע, וואָס האָבן אַ דעציִדירנדיקע באַדייטונג פאַר דעם דערפאָלג פון דער אומלעגאַלער טעטיקייט.

ביערוט דערמאָנט מיט אַ סך האַרץ די מענטשן, וועלכע האָבן אים ביי־הילפיק געווען אין דער אַרבעט. נעמלעך, אין דער ערשטער ריי סטעפאַניע סעמפּאָלאָווסקאַ, וועלכע — רעדנדיק מיט זיינע ווערטער — האָט די גרעסטע טייל פון איר רירעוודיק לעבן אָוועקגעשענקט דער הילפס־אַקציע פאַר די פּאָליטישע אַרעסטירטע. מיט אַ באַזונדער אָפּפערוויליקייט האָבן מיטגעאַרבעט אין דער דאָזיקער אַקציע „די אָנגעזעענע און באַקאַנטע פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטלעכע טוערינס, ד״ר עסטערא סטרוזשעצקאַ און אַנטאָנינאַ סאָקאָליטש״, וועלכע האָבן געקענט באָלעסלאַוו ביערוטן נאָך פון דער צייט פון זייער געמיינזאַמער אַרבעט אויף דעם פּאָלקס־אוניווערסיטעט און אין „קסיאָנזשקאַ״. מיט דער אייגנטימלעכער פאַר אים פעיִקייט צוצובינדן צו זיך מענטשן פון דער ערשטער באַרירונג האָט ביערוט געשאַפן אַלץ נייע קאָנטאַקטן. „די אַרבעטער, ביי וועלכע מיר האָבן זיך געטראָפן — דערציילט איינער פון זיינע דעמלטיקע מיטאַרבעטער — האָבן זיך באַצויגן צום חבר ביערוט מיט גרויסער סימפּאַטיע, כאָטש די טרעפונגען אונדזערע האָבן אַרויס־

געשטעלט אויף געפאר די, וועלכע האבן אונדז געגעבן דעם לאקאל. ווען דער חבר וואצעק איז א לענגערע צייט נישט געקומען, האט מען מיך געפרעגט: „פארוואס איז נישט געקומען יענער חבר?״ אלע האבן ארויסגעפילט אין חבר וואצעק נישט קיין דורכשניטלעכן מענטשן פון גרויסן פארשטאנד און פערזענלעכע מעלות״.

דער חבר וואצעק — אזא איז דעמלט געווען דער פארטייאישער פסעוודאנים פון ביערוט — האט א סך אויפמערקזאמקייט געשענקט דעם אנבינדן א סטאבילן קאנטאקט מיט די קאמונעס אין תפיסה. ער האט זארגפעלטיק געלייענט די „גריפסן״, וועלכע ער האט באקומען פון די תפיסות, און געענטפערט אויף זיי. אפט האט ער דורכגעפירט שמועסן מיט די, וועלכע האבן פארלאזט די תפיסות, אויספרעגנדיק זיך געגוי וועגן אלע פרטים פון דעם דאר־טיקן לעבן. אין קורצן האט ער זיך שוין אויסגעצייכנט אריענטירט אין די באדינגונגען, וועלכע האבן געהערשט אין יעדער תפיסה. די עצות דעריבער, וועלכע ער האט געגעבן באזונדערע קאמונעס, זע־נען געווען פאר זיי א הילף נישט צום אפשאצן אינעם דורכדויערן די שווערע יארן. „איך האב געלייגט באזונדערס אכט — זאגט ביע־רוט וועגן דעם פעריאד פון זיין לעבן — אויף דער זאך פון אונטער־האלטן דעם מוט ביי די מענטשן, וועלכע ס׳האט נעמלעך זיך באמת צו צעברעכן דער אלץ שטרענגערער רעזשים פון סאנאטארישן פא־שיזם״.

עס איז ווידער דערשינען די „רויטע הילף״. פון די שפאלטן פון דער אומלעגאלער צייטשריפט האבן גערעדט צו די ארבעטנדי־קע מאסן די ארעסטירטע. אין אומצאליקע קארעספאנדענצן האבן זיי געשריבן וועגן די חיהשקייטן פון פאשיזם לגבי די ארעסטירטע, וועגן דעם צורויבן ביי זיי די עלעמענטארסטע רעכט, וועגן אום־אויפהערלעכע שיקאנעס. די פאליטישע ארעסטירטע גיבן זיך נישט אונטער — זיי פאראייניקן זייער קאמף הינטער די קראַ־טעס מיט דעם קאמף פון די מאסן אין לאנד. דאס איינלייטונגס־ארטיקל וועגן די אטאקן אויף די רעכט פון די ארעסטירטע האט אנגעשריבן ביערוט. „מיר זענען אלע געווען אנטציקט — דערציילט איינער פון זיינע מיטארבעטער — מיט דעם אופן פון שרייבן פון חבר וואצעק. זיינע ארטיקלען זענען געווען קלארע און געטראפן צום הארץ. ער האט שטענדיק געשריבן מיט א פשוטער שפראך, וואס איז געווען פארשטענדלעך אפילו פאר א פאליטיש אומדער־פארענעם ארבעטער. דער חבר וואצעק האט אפט געשריבן אויך

אויפרופן. זיי זענען געווען קעמפעריש און גערעדט צום לייענער. איך געדענק, ווי אַ געוויסער אַרבעטער, וואָס אין זיין ווינונג אויף דער טאַרגאָווע גאַס האָבן מיר אויסבאַהאַלטן אומלעגאַלע ליטעראַטור, האָט געלייענט פאַר מיר אַן אויפרוף פון חבר וואַצעק. עס האָט זיך גערעדט אין אים וועגן די שווערע באַדינגונגען פון לעבן און קאַמף פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין פּאַרדאָן. בשעתן לייענען האָט דער אַרבעטער שטאַרק צונויפגעדריקט די פויסטן..."

אין משך פון אַ לאַנגער צייט איז ביערוט געווען דער פירער פון מאָפּר, דאָס האַרץ און דער מוח פון דער אָרגאַניזאַציע, דער זאָרגפולער אַפּיטרופּוס פון אַלע קעמפער פאַר דער פרייהייט פון פאָלק, וועלכע זענען געווען פאַרפאָלגט דורך דער פאַשיסטישער דיקטאַטור.

די פאַרפאָלגונגען האָבן זיך געמערט, וואָס שטאַרקער עס איז געוואָרן דער קאַמף פון די פאָלקס-מאַסן קעגן דער פּאָליטיק פון די פּילסודסקיס, בעקס און סקלאַדקאָווסקיס, וועלכע האָבן אַלץ אָפענער פאַרקויפט די אינטערעסן פון פאָלק צו די אַמעריקאַנישע, ענגלישע, פראַנצויזישע און היטלערישע אימפּעריאַליסטן.

די אַרבעט פון די אַמעריקאַנישע און ענגלישע טויט-הענדלער, וועלכע האָבן אין משך פון פיל יאָר אויפגעבויט דעם פּרייסישן מיליטאַריזם, האָט ענדלעך געבראַכט די באַגערטע דורך זיי רעזולטאַטן.

אין פעברואַר פון יאָר 1933 האָט אין דייטשלאַנד געזיגט דער היטלערישער פאַשיזם, די סאַמע רעאַקציאָנערע, סאַמע בלוטדורשטיקסטע פאָרם פון בורזשואַזער דיקטאַטור. די דייטשע קאָמוניסטן האָבן געבלוטיקט אין קאַמף מיט היטלערן, אָרגאַניזירנדיק מיט מסירת-נפש דעם אַנטיפאַשיסטישן פאָלקס-פראָנט — די פאַררעטערישע סאָציאַלדעמאָקראַטישע פירער האָבן סאַבאָטירט דעם קאַמף פון אַרבעטער-קלאַס און דורכגעלייגט דעם וועג פאַרן פאַשיזם. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אומדערהערטער אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט מאַרש פון נקמה און פאַרברעכן קעגן די קאָמוניסטן, קעגן דעם אַרבעטער-קלאַס, קעגן דעם דייטשן פאָלק. די היטלערישע באַנדע, צעבלאָזנדיק די שאָוויניסטישע רעוואַנש-שטימונגען פון דער בורזשואַזיע און קליינבירגערטום, האָבן אין אַ בליץ-שנעלן טעמפּ פאַרוואַנדלט גאַנץ דייטשלאַנד אין אַ קריגס-לאַגער. היטלער האָט זיך פיבערהאַפט געגרייט צו אַן אָנפאַל אויף די שכנישע לענדער, אויף דעם ראַטנפאַרבאַנד, אויף פּוילן.

א רעגירונג, וואָס האָט ליב דאָס פּאָלק, די פרייהייט, די אומ־אָפּהענגיקייט, וואָלט אַזאַ סיטואַציע אין דייטשלאַנד אָנערקענט אַלס טויט-געפאַר פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן. אָבער די מאַכט אין לאַנד האָט זיך געפונען אין די הענט פון דער בורזשואַזיע. אין די הענט פון דער „סאַנאַציע", וועלכע האָט זיך פאַרקויפט דעם אַמעריקאַניש-ענגליש-היטלערישן אימפּעריאַליזם.

די סאַנאַציע האָט געהאַלטן דאָס קומען פון היטלערן צו דער מאַכט אַלס באַקוועמע שפּרינג-ברעט פאַר דער ווייטערדיקער פאַ־שיזירונג פון לאַנד, פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון דער עקספּלואַ־טאַציע און אונטערדריקונג פון די פאָלקס-מאַסן, פאַר דער פאַלשער, צווייפּנימדיקער שפּיל מיט דעם נאַטירלעכן פאַרבינדעטן פון פּוילן, מיט ראַטנפאַרבאַנד, און שפּעטער — פאַר הנדלען זיך צו היטלערן און מאַכן צוזאַמען מיט אים פאַרשווערונגען קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד אויפן חשבון פון די פאָלקס-אינטערעסן פון אייגענעם לאַנד. דאָס געזעץ וועגן פאַרבאַנדן, די ליקווידאַציע פון דער זעלבסטפאַרוואַל־טונג, דאָס אַריינפירן דעם צוואַנג-אַרביטראַזש, דאָס פינאַנדערבויען דעם פייניקונגס-לאַגער אין קאַרטוז בערעזע, דאָס איינפירן אין לעבן דעם קאַטאָרזשנע רעזשים אין די תפיסות, דער אַטאַק אויף די רעכט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, דאָס אָנוואַרפן די פאַשיסטישע קאָנסטיטוציע — דאָס אַלץ איז נאָך נישט קיין פולע רשימה פון די אַנטיפאָלקישע, אַנטינאַציאָנאַלע צוגן פון די פּילסודסקישע פּולקאָווניקעס און גענעראַלן אין זייער אינערלעכער פּאָליטיק.

די אויסלענדישע פּאָליטיק פון דער סאַנאַציע האָט פולשטענדיק אַנטשפּראָכן דעם פאַשיסטישן גייסט פון זייערע אויפטועז אין לאַנד. די בעקס און מאָשציצקיס, וועלכע האָבן געשלאָסן אַ פּאַקט מיט די היטלערישע דייטשן, שטיצן אונטער לויט דער ריי אַלע אַגרע־סיווע אַקטן פון היטלערן אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום, באַטיי־ליקן זיך צוזאַמען מיט היטלערן אין רויב פון טשעכאָסלאָוואַקיע, סאַבאָטירן דאָס שליסן דעם מזרח-פּראַנט, וועלכן עס לייגט פאָר דער ראַטנפאַרבאַנד, און וואַרפן אָפּ אַלע סאָוויעטישע פאָרשלאָגן, וועלכע צילן צו צוימען די היטלערישע אַגרעסיע און פאַרלויפן דער צווייטער וועלט-מלחמה.

אַזוי אַרום האָט די סאַנאַציע טראָט נאָך טראָט אונטערגעגראָבן די אומאָפּהענגיקייט פון לאַנד און געגאַנגען אויף דער האַנט היט־לערן ווי אויך דעם אַמעריקאַניש-ענגלישן אימפּעריאַליזם, וועלכער

האָט די גאַנצע צייט געשפילט אַ צווייפּנימדיקע שפּיל. די דאָזיקע שפּיל איז באַשטאַנען אינעם אָנרייצן די היטלערישע אַגרעסיע אונטער דער צביעותדיקער מאַסקע פון „מיטגעפיל" צו די קרבנות פון דער דאָזיקער אַגרעסיע. די אימפּעריאַליסטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן און פון ענגלאַנד טאָלערירן באַוווסטזיניק דאָס באַפעסטיקן זיך פון היטלעריזם אין אייראָפּע, רעכענענדיק, אַז אין לעצטן סך־הכל וועט דאָס צואיילן און פאַרלייכטערן דעם מלחמה־מאַרש פון היטלערן קעגן ראַטנפאַרבאַנד, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די הויפּט־שטרעבונג פון מערבדיקן אימפּעריאַליזם, זיין וויכטיקסטן ציל. צי איז נישט ווערט אין נאָמען פון דעם ציל מקריב צו זיין דעם גורל פון עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע און אַנדערע לענדער, נישט אויסגעשלאָסן פּוילן? דער אַמעריקאַניש־ענגלישער אימפּעריאַליזם איז שוין פונלאַנג אויף דעם דעצידירט. אין די פּאַרטרווילעכע שמועסן מיט היטלערס שליח וואָהלטאַטען האָט די ענגלישע רעגירונג נאָך לאַנג פאַר סעפּטעמבער 1939 פאַרקויפט צו די פאַשיסטישע דייטשן די אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן.

די אַנטיפאָלקישע רעגירונג פון די בעקס, קאָץ'ס, און רידז־שמיגלים נאַרן אָפּ באַוווסטזיניק די געזעלשאַפט, הייסנדיק זי גלויבן אין דער אויפריכטיקייט פון די הבטחות וועגן דער „זיכערקייט" פון פּוילן, וואָס קומען פון בערלין, ניו־יאָרק, לאָנדאָן און פּאַריז. בלינד און טויב זענען די אָפּאָזיציאָנעלע פירער פון די רעכטע פּפּס און „סטראָניצטוואָ לודאָווע", נישט װילנדיק אַרויסציען קיין פּאָליטישע קאָנסעקווענצן פון דער געפאַר, וועלכע באַדראָט די אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן. נאָך מער, אויף דעם סאַמע עקלהאַפטן אופן אַטאַקירן זיי די סאָציאַליסטישע סאָוועטישע מלוכה, זידלען די פּוילישע קאָמוניסטן אין דער פּרעסע און אויף פאַרזאַמלונגען, אונטערשטיצנדיק דערמיט גופא דעם היטלעריזם און די סאַנאַטאָרישע באַנדע הענדלער מיטן פאָלק.

פון דער צווייטער זייט, האָט די „אָפּאָזיציאָנעלע" ענדעציע אַלץ מער איבערגענומען די פאַשיסטישע פּאָגראָם־מעטאָדן אין באַצוג צו דער יידישער באַפעלקערונג און צום אַרבעטער־קלאַס, געאָטעמט מיט שנאה צום ראַטנפאַרבאַנד און געלויבט דעם היטלעריזם. אויף דעם גרונט קומט שנעל פאָר אַ דערנענטערונג צווישן די יונגע ענדעקעס און דער סאַנאַציע און עס שטעלט זיך איין צווישן זיי אַ צוזאַמענאַרבעט לטובת דעם היטלערישן פאַשיזם — צום אומקום פון פּוילן.

עס וועט זיך איצט נישט געפינען קיין איין פוילישער פאטריאט, וואס זאל נישט מודה זיין, אז בלויז די פוילישע קאמוניסטן און די מיטארבעטנדיקע מיט זיי לינקע עלעמענטן — די איינהייטס-פראנט־טיקע פעפעסאווצעס, רעוואלוציאנערע גרופן פון דער „סטראניצט־ווא לודאווע", די אנטיפאשיסטישע ארבעטנדיקע אינטעליגענץ — האבן געטאן אלץ, כדי צו שטערן דעם נאציאנאלן פאראט פון דער סאנאציע און פון אירע „אפאזיציאנעלע" מיטהעלפער און כדי צו פאראייניקן די כוחות פון ארבעטנדיקן פאלק, פון גאנצן פאלק, פאר דער פארטיידיקונג פון דער אומאפהענגיקייט. דער טעטיקייט־פראגראם, וואס איז ארויסגערוקט געווארן דורך דער קאמוניסטי־שער פארטיי, איז געווען פארשטענדלעך און קלאר, ווי פארשטענד־לעך און קלאר עס איז געווען איר גאנצער וועג פון קאמף פאר פריי־הייט און גערעכטיקייט, פאר דער מאכט פון פאלק.

די געשעענישן אויף דער וועלט האבן יעדן טאג, יעדע שעה, באשטעטיקט די ריכטיקייט פון די לאזונגען פון די פוילישע קא־מוניסטן. די פוילישע קאמוניסטן האבן פעסטגעשטעלט, אז די הער־שאפט פון דער סאנאציע שטעלט מיט זיך פאר א געפאר פאר דער אומאפהענגיקייט פון פוילן, א דויערהאפטע אומאפהענגיקייט קאן פארזיכערן דעם פאלק בלויז אן ארבעטער- און פויערים-רעגירונג, נאר א דערנענטערונג מיטן ראטנפארבאנד. און דעריבער — האט די קאמוניסטישע פארטיי געזאגט די מאסן אין יאר 1935 — לאמיר באקעמפן עקשנותדיק דעם אנטיסאוויעטישן מלחמה-בונד פון דער סאנאציע-קליקע מיט דער רעגירונג פון היטלערן, דעם טויט-שונא פון דער אומאפהענגיקייט פון פוילישן פאלק. דער קאמף קעגן דער וואנטוריסטישער אויסערן-פאליטיק פון דער סאנאציע, דער קאמף פאר אראפווארפן איר מאכט, איז היינט גלייכצייטיק דער קאמף אין פארטיידיקונג פון דער אומאפהענגיקייט..."

די פוילישע קאמוניסטן האבן געשטעמפלט דעם פאראט פון די רידז-שמיגלים און בעקס, געשטעלט זיי צום שאנדסלופ פון פאלק, ווי אגענטן און הענדלער מיטן פאטערלאנד. „די פארעטערישע סא־נאטארישע באנדע — האט געשריבן די קפפ אין יאר 1937 — פארשטארקט באוווסטזיניק דעם טויט-שונא פון פוילן, דעם טויט־שונא פון דער אומאפהענגיקייט פון פוילישן פאלק. דער קאמף פאר ארופווארפן דעם פאשיזם, דאס איז א קאמף פאר די לעבעדיקסטע אינטערעסן פון ארבעטנדיקן פאלק, דאס איז א קאמף פאר דער עקזיסטענץ גופא פון פוילן אלס קולטור-פאלק און אלס אומאפהענ־

גיק פאָלק. די איינציקע פּאָליטיק פון פּאַרטיידיקן די אומאָפּהענגי־
קייט דאָס איז די פּאָליטיק פון דערנעענטערונג מיטן ראַטנפאַרבאַנד,
פון געמיינזאַמען קאַמף פאַר דעם שלום און פאַר דער אומאָפּהענ־
גיקייט פון פעלקער.״

די פּוילישע קאָמוניסטן און צוזאַמען מיט זיי די איינהייטס־
פּראָנטיקע פּעפּעסאָוצעס האָבן אומאויפהערלעך מאָביליזירט די
אַרבעטנדיקע מאַסן, דאָס פּוילישע פאָלק, איינצופירן אין לעבן דעם
דאָזיקן דערלייזערישן פּראָגראַם. נישט געקוקט און קעגן די אַנטי־
סאָוויעטישע און אַנטיקאָמוניסטישע בּסדרדיקע אָנפאַלן פון דער
רעכטע פּפּס און „סטראָניצטוואָ לודאָווע״ האָט זיך אין פיל אַק־
ציעס און אין פיל ערטער געשאַפן אונטער דער אָנפירונג פון קפּפּ
אַן איינהייטלעכער אַרבעטס־פראָנט, איז אַנטשטאַנען אַ ברייטער
פאָלקס־פראָנט, וועלכער האָט אויסגעשריבן אויף זיין פאָן לאָזונגען,
וואָס פּאַראַורטיילן דעם פאַשיזם, די סאַנאַציע, היטלערן, פאַרבאַ־
פערישע מלחמות, לאָזונגען פון קאַמף פאַר אַן אמתער דעמאָקראַטיע,
פאַר פרייהייט, פאַר שלום און פריינדשאַפט מיטן ראַטנפאַרבאַנד.
דער ראַטנפאַרבאַנד — האָבן אומאויפהערלעך און עקשנותדיק גע־
פּריידיקט די קאָמוניסטן — האָט שוין געגעבן און גיט פיל באַווייזן
פון זיין טרייהייט דער דעמאָקראַטיע און דעם סאָציאַליזם, פון זיין
סאָלידאַריטעט מיטן קאַמף פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון דער וועלט
קעגן רעאַקציע און פאַשיזם, פון זיין אַכטן די רעכט פון יעדן פאָלק
צו דעטערמינירן וועגן זיין אייגענעם גורל, פון זיין עקשנותדיקן ווילן
איינצוהיטן דעם שלום. דער ראַטנפאַרבאַנד האָט אין משך פון די
פינפיאָר פון סאָציאַליסטישער בויונג געענדערט דאָס אויסזען פון
לאַנד, איבערגעיאָגט אין דער אַנטוויקלונג פיל קאַפּיטאַליסטישע
לענדער, צענדליקער מאָל פאַרגרעסערט די אינדוסטריעלע פּראָדוק־
ציע, געענדערט פון גרונט אויס די לאַנדווירטשאַפט און זיך פאַר־
וואַנדלט אין אַ מעכטיקע סאָציאַליסטישע מלוכה. ראַטנפאַרבאַנד איז
אַ טרייער פריינד פון פוילישן פאָלק, דער שטיץ־פּונקט און די האָ־
פענונג פון אַלע כוחות, וואָס קעמפן מיט דער דראָונג פון היט־
לערישער קנעכטשאַפט. דער בונד און די פאַרברידערונג מיט דער
סאָציאַליסטישער מלוכה איז אַ דויערהאַפטע גאַראַנטיע פאַר דער
אומאָפּהענגיקייט פון פוילן, דעם נאָענטסטן שכן פון ראַטנפאַרבאַנד.
די פּאָליטיק פון דער סאַנאַציע שטויסט פוילן אין אַן אָפּגרונט —
אַ פאָלקס־רעגירונג אין אַנשפאַר אויפן לאַנד פון סאָציאַליזם וועט

אויפֿהייבן פּוילן אין דער הייך און אויף שטענדיק פֿאַרזיכערן די אומאָפּהענגיקייט פֿון פֿאָלק.

אָפּשאַצנדיק דעם לאַנגדויערנדיקן קאַמף פֿון די פֿאָלקס־מאַסן מיט דער סאַנאַטאָרישער פּאָליטיק פֿון נאַציאָנאַלן פֿאַראַט און שנאה לגבי דעם ראַטנפֿאַרבאַנד, האָט באָלעסלאַוו ביערוט געזאָגט אין יאָר 1948: „די פּוילישע קאָמוניסטן האָבן זיך אַרויסגערוקט אין שפּיץ פֿון קאַמף קעגן דער געפֿאַר פֿון היטלערישן איבערפֿאַל און קעגן דעם איבערפֿאַל גופֿא אין טראַגישן יאָר 1939. זיי האָבן צו־געגרייט דעם פּוילישן אַרבעטער־קלאַס צו פֿאַרשטיין און אָפּצושאַצן די פֿירנדיקע ראָל פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד אין קאַמף פֿאַר סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפֿרייונג".

דער סאַנאַטאָרישער רעזשים האָט אין די יאָרן נאָך דער היט־לער־איבערקערעניש געמאַכט אוממעגלעך ביערוטן צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די קאַמפֿן קעגן דער אַנטיפֿאָלקישער פּאָליטיק פֿון די פּילסודסקים, בעקס און מאָשציצקים. אין דעצעמבער 1933 ווערט ער דורך דער דעפֿענסיווע אַרעסטירט און אין יאָר 1935 פֿאַרמישפּט דורך דעם סאַנאַטאָרישן געריכט אויף לאַנגיעריקע תפיסה.

נאָר אַריינגעוואָרפֿן הינטער די קראַטעס, אויסגעליפֿערט צו אַ באַנדע תּליינים, ספּעציעל צוגעקליבענע דורך דער סאַנאַציע, כּדי צו פּייניקן די פּאָליטישע אַרעסטירטע, האָט ביערוט אויף קיין איין מינוט נישט פֿאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט די אַרבעטנדיקע מאַסן, מיטן פֿאָלק. צוזאַמען מיט אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע לעבט ער טיף איבער יעדן דורכפֿאַל פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג און פֿרייט זיך מיט יעדן סוקצעס פֿון פֿאָלק אין קאַמף מיט דער סאַנאַציע.

דורך די תפיסה־ווענט, דורך יעדן קלענסטן שפּאַלט, דערגרייכן צו די פּאָליטישע אַרעסטירטע די עכאָס פֿון די מאַסן־קאַמפֿן אין שטאָט און אין דאָרף, וואָס ווערן פֿון יאָר צו יאָר שטאַרקער, די עכאָס פֿון שטרייקן און צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי און מיט דעם מיליטער.

עס וואָלט זיך געקאָנט אויסדאַכטן, אַז אונטער דעם מעכטיקן דרוק פֿון דער פֿאָלקס־באַוועגונג וועט איינפֿאַלן די מאַכט פֿון די סאַנאַטאָרישע פֿאַרעטער פֿון פֿאָלק. אָבער די דיווערסיע־אַרבעט פֿון די פּוזשאַקס, זאַרעמבעס, אַרצישעווסקיס און מיקאָלײַטשיקס

האָבן געמאַכט צו נישט די מעגלעכקייט פון עפענען אַ ברייטן פאָלקס-פראָנט, אַ פראָנט פון ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד.

אַ סך חדשים איז באָלעסלאַוו ביערוט געווען אין דער תפיסה אויף דאַנילאָוויטשאָווסקאַ אין וואַרשע, צוויי חדשים אין מילעוויצע, מער פון אַ יאָר אין וואַרשעווער מאָקאָטאָוו, און פון דעם יאָר 1935 איז ער אָפּגעזעסן זיין אורטייל אין ראַוויטש. די דאָזיקע פיין-קאַמער וועט לאַנג בלייבן אין זכרון פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע, וועלכע האָבן אין די יאָרן דאָרט פאַרבראַכט.

„נאָכן אָנקומען מיט אַ גרופּע אַרעסטירטע קיין ראַוויטש — דערציילט ביערוט — האָבן מיר זיך געפונען אין אויסנאַמלעך שווערע באַדינגונגען, באַרויבט פון ביכער, פון דעם רעכט צו באַקומען פעקלעך און באַגרענעצונגען, פון אייגענעם אָנטועכץ. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם פּרווו אונדז איבערצוטאָן אין תפיסה-קליידער האָבן מיר געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. מען האָט אונדז באַשטראָפט דערפאַר מיט צונעמען די פעקלעך און שפּאַצירן. גאַנצע וואָכן האָט מען אונדז געהאַלטן אָן שפּאַצירן צו פיר מאַן אין זייער ענגע, איינצלנע צעלן. אויף יעדן שריט — שטראָף. פאַר אַרויסשעפּטשען אַ וואָרט אויף די אַזוי גערופענע שפּאַצירן — אַ געגנדזן-מאַרש אָפּגערוקט איינער פון צווייטן אויף 3—4 שריט — איז מען געוואָרן באַשטראָפט מיט קאַרצער. איך בין פינף מאָל געוואָרן אַריינגעזעצט אין קאַרצער. געוויינלעך איז מען דאָן געגאַנגען אין אַ ספּעציעלע שטראָף-אָפּטיילונג, וווּ עס האָט זיך געפונען אַ קליינע צעלע פון אַנדערטהאַלבן מעטער די ברייט, די באַשפּייזונג אין משך פון טעג אין באַשטאַנען פון צוויי גלעזער וואַרעמע וואַסער און שוואַרץ ברויט. דאָס זענען געווען פאַסט-טעג...”

די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן דאָך נישט אויפגעהערט צו קעמפן פאַר זייער ווירדע, פאַר זייער רעכט צום לעבן. אויך הינטער די קראַטעס איז אָנגעגאַנגען דער פאַרביסענער קאַמף מיט דער סאַנאַציע. אין די אומאויפהערלעכע קאָנפליקטן מיט דער תפיסה-אַדמיניסטראַציע האָט זיך געהאַרטעוועט דער ווילן פון די אַרעסטירטע טוער — דורכצודויערן און זיגן.

אויסער באָלעסלאַוו ביערוט, זענען אין ראַוויטש צו יענער צייט געזעסן נאָך פיל אַנדערע אָנגעזעענע קאָמוניסטישע טוער. אינגיכן וועלן זיי באַרימט ווערן אין די קאַמפן מיטן היטלערישן אָקופּאַנט פאַר אַ פרייע אומאָפּהענגיק און גערעכט פּוילן. זייערע נעמען וועלן פון דעמלט אָנהייבן לעבן אין פאָלק צוזאַמען מיט די נעמען פון יאַ-

ראָסלאַוו דאָמבראָווסקי, וואַרינסקי, קאַספּושאַק, אָקושעי, דזיער־זשינסקי, מאַרכלעווסקי. נאָך דעמלט זענען זיי נאָך געווען געפּאַנ־גענע אין דער קנעכטשאַפט פון די סאַנאַטאָרישע פּאָלקס־פּאַרטעער. ביערוט דערמאָנט אַפילו די צוזאַמענטרעפן אין דער תפיסה מיט די דאָזיקע נאָענטע חברים פון געמיינזאַמע קאַמף.

„עס איז געווען מיט מיר אין ראַוויטש מאַריאַן בוטשעק, אַ מענטש פון אַן אויסערגעוויינלעכן ווערט, אַ הייסער פּאַטריאָט, אַ געוויזענער לעגיאָניסט, נאָר שפּעטער אַ פאַרביסענער קעגנער פון דער פּילסודטשיזנע און סאַנאַציע... ס'איז דאָ געווען אַלפרעד לאַמ־פּע, אַ מענטש פון נישט קיין דורכשניטלעכן טאַלאַנט און וויסן, אַן אָנגעזעענער פּאָליטיקער און פּובליציסט... עס האָט זיך דאָ אויך געפונען מאַרצעלי נאָוואָטקאָ, איינער פון יענער אויסנאַמלעכע אַר־בעטער־פירער, וועלכע זענען אויסגעוואַקסן פון די גרויע פּראָלעטאַ־רישע מאַסן, דערוועקנדיק זיך דורך זייער באַזונדערן, בויענדיקן אָפּטימיזם און גלויבן, דורך זייער פאַרכאַפּנדיקן אופן פון באַנעמונג, די אַלגעמיינע סימפּאַטיע און אויטאָריטעט... אין דער שפּיץ פון דעם תפיסה־קאָלעקטיוו — סיי אין מאָקאָטאָוו, סיי אין ראַוויטש — איז געשטאַנען פּאַוועל פינדער, אַן אינזשעניער כעמיק, אַמאָל אַן אָנגעזעענער טוער צווישן די פּוילישע עמיגראַנטן אין פראַנקרייך. ער האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן אויטאָריטעט אין דער סבי־בה און ער האָט זיך געקענט אַן עצה טאָן אַפילו מיט די סאַמע פאַר־ביסנסטע פאַרשוינען צווישן די וועכטער און אַדמיניסטראַציע־אויפזעער...״ און נאָך פיל אַנדערע „אָנגעזעענע פירער פון דער אַר־בעטער־באַוועגונג, מיטגלידער פון דער פאַרפאָלגטער מיט דער גרעסטער ריקזיכטלאָזיקייט און פאַריאָגטער אין דער אונטערערד קאָמוניסטישער פּאַרטיי, טוער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און פון דער יוגנט־באַוועגונג, פיל ראַדיקאַל־געשטימטע אומפּאַרטייאישע אַרבעטער, פּויערים און אינטעליגענטן...״ זענען געווען אַרעסטירט — דערציילט ביערוט — צוזאַמען מיט אים אין דעם שטיינערנעם זאַק פון ראַוויטש אין די יאָרן פאַר סעפּטעמבער 1939.

עס זענען פאַריבער טעג און חדשים. אַלץ נעענטער האָט זיך אָנגערוקט די מינוט פון דער נאַציאָנאַלער שרעקלעכער מפּלה, צו וועלכער עס האָבן עקשנותדיק געשטויסן פּוילן אַלע לויט דער ריי — בורזשואַזע רעגירונגען, און צוממערסטן ציניש און פּאַרטעריש — די סאַנאַציע.

VI

דער פלאם פון שׂרפות באַלייכט וואַרשע. איבער די שטעט — מחנות עראָפּלאַנען, אויף די וועגן מאָטאָריזירטע פּאָלקן. בייז־דראָענדיקע האַקנקרייצן אויף די טאַנקען, לאַסט־אויטאָס, מאָטאָ־ציקלען. אין פולער באַוואָפענונג מיטן מאָדערנסטן געווער איז היט־לער אַרוים צו באַוועלטיקן פּוילן...

די געשיכטע פון טראַגישן סעפּטעמבער 1939, וואָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער גאַנצער אַנטיפאָלקישער פּאָליטיק פון דער סאַנאַציע־מאַכט, איז גוט באַקאַנט. נאָך די באַרימערייען פון די רידז־שמיגלים און סקלאַדקאָווסקים איז איבערגעבליבן בלויז אַ שטויב־נעפּל אויף דעם זאַלעשטשיקער שאָסיי. אַזויפיל איז אויך ווערט געווען די הילף, וועלכע פּוילן האָט באַקומען פון די „טרייע פאַרבינדעטע" פון ניו־יאָרק, לאָנדאָן און פּאַריז. אויף אַ שענדלעכן אופן האָבן זיי פאַראַטן דעמאָלט פּוילן — איבעריקנס, נישט צום ערשטן מאָל און נישט צום לעצטן.

די פאָלקס־מאַסן האָבן זיך געשטעלט צו נישט קיין גלייכן קאַמף. צוזאַמען מיט די מאַסן, אין שפּיץ פון די מאַסן האָבן קעגן די היט־לערישע האָרדעס געקעמפט די פּוילישע קאָמוניסטן. זיי האָבן דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק נישט פאַרפירט און זיי וועלן עס קיינמאָל נישט פאַרפירן. אַרויסרייסנדיק זיך פון דער תּפיסה אין ראַוויטש קומט אום הינטער וואַרשע אין קאַמף קעגן די היטלערישע איבערפאַלער דער מוטיקער פאָלקס־פירער, דער קאָמוניסט מאַריאַן בוטשעק. די קאָמוניסטן זענען אומעטום, ווי עס קומט פאַר אַ קאַמף, ווי עס ווערט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד: אין די אַרבעטער־באַטאַליאָנען,

צווישן די זעלנער, ביים גראָבן די קעגן־טאַנקען גריבער. די גריבער הינטער װאַרשע גראָבט אויך באַלעסלאַוו ביערוט.

ביערוט איז אַרויס פֿון ראַוויטשער תּפֿיסה אין דעצעמבער 1938. „ער איז געווען פֿיזיש אויסגעשעפּט — דערציילט וועגן דער ערשטער באַגעגעניש מיט אים איינער פֿון די נאָענטסטע מענטשן — אָבער אַ רואיקער, פֿול מיט גלויבן אין מאָרגן און אַלץ אַזוי פֿול מיט זאָרג וועגן אַנדערע". די פּאַרטיי האָט שוין נישט עקזיסטירט. איניקע חדשים פֿאַר דעם אַרויסגיין פֿון ביערוטן פֿון דער תּפֿיסה האָט די אומלעגאַלע קאַפּ זיך אויפֿגעלעזט, כּדי אָפּצוריייניקן אירע רייען פֿון די פּראָוואָקאַטאָרן, וועלכע זענען אַנגעשיקט געוואָרן פֿון סאַנאַציע־צווייטל. אָבער די קאָמוניסטן זענען געווען טעטיק צווישן די מאַסן, איינהיטנדיק זייער טריישאַפֿט פֿאַר דער אידעע, פֿאַר דעם אַרבעטער־קלאַס, פֿאַרן פֿאָלק. ביערוט קומט מיט זיי אין באַרירונג, רעדט אַרום די געשעענישן. מע טאָר נישט איבערלאָזן די מאַסן אויף רויב פֿאַרן פֿיינט — מע דאַרף אָרגאַניזירן אַ פּאַרטייִדיקונג. אַזוי טראַכטן און אַזוי טוען אַלע קאָמוניסטן אין דעם מאָמענט, ווען די שולדיקע פֿון סעפּטעמבער, די סאַנאַטאָרישע מלוכה־מענער מאַכן שוין פּליטה דורך זאַלעשטשיקי קיין רומעניע. וועגן די האַזיקע טעג פֿון מוט מצד די פּשוטע מענטשן און פֿון לעצטער געפֿאַלנקייט פֿון די דעמלטיקע רעגירנדיקע ספֿערן וועט אין אַ צייט אַרום, אין יאָר 1946, זאָגן ביערוט: „מיר קענען היינט דרייסט פֿעסטשטעלן די צוועקמעסיקייט און ריכטיקייט פֿון די האַנדלונגען פֿון די פֿאַרטיידיקער פֿון וואַרשע אין סעפּטעמבער פֿון יאָר 1939, ווייל ביי פֿאַרהעלטנישמעסיק קליינע פֿאַרלוסטן פֿון כּוחות האָבן זיי פֿאַרהאַלטן דעם מאַרש פֿון די איבערפֿאַלער, געצוווּנגען דעם קעגנער צו רעכענען זיך מיט דער ווידערשטאַנדפֿעיִקייט פֿין פֿאָלק און אויפֿגעהויבן אונדזער ווירדע אין די אויגן פֿון דער וועלט".

אָבער די מוטיקייט פֿון פֿאָלק און דאָס העלדישע פֿאַרהאַלטן זיך פֿון זיינע בעסטע זין האָבן נישט געקענט אָפּווענדן די סעפּטעמבער־מפּלה. די היטלערישע האָרדעס האָבן פֿאַרפֿלייצט דאָס לאַנד.

בלויז די אוקראַינישע און ווייסרוסישע ערד האָט זיך דעמלט געראַטעוועט פֿון דער היטלערישער אָקופּאַציע. צוליב דעם באַנקראָט פֿון דער סאַנאַטאָרישער רעגירונג האָט דער ראַטנפֿאַרבאַנד געריכטעט זיין מיליטער אויף דער טעריטאָריע פֿון מערב־אוקראַינע און מערב־ווייסרוסלאַנד, טראָגנדיק דער באַפֿעלקערונג פֿון דער דאָזיקער ערד סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַפֿרייונג, פֿאַר וועל־

כע זי האָט פונלאַנג געקעמפט. די סאַנאַטאָרישע פּאַרטעטער פון פאָלק האָבן זיך באַמיט אויסצונוצן דעם פּאַקט אין זייער ווייטערדיקער פיינטלעכער העצע קעגן ראַטנפאַרבאַנד. אָבער די באַפרייערישע באַדייטונג פון דער ראַטנפאַרבאַנדישער פּאָליטיק פאַר דעם ווייטערדיקן גורל פון דער מלחמה איז באַלד געוואָרן קלאָר און באַשיינפּערלעך פאַר יעדן. די ראַטנפאַרבאַנדישע רעגירונג, וועלכע, צילנדיק צו קרייצן די פּאַרטעטערישע פּאָליטיק פון די מערב-מלוכות, איז געווען געצוווּנגען צו שליסן אין 1939 אַ פּאַקט מיט די דייטשן, האָט פולשטענדיק אויסגענוצט די געוווּנענע צייט, כדי צוצוגרייטן די פאַרטיידיקונג קעגן אַן איבערפאַל מצד די היטלעריסטן, אויף וועלכן מ'האָט זיך געקענט ריכטן. אויף דער ערד פון מערב-אוקראַינע און פון מערב-ווייסרוסלאַנד איז אין די יאָרן 1939—1940 אַנטשטאַנען אַ פאַרטיידיקונגס-ליניע, וועלכע האָט שפּעטער, נאָך דעם פאַרעטערישן איבערפאַל אין יאָר 1941 אויפן ראַטנפאַרבאַנד, געהאַמעוועט דעם מאַרש פון היטלעריזם אויף מזרח. אין רעזולטאַט פון דער פאַרויסזעענדיקער פּאָליטיק פון דער ראַטנפאַרבאַנדישער מלוכה, איז די צייט פון דער פאַרניכטנדיקער מלחמה און פון די ליידן פון הונדערטער מיליאָנען מענטשן, אין דער צאָל אויך פון פּאָליאַקן, געוואָרן פאַרקירצט מינדעסטנס אויף צוויי יאָר.

די פּוילישע קאָמוניסטן האָבן קיינמאָל נישט געצווייפלט אין דעם באַפרייערישן איינפלוס פון דער ראַטנפאַרבאַנדישער פּאָליטיק פאַר דעם גורל פון פּוילן. ס'איז געווען קלאָר, אַז דער היטלעריזם האָט באַטראַכט פּוילן ווי אַ בריק, ווי אַ שפּרינגברעט פאַר אַן איבערפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד. די קאָמוניסטן האָבן ריכטיק פאָרויסגעזען, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד וועט צעדריקן דעם היטלעריזם, גלויבנדיק אין דער מאָראַליש-פּאָליטישער איבערמאַכט און אין דער אינדוסטריעלער קראַפט פון די סאָציאַליסטישע פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד. די דאָזיקע פעלקער זענען געווען און וועלן בלייבן די טרייסטע פאַרבינדעטע פון די פּוילישע פאָלקס-מאַסן, פון די פאָלקסמאַסן פון אַלע לענדער, וועלכע זענען פאַרקנעכטיקט געוואָרן דורך דעם היטלערישן פאַשיזם און געקעמפט מיטן אָקופּאַנט אין נאָמען פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייונג. מע דאַרף פאַראייניקן אַלע לעבעדיקע כוחות פון פּוילישן פאָלק צו דעם דאָזיקן קאַמף און אונטער קיין שום באַדינגונגען נישט דערלאָזן, אַז ער זאָל ווערן אויסגעקרימט דורך די סאַנאַטאָרישע שולדיקע אין דער סעפּטעמבער-מפּלה, וועלכע אויפהאַלטנדיק זיך אין לאָנדאָן, האָבן שוין געפּלאַ-

נעוועט א צווייטן פראט. אזוי ניכטער און וויטזעענדיק, מיט אזא הארציקער זארג וועגן דער צוקונפט פון פאלק האבן די קאמוניסטן אפגעשאצט די לאגע שוין אין די ערשטע חדשים פון דער דייטשער אקופאציע.

ס׳איז נישט פאריבער קיין סך צייט, ווען אין אונטערערד פון די פוילישע שטעט און דערפער האבן אנגעהויבן אויסוואקסן פארבאנדן, ארגאניזאציעס און גרופן, וועלכע האבן זיך געשטעלט פאר א ציל אן אומפשרותדיקן קאמף מיטן אקופאנט. אויף די פאבריקן הייבן זיך אן אקטן פון סאבאטאזש — אויפן דארף קומט דער ווידערשטאנד צום אויסדרוק אינעם אפשלעפן דורך די פויערים די צוואנג-צושטעלונגען פאר דעם אקופאנטישן מיליטער. אינגיכן וועלן די דאזיקע לויזע פארבאנדן און גרופן — „פארבאנדן פון פריינד פון פססר״, „סערפ און האמער״, „פראלעטאריער״ און אנדערע — אריינגיין אין באשטאנד פון א מעכטיקן רעוואלוציאנערן שטראם. וועלכער וועט געשאפן ווערן דורך די אמאליקע טוער פון קפפ. עס וועלן אויך געפינען צו אים דעם וועג די בעסערע עלעמענטן פון דער געוועזענער איינהייטספראנטיקער פפס און ראדיקאלע פויערים־טוער.

דער דאזיקער באלעבנדיקער שטראם פארן פוילישן פאלק, דער דאזיקער שטויס צום קאמף מיטן היטלערישן אקופאנט און דער פירער פון דעם דאזיקן קאמף איז געווארן די פארטיי פון ארבעטער־קלאס, די פארזעצערין פון די בעסטע טראדיציעס פון „פראלעטאריאט״, סדקפל, לינקע פפס און קפפ — די פוילישע ארבעטער־פארטיי. אין שפיץ פון דער פארטיי האבן זיך געשטעלט די אנגעזעענע טוער פון דער אמאליקער קאמוניסטישער פארטיי פון פוילן, די פארהארטעוועטע אין קאמף מיט די שונאים פון ארבעטנדיקן פאלק, די נאענטע אין משך פון צענדליקער יארן פריינד און חברים פון באלעסלאוו ביערוט — מארצעלי נאוואטקא, פאוועל פינדער, מאלגאזשאטא פארנאלסקא און פיל אנדערע.

דער יסוד פון דער פארטיי איז געווארן די אומבאזיגבארע אידעאלאגיע פון מארקסיזם־לעניניזם, די פארשטענדעניש, אז דער קאמף פאר אראפווארפן דעם יאך פון דער היטלערישער אקופאציע און די באפרייונג פון פאלק פאדערט צו שאפן א ברייטן אנטיהיטלערישן נאציאנאלן פראנט אונטער דער אנפירונג פון ארבעטער־קלאס מיט זיין רעוואלוציאנערער פארטיי אין דער שפיץ, א פראנט, וואס גייט קעמפן ביי דער זייט פון ראטנפארבאנד.

די פוילישע ארבעטער־פארטיי האט אנגעהויבן איר טעטיקייט אין יאנואר 1942. אויף דער ארענע פון קריג איז, נאך דעם באנדיטישן אנפאל פון היטלערישן דייטשלאנד אויפן ראטנפארבאנד, א־רויפגעטרעטן און זיין גאנצער קראפט א נייער פאקטאר, די פעלקער פון פסםר, וועלכע וועלן אויף א דעצידירנדיקן אופן אנטשידן וועגן זיין ווייטערדיקן גורל. „סטאלין וועט זיכער אפדרייען היטלערן דעם קארק” — אזוי האבן איצט געטראכט אלץ ברייטערע שיכטן פון דער פוילישער באפעלקערונג און פון אנדערע לענדער, וועלכער ס'האט געמארדעוועט דער היטלערישער אקופאנט.

אין שפיץ פון די פאלקס־מאסן, נישט געקוקט אויף דער פארביטענער קעגנווירקונג פון די רעאקציאנערע גרופן פון אלערליי קאלירן און ניואנסן, האט די פוילישע ארבעטער־פארטיי אנגעהויבן א רומפולן קאמף פאר א פריי און אומאפהענגיק פוילן, פאר א פוילן אן פאלקס־פארעטער, אן פריצים און קאפיטאליסטן. אין יארן ארום, געבנדיק אויפן קאנגרעס פון פזפר אין יאר 1948 אן אפשאצונג וועגן דער טעטיקייט פון דער פוילישער ארבעטער־פארטיי אין קאמף מיטן אקופאנט, זאגט באלעסלאוו ביערוט: „די נאציאנאלע און סאציאלע באפרייונג פון פוילן פון אונטער דעם פאשיסטישן יאך האט די פפר פארבונדן מיט דעם גלויבן אין זיג פון דער סאציאליסטישער מלוכה, פסםר, אין דער מלחמה מיטן דייטשן פאשיזם. פפר איז געווארן דער פארויסגייענדיקער, ארגאניזירטער, קעמפערישער טייל פון ארבעטער־קלאס, די פארויסגייענדיקע קראפט פון פאלק אין דעם סאמע שווערסטן פעריאד פון זיין געשיכטע. די פפר איז געווען די ערשטע פארטיי, וועלכע האט אונטערגענומען א דעצידירטן באוואפנטן קאמף מיטן אקופאנט. אין איר ערשטן אויפרוף האט די פפר געשריבן: שאפט פארטיזאנער־אפטיילונגען... זאל דער צווייטער פראנט אנטשטיין אין הינטערלאנד פון דער היטלעריסטישער ארמיי!”.

אין דעם מאמענט ווען אין אקופירטן פוילן האבן זיך דערהערט די ערשטע קעמפערישע אויפרופן פון פפר, האט באלעסלאוו ביערוט זיך געפונען אויסער די גרענעצן פון לאנד.

אין די ערשטע טעג פון סעפטעמבער 1939 איז ביערוט אוועק קיין לובלין. דא האט ער זיך געטראפן מיט זיין קאמפס־חבר פון קפפ, דעם באקאנטן ארבעטער־טוער, פראצישעק יוזשוויאק. צוזאמען הייבן זיי אן ווירקן צווישן די לובלינער ארבעטער. דאס דויערט אבער נישט לאנג. אין שטאט טרעט אריין דאס היטלערישע

מיליטער. עס הייבן זיך אָן רעוויזיעס, אַרעסטן, „לאַפּאַנקעס" און מאָרדן. אַ געווייגלעכע דערשיינונג אין יעדן אָרט, וואָס ווערט אָקו־פּירט דורך די היטלעריסטן. די באַוווּסטע אַרבעטער־טוער ביערוט און יוזשוויאַק זענען אין געפאַר. מע דאַרף דורכדויערן, כדי צו קע־נען אַרבעטן אויף דעם אומקום פון היטלעריזם — פאַר דער פריי־הייט פון פּוילן. אויסנוצנדיק דאָס, וואָס די סאָוויעטישע אַרמיי האָט זיך געפונען אין דער נאָענט, גייען זיי אַריבער אויף איר זייט.

אַ געוויסע צייט געפינט זיך ביערוט אין קאָוועל. שפּעטער אין קיעוו און ביאַליסטאָק. דאָרט פאַרכאַפּט אים דער איבערפאַל פון היטלערישן מיליטער אויפן ראַטנפאַרבאַנד. ער לאָזט זיך דאַן צופוס אויף מזרח אין דער ריכטונג פון מינסק, אָבער אויפן וועג טרעפן אים די היטלעריסטישע אָפּטיילונגען. די סאָוויעטישע אַרמיי האָט שוין פאַרלאָזט די געביטן. עטלעכע קילאָמעטער פאַר מינסק ווערט ער פאַרהאַלטן דורך די היטלעריסטן ווי „אַ קריגס־געפאַנגענער". ער דעצידירט זיך צו אַנטלויפן. אין אַ פּאַסיקער מינוט טיילט ער זיך אָפּ אין מינסק פון דער גרופּע מענטשן, צוזאַמען מיט וועלכער ער איז געוואָרן עסקאָרטירט דורך די היטלעריסטן. ס'האָט זיך איינ־געגעבן... ער איז פריי. נאָך אַ געוויסער צייט געפינט ער פון צייט צו צייט אַרבעט.

מע דאַרף אָנהייבן טאָן קעגן אָקופּאַנט, אַרבעטן פאַר דער זאַך — דאָס איז איצט די ערשטע זאָרג פון ביערוטן.

„כ'האָב זיך דעצידירט אָנבינדן באַציִונגען — דערציילט ביע־רוט וועגן דעם פּעריאָד פון זיין זיין אין מינסק — מיט איינער פון די פּאַרטיזאַנישע גרופּן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אַרויסווייזן אַק־טיוויטעט. כ'בין געקומען אין אַ קאָנטאַקט מיט דער אָרטיקער פּאַר־טיי־אָרגאַניזאַציע. זי איז באַשטאַנען פון מסירת־נפשדיקע מענטשן, איבערגעגעבענע דעם קאַמף קעגן אָקופּאַנט. אָבער עס האָט זיך געפונען אַ פּראָוואָקאַטאָר, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן די אָרגאַ־ניזאַציע". ביערוט פאַרלירט דעם קאָנטאַקט מיט די חברים. ער האָפט ווידער מיט זיי זיך צונויפצוטרעפן. אין צווישנצייט באַקומט ער אַ ידיעה וועגן דער אַנטשטייונג פון פּפּר. איצט פאַרטאָפּלט ער די אָנשטרענגונגען אומצוקערן זיך וואָס שנעלער צו דער פּאַרטיי־אַר־בעט אין לאַנד.

אָבער אין די אָקופּאַציע־באַדינגונגען איז פון דעם געביט פון „אָסטלאַנד" נישט געווען גרינג אַרויסצופאָרן אָן דער הילף פון

חברים. נאָך עטלעכע נישט איינגעגעבענע פּרוון מוז ער זיך אומ־קערן קיין מינסק און וואַרטן אויף הילף פון וואַרשע.

עס גייען ווידער פאַריבער חדשים פון געצווונגענעם אויפהאַלט אין מינסק. ביערוט וואַרט מיט אומגעדולד אויף ידיעות פון די חברים, כדי וואָס שנעלער זיך קענען שטעלן צום קאַמף אין די רייען פון פּפּר. עס קומט פרילינג פון יאָר 1943 — און אַט ווערן ענדלעך דערפילט זיינע האָפענונגען. אין וווינונג פון ביערוטן יאַוועט זיך אַן אומבאַקאַנטער יונגער בחור, וועלכער גיט אים איבער אַ דאָקו־מענט, וואָס איז צוגעשיקט פון דער פּאַרטיי־אָנפירונג אין לאַנד. דער דאָזיקער יונגער בחור, ווייזט זיך אַרויס, איז יאַנעק קראַסיצקי, דער אויסערגעוויינלעך טאַלאַנטירטער פירער פון ז.וו.מ. (קאַמפּס־פאַרבאַנד פון יונגע), איינער פון די מסירת־נפשדיקע טוער אין דער אונטערערד פון דער אָקופּאַציע. צוזאַמען לאָזן זיי זיך אין וועג. נאָך דעם גובר זיין אַ סך שוועריקייטן, קומען זיי ענדלעך אָן אויף אַ גליק־לעכן אופן אין לאַנד. דאָ האָט ביערוט זיך גלייך געפונען אין דער אַרומרינגלונג פון נאָענטסטע מענטשן, אין אַן האַרציקער אַטמאָס־פער פון זאָרגפולקייט און הילף מצד פריינד און חברים.

אין וואַרשע האָט באָלעסלאַוו ביערוט שוין נישט געטראָפן זיין נאָענטסטן פריינד פון יאָרן אַרבעט און פון צוזאַמענזיין אין די תפי־סות, מאַרצעלי נאָוואָטקאָ, דעם ערשטן גענעראַל־סעקרעטאַר פון פּפּר. די פיינטלעכע האַנט פון אַ פּראָוואָקאַטאָר האָט איבערגע־שניטן אין נאָוועמבער 1942 האָס שיינע לעבן פון אומדערמידלעכן קעמפער פאַר פרייהייט אין משך פון לאַנגע יאָרצענדליק. אין זיינע אויגן איז פאַרגליווערט געוואָרן אַ גרענעצלאָזע פאַרוווּנדערונג, אָבער זיין מויל האָט שוין נישט באַוויזן אַרויסצוזאָגן דעם נאָמען פון דער נידערטרעכטיקער שלאַנג, מאַלאַציאַ, וועלכע האָט זיך אַריינ־גנבעט אין צוטרוי פון דער פּאַרטיי און געשאָסן צו נאָוואָטקאָן. דער פּאַרטייאישער אָנפירונג האָט זיך דאָך איינגעגעבן אויפצודעקן און אומשעדלעך מאַכן סיי דעם מערדער גופא, סיי זיין ברודער, וועל־כער איז געווען דער אוממיטלבאַרער אינספּיראַטאָר פון מאָרד.

נאָוואָטקאָ איז נישטאָ. אָבער ס׳איז פאַראַן אַ טוער פון דער מאָס ווי פּאַוועל פינדער, וועלכער האָט נאָך נאָוואָטקאָן אויסגעפירט די פונקציע פון גענעראַל־סעקרעטאַר, עס איז פאַראַן אין דער אָנ־פירונג „יאַשיאַ״ — פאַרנאַלסקאַ, עס איז פאַראַן „וויטאָלד״ — יוזש־וויאַק, „יאַנעק״ — בעלכאַווסקי און פיל „אַלטע״ און יונגע אָנגע־זעענע טוער פון דער באַפרייונגס־באַוועגונג.


Feliks Dzierżyński – to duma polskiego ruchu rewolucyjnego –
to wzór wielkiego przywódcy, [illegible] bojownika i genialnego organizatora –
to kontynuator najpiękniejszych tradycji polskich walk wolnościowych –
to [illegible] partii rewolucyjnej, związanego na śmierć i życie z ideą i walką klasy proletariackiej –
to [illegible] w walce braterstwa polskich i rosyjskich robotników –
to symbol internacjonalizmu rewolucyjnego, [illegible] szowinizmem, patriotyzmem, zarazem [illegible] i [illegible] w walce o zwycięstwo komunizmu.
[illegible] się czci i miłości Feliksa Dzierżyńskiego.

באָלעסלאַוו ביערוט וועגן פעליקס דזשערזשינסקין

מען האָט נישט באַדאַרפט קיין סך שמועסן, אַז באָלעסלאַוו ביע־רוט זאָל קענען אַרומנעמען די גאַנצע סיטואַציע, וועלכע האָט דעמלט געהערשט אין לאַנד, און צום אַקטיוווסטן זיך איינשליסן גלייך אין דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז אין משך פון אַ געוויסער צייט געווען אָפּגעריסן פון דער באַוועגונג אין לאַנד, זענען זיינע בליקן אויף דער פּאָליטישער לאַגע און די אויפגאַבן, וועלכע דרינגען אַרויס פון איר פאַר דער פּאַרטיי, געווען פולשטענדיק איינשטימיק מיט דעם, וואָס האָט געטראַכט און גע־טאָן ביז איצט די אָנפירונג. עס האָט אויך געהערשט אַ פולע איינ־שטימיקייט צווישן דעם קערן פון צענטראַל־קאָמיטעט אין לאַנד און דער גרופּע פון אַזעלכע אָנגעזעענע חברים, ווי וואַנדאַ וואַסי־לעווסקאַ, אַלפרעד לאַמפּע, יאַקוב בערמאַן, אַלעקסאַנדער זאַוואַדסקי, הילאַרי מינץ, ראָמאַן זאַמבראָווסקי, עדוואַרד אָכאַב, סטאַניסלאַוו ראַדקיעוויטש, זיגמונט מאָדזעלעווסקי, קאַזשימיעזש וויטאַשעווסקי און אַ גאַנצע ריי אַנדערע, וועלכע זענען צו דער צייט געווען אין ראַטנפאַרבאַנד און זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן, וועלכע זיי האָבן געגרינדעט. די גרויסע פּאָלי־טישע דערפאַרונג פון די דאָזיקע טוער, זייער טרייזשאַפט צו די פּרינציפּן פון מאַרקסיזם־לעניניזם, ווי אויך זייער צוטרוי צו דער ריכטיקער פּאָליטישער ליניע פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי פון ססרר און איר פירער סטאַלין — אָט דאָס זענען די יסודות, אויף וועלכע עס האָט זיך באַזירט די פולשטענדי־קע איינשטימיקייט פון ביידע טיילן פון פירנדיקן קערן פון דער פּוילישער באַפרייערישער באַוועגונג — אַזוי אין דער אָפּשאַצונג פון דער סיטואַציע ווי אין די אויספירן.

דער צוריקקער פון באָלעסלאַוו ביערוט אין לאַנד איז אויסגע־פאַלן אויף אַ באַזונדערס וויכטיקן פּעריאָד פון דער אַנטוויקלונג פון באַפרייונגס־קאַמף קעגן אָקופּאַנט.

דער בעסטיאַלער טעראָר האָט אַלץ שטאַרקער געשטיקט די ברייטסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. אָבלאַוועס און אַרויס־פירן צו קנעכטישער אַרבעט אין דער טיף פון דייטשלאַנד, טאָרטורן אין די תפיסות, צעשיסונגען אויף די גאַסן פון שטעט און שטעט־לעך, טויט־לאַגערן פאַר מיליאָנען מענטשן — דאָס איז דער וועג, איבער וועלכן עס איז געגאַנגען דער היטלערישער אָקופּאַנט, שטרע־בנדיק צו פיזישער אויסראָטונג פון פאָלק.

אָבער גלייכצייטיק איז געוואַקסן און זיך געשטאַרקט דער באַוואָפנטער טאַט פֿון דער גוואַרדיע לודאָווע, עס זענען געוואַקסן די רייען פֿון אַנטיהיטלערישן נאַציאָנאַלן פֿראָנט אונטער דער אָנפֿירונג פֿון אַרבעטער-קלאַס און זיין אַוואַנגאַרד — די פּפּר. דאָס צעגראָמירן די אַרמיי פֿון פּאַולוסן הינטער סטאַלינגראַד האָט געמאַכט אַ סוף מיט דער לעגענדע וועגן דער נישט באַזיגבאַרקייט פֿון דער היטלער אַרמיי. האָט צוגעגעבן מוט דעם פּוילישן פֿאָלק, האָט אויפֿגעהויבן דעם אויטאָריטעט פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד און פֿון דער העלדישער סאָוויעטישער אַרמיי.

ביי איר זייט האָט זיך פֿאָרמירט, לויט דער איניציאַטיוו פֿון פֿאַרבאַנד פֿון פּוילישע פּאַטריאָטן, דער ערשטער פּוילישער מיליטערישער איינס, די דיוויזיע אויפֿן נאָמען פֿון קאָסציושקאָ, אָפּוואַשנדיק די שאַנד פֿון דעזערציע, וועלכע ס'איז באַגאַנגען אַנדערסעס אַרמיי פֿאַר דער סטאַלינגראַדער שלאַכט, און די פּראָוואָקאַטאָרישע האַלטונג פֿון דער עמיגראַציע-רעגירונג אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם שוידערלעכן היטלערישן פֿאַרברעכן אין קאַטין. נאָכן איבעררייסן די דיפּלאָמאַטישע באַציונגען צווישן דער ראַטנפֿאַרבאַנדישער רעגירונג און אַזוי גערופֿענער לאָנדאָנער רעגירונג האָט די צביעותדיקע אַנטינאַציאָנאַלע שפּיל פֿון דער לאָנדאָנער עמיגראַציע־קליקע זיך אַנטפּלעקט אין איר גאַנצער קלאָרקייט.

אומפֿאַרשעמט און נישט איבערקלייבנדיק אין מיטלען; האָבן איצט די לאָנדאָנער סיי אויף דער עמיגראַציע, סיי אין לאַנד, געפֿירט די העצע קעגן ראַטנפֿאַרבאַנד, קעגן דעם באַוואָפֿנטן קאַמף אין לאַנד, קעגן פּפּר. „שטיין מיטן געווער ביי די פֿיס" אין באַצוג צום אָקופּאַנט, אָדער ווי עס האָט געקלונגען דער צווייטער שווינדלערישער לאָזונג, פֿירן „אַ באַגרענעצטן קאַמף", און גלייכצייטיק מאָרדן פֿון הינטער דער וואַנט, אויסראָטן און איבערגעבן דער געסטאַפּאָ זעלנער פֿון פּוילישן אונטערערד, מיטגלידער פֿון פּפּר און פֿון דער גוואַרדיע לודאָווע — דאָס איז געווען די טאַקטיק, וועלכע איז געוואָרן אָנגעווענדט לויט דעם באַפֿעל פֿון לאָנדאָן מיט אַן אַלץ ברייטערן פֿאַרנעם דורך אַלע אָפּטיילן פֿון דער דעלעגאַטור בשותּפֿות מיט דער אָפֿן פֿאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע נסז. די געהיימע מיטאַרבעט פֿון דער דעלעגאַטור מיט דער געסטאַפּאָ ברייטערט זיך אַלץ אויס אין דער מאָס, ווי עס וואַקסן די איינפֿלוסן פֿון פּפּר אין פֿאָלק און עס פֿאַרגרעסערן זיך די באַוואָפֿנטע אָנשטרענגונגען פֿון דער גוואַרדיע לודאָווע, אין דער מאָס, ווי די סאָוויעטישע אַרמיי צע-

שמעטערט ווייטער — הינטער קורסק, ראָסטאָוו, כאַרקאָוו — די כוחות פון פיינט, ווי עס וואַקסט די מיליטערישע קראַפט פון פפר, דעם טרייַען פאַרבינדעטן פון אַלע פעלקער, וואָס קעמפן מיטן היטלערישן געוואַלד, און באַזונדערס פון די פוילישע מאַסן, פון פוילישן פאָלק.

אַ שטויס און דערמונטערונג צום ווייטערדיקן קאַמף מיטן אָקופּאַנט איז געוואָרן דער באַרימטער ענטפער פון גרויסן סטאַלין אויף די פראַגן פון קאָרעספּאָנדענט פון דער אויסלענדישער פּרעסע. אויף דער פראַגע, „צי די רעגירונג פון פפר ווינשט זיך נאָך דער מפּלה פון היטלערישן דייטשלאַנד די עקזיסטענץ פון אַ שטאַרק און אומאָפּהענגיק פוילן?" — האָט סטאַלין אין נאָמען פון דער סאָוועטישער רעגירונג געענטפערט קורץ און דעצידירט: „זי ווינשט זיך עס אומבאַדינגט".

מיט פאַרדאָפּלטער קראַפט האָט אונטערגענומען דעם קאַמף דער פאַרבאַנד פון פוילישע פּאַטריאָטן — האָט אונטערגענומען די פוילישע אַרבעטער פּאַרטיי אין לאַנד. די פפר געדענקט די טראַגישע דערפאַרונג פון צווישנמלחמהדיקן פּעריאָד, ווען די בורזשואַזיע מאַכט האָט דערפירט דאָס לאַנד צו אומקום. עס קען זיך נישט איבערחזרן מער דאָס יאָר 1939! אין פוילן נאָך דער באַפרייונג מוזן הערשן די אַרבעטער-מאַסן, און נישט אַ הייפל פּריצים און קאַפּיטאַליסטן, וועלכע האָבן פאַרקויפט דאָס לאַנד צו די אימפּעריאַליסטן, עקספּלאָאַטירט און אונטערדריקט די אַרבעטער און פויערים און געהאַלטן אין יאָך פרעמדע פעלקער. כדי עס זאָל זיך נישט איבערחזרן דאָס יאָר 1939, טאָר זיך אויך נישט איבערחזרן דאָס יאָר 1918. אַ גאַראַנטיע דערפאַר וועט זיין דאָס פאַראייניקן אונטער דער אָנפירונג פון אַרבעטער-קלאַס אין אַן אַנטיהיטלערישן נאַציאָנאַלן פראָנט אַלע כוחות, וואָס זענען פעיק צום קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייונג אין ברידערלעכער איינייקונג מיטן ראַטנפאַרבאַנד. דער פעסטער יסוד פון דעם דאָזיקן נאַציאָנאַלן פראָנט דאַרף זיין דער קאַמפס-בונד פון די אַרבעטער און פויערים. עס וועלן נישט אויפהערן די אָנשטרענגונגען פון פפר ביז דער דאָזיקער בונד וועט נישט זיין פאַרזיכערט, ביז וואַנען עס וועלן נישט ווערן אַרויסגעצויגן אַלע נויטיקע לערעס פון די פעלערן, וועלכע ס'איז נישט איין מאָל באַגאַנגען אין דער פויערים-פראַגע דער פוילישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער-לאַגער אין די ערשטע יאָרצענדליקער פון קאַמף פאַר דער פרייהייט און מאַכט פון פאָלק.

אינגיכן — אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1943 — ווערט עס באַשטעטיקן קלאָר די פּראָגראַם־דעקלעראַציע פון פפּר, אַז „פּוילן קען נישט זיין קיין פּריוואַטער פּאָלוואַרק פון אַ פּאַראַזיטישן, צו־ריקגעשטאַנענעם און רעאַקציאָנערן שיכט", אַז אין באַפרייטן פּוילן וועט די פפּר דורכפירן אַ ערד־רעפאָרם און די נאַציאָנאַליזירונג פון דער גרויס־אינדוסטריע, שטיצנדיק די אַנטוויקלונג פון לאַנד אויף אַ פּלאַנירטער ווירטשאַפט, „וואָס אירע פּרינציפּן באַזירן זיך אויף די באַדערפענישן און ווילזיין פון כלל, און נישט אויף דער שטרע־בונג צו רווחים פון אַ יחיד...", אַז אַנערקענענדיק די רעכט פון פעל־קער צו זעלבסטבאַשטימונג „קען זי נישט אָפּזאָגן די ברידערלעכע אוקראַאינישע און ווייסרוסישע פעלקער די רעכט פון באַשטימען זייער מלוכהשע אָנגעהעריקייט אין הסכם מיט דעם ווילן פון דער באַפעלקערונג...", אַז זי וועט שטרעבן דערצו, דאָס „די עטנאָגראַ־פיש־פּוילישע ערד, וואָס איז געוואָרן אַנטנאַציאָנאַליזירט און גער־מאַניזירט מיט געוואַלד" זאָל אָפּגעגעבן ווערן צוריק צו פּוילן, אַז „דאָס איינשטעלן גוט־שכנותדיקע באַציונגען פון פאַרבינדעטע מיטן ראַטנפאַרבאַנד וועט ווערן אַ וויכטיקער דעצידירנדיקער פאַקטאָר, וואָס וועט פאַרשטאַרקן אונדזער שוץ־פעיקייט, דעם ווירטשאַפט־לעכן פּאָטענציאַל און אונדזער פּאָזיציע אין אייראָפּע".

דאָס איז געווען אַ ניי, רעוואָלוציאָנער פּראָגראַם, אינגאַנצן אַ קעגנזעצלעכס צו דעם אַלעמען, וואָס עס וואָלט רעאַליזירט אַ בורזשואַזע רעגירונג און וואָס עס האָבן געפּרייידיקט אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע גרופּעס און גרופּקעלעך פאַרבונדענע מיט דער דעלעגאַטור פון די לאָנדאָנער פּאַרטייער. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון פּוילישן פּאָליטישן געדאַנק איז געוואָרן קלאָר און דייטלעך פאָרמולירט די שטרעבונג צו פאַראייניקן מיט דער מו־טער־ערד די מערבדיקע געביטן, פאַריאָכטע פון יאָרהונדערטער דורך די פאַרכאַפּערישע פּרוסאַקעס. די רעגירונגען פון דער פּוילי־שער מאַגנאַטעריע און בורזשואַזיע האָבן געלאָזט פאַרלוירן גיין די דאָזיקע געביטן פאַר פּוילן — עס וועט זיי אומקערן דעם פאָלק דער אַרבעטער־קלאַס, עס וועט זיי אומקערן דער בונד מיטן ראַטנ־פאַרבאַנד אין קאַמף קעגן היטלעריזם. קלאָר און דייטלעך שטעלט אויך פעסט די פּראָגראַם־דעקלעראַציע, אַז בלויז די אַרבעטער־מאַסן זענען פעיק צו פאַרווירקלעכן די רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען, וועל־כע זענען אָנגעצייכנט דורך די פפּר, אַז, דעריבער, „אַזאַ פּוילן איז אימשטאַנד צו רעאַליזירן אין לעבן בלויז די אָנשטרענגונג פון די

ברייטסטע פאלקס-מאסן, די געזעלשאפטלעכע כוחות, וועלכע רעפּרעזענטירן דאס פוילן פון דער צוקונפט..."

אין די ערשטע חדשים פון זיין זיין אין ווארשע נעמט באלעסלאוו ביערוט דעם אקטיווסטן אנטייל אינעם פארווירקלעכן דורכן אנפירנדיקן קערן פון פפּר די דאזיקע פראגראם-פרינציפן און זיין גאנצע אומדערמידלעכע ענערגיע ווידמעט ער דער זאך פון אויסברייטערן דעם אנטיפאשיסטישן נאציאנאלן פראנט, און פאר אלעמען, שטארקער באהעפטן די באזע פון דעם פראנט — דעם ארבעטער- און פויערים בונד.

וועגן דער דאזיקער טעטיקייט לייענען מיר אין איינעם פון די זכרונות פון יענער צייט: „דער חבר „טאמאש" — דאס איז געווען דער פסעוודאנים פון באלעסלאוו ביערוט אין דער צייט פון דער היטלערישער אקופאציע — האט פון דער ערשטער מינוט פון זיין צוריקקער אין לאנד צוגעשריבן א גרויסע באדייטונג דער ארבעט פון פפּר אויפן דארף, דער פארשטארקונג פון דער צוזאמענארבעט מיט דער לינקער פויערישער באוועגונג און דער אויסברייטערונג פון דער פראפאגאנדע-ארבעט צווישן די פויערים-מאסן. ער האט זיך געטראפן מיט די פויערים-טוער פון דער גרופע „וואלא לודו", ער האט זיי געראטן ווי צו פירן די ארבעט און ארומגערעדט מיט זיי די ענינים פון זייערע צייטשריפטן און אויסגאבן. דאס גרונטיקע קענען די ענינים פון דארף און פון דעם לעבן פון די פויערים, דאס דערשאצן די באדייטונג פון דארף פארן פירן דעם באפרייונגס-קאמף — דאס אלץ האט געווירקט, אז זיינע קאנטאקטן מיט די פויערים-טוער האבן געהאט א גרויסע באדייטונג פאר דער אנטוויקלונג פון דער אנטיפאשיסטישער פויערים-באוועגונג און פאר ענגער מאכן די פעדים פון צוזאמענארבעט מיט פפּר".

די באקאנטשאפטן צווישן פארשידענע ספערן פון דער געזעלשאפט און דער אויטאריטעט, וועלכן ער האט זיך דערווארבן אין משך פון די לאנגע יארן געזעלשאפטלעכער און פארטייאישער ארבעט, האבן פארלייכערט באלעסלאוו ביערוטן צוצוציען צו דעם אנטיפאשיסטישן נאציאנאלן פראנט פיל פערזאנען און גרופן, וועלכע האבן פריער ארויסגעוויזן געוויסע וואקלונגען. ער האט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט נישט קיין דורכשניטלעכן טאלאנט פון איבערצייגן מענטשן. „צייטנווייז האב איך נישט מסכים געווען אין אנהייב מיט זיין שטעלונג — דערציילט ביערוטס א מיטחבר פון דער צייט פון זיין זיין אין זאגלעמביע — נאר ווען ער האט אויף

דער פֿאַרזאַמלונג באַגרינדעט זײַן שטעלונג, האָב איך געמוזט אָנערקענען, אַז ער האָט רעכט, און קאַפּיטולירן. דאָס זעלבע איז געשען מיט אַנדערע חברים". די ווייטערדיקע יאָרן פֿון אַלזײַטיקער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, טיפֿע סטודיעס און באַקענען מענטשן האָבן נאָך מער פֿאַרשאַרפֿט די דאָזיקע קענטשאַפֿט. ער האָט איבערצײַגט, אויפֿגעקלערט, דערוואָרבן אָנהענגער נישט נאָר אין שמועסן. ער האָט אין דער צײַט געשריבן אַ סך אַרטיקלען, אויפֿרופֿן, פּאַרטייאישע דאָקומענטן. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט דער טיפֿקייט פֿון געדאַנק, מיט דער אייגנטימלעכער פֿאַר אים קלאָרקייט פֿון סטיל און קראַפֿט פֿון באַווירקונג.

ביערוט איז שטענדיק געווען אין באַוועגונג. פֿון איין קאָנספּיראַטיוון לאָקאַל אויף אַ צווייטן — אַזוי זענען פֿאַריבער וואָכן און חדשים אין וואַרשע, וועלכע האָט געווימלט פֿון שפּיצלען און געסטאַפּאָווצעס. די פֿרײַנד און חברים האָבן זיך געשראָקן, אַז אַזאַ אופֿן פֿון לעבן קען ציִען אויף אים די אויפֿמערקזאַמקייט, אָבער ביערוט האָט זיך נישט איבערגענומען דערמיט, האַבנדיק צוטרוי צו זײַן באַהערשטקייט און פּיליאָריקער דערפֿאַרונג פֿון אַ קאָנספּיראַטאָר.

די פּאַרטיי, דער אַרבעטער-קלאַס, דאָס גאַנצע פֿאָלק האָבן געהאַט אין יאָר 1943 וויכטיקלעכע פֿאַרלוסטן, וועלכע לאָזן זיך מיט גאָרנישט פֿאַרגיטיקן. הונדערטער מסירת-נפֿשדיקע, איבערגעגעבענע מיטגלידער קומען אום אין די פּאַרטיזאַנישע קאַמפֿן, אין די קעלערס פֿון געסטאַפּאָ, פֿון די הענט פֿון די צעיושעטע באַנדיטן פֿון נס״ז און לאָנדאָנער אַגענטן. אין סאַמע וואַרשע צילט דער פֿײַנט אַלץ טרעפֿלעכער.

אין יולי ווערט אַרעסטירט און דערנאָך דערמאָרדעט אין אָשוויענטשים דער מיטגליד פֿון ק. צ. פֿון פּפּר, דער אָנגעזעענער רעוואָלוציאָנערער טוער פֿון צווישן ביידע וועלט-מלחמות, דער דעפּוטאַט אין שלעזישן סיים — יוזעף וויעטשאָרעק. „איך האָב זיך מיט אים געטראָפֿן אין תּפֿיסה אין האָמבראָווער זאַגלעמביע — דערציילט ביערוט. — ער איז געווען אַ קוילן-אַרבעטער, אַן אויסגעצייכנטער געזעלשאַפֿטלעכער טוער, אַ געוועזענער שלעזישער אויפֿשטענדלער, אַן אַלגעמיין באַקאַנטע און געשעצטע פֿיגור אין שלעזיש-דאָמבראָווער זאַגלעמביע."

אין סעפּטעמבער פֿון זעלבן יאָר איז געוואָרן אַרעסטירט דער מיטגליד פֿון ק. צ. פֿון פּפּר יאַנעק קראַסיצקי. אין דער צײַט פֿון

איבערפירן איז ער אַרויסגעשפּרונגען פון אויטאָ. די געסטאַפּאָווצעס האָבן געגעבן אַ סעריע שאָסן, און יאַנעק איז געפאַלן אויף דער גאַס. „דאָס איז געווען אַ ליכטיק געשטאַלט — רעדט וועגן אים ביערוט. — אַ 22־יעריקער בחור, אויסערגעוויינלעך אינטעליגענט, אומדערשראָקן, אָן שום רעשט איבערגעגעבן. אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, וואָס ער איז געווען איר פירער, און אין דער פּאַרטיי האָט ער געהאַט אַ גרויסן אויטאָריטעט. זיין טויט איז געווען פאַר אונדז אַלעמען אַ שווערער קלאַפּ".

אין נאָוועמבער איז דעם שונא געלונגען צו געבן דער באַפרייאונגס־באַוועגונג אַן אויסערגעוויינלעך פּילבאַרן קלאַפּ. די געסטאַפּאָ האָט פאַרנומען דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי פּאַוועל פינדער און דעם מיטגליד פון ק. צ. פּפּר מאַלגאָזשאַטאַ פאָרנאַלסקאַ. מען האָט זיי אַריינגעזעצט אין „פּאַוויאַק" און אין משך פון אַ סך חדשים געפּייניקט. די געסטאַפּאָווצעס זענען נישט אימשטאַנד געווען זיי צו ברעכן. ביז אין לעצטן הויך זענען זיי געבליבן די אומדערשראָקענע פירער אין דער גרויסער שלאַכט, וועלכע עס האָט געפירט די פּאַרטיי פון אַרבעטער־קלאַס פאַר דער פרייהייט און צוקונפט פון פאָלק, געבנדיק אַביישפּיל פון פעסטקייט, מסירת־נפש און אויסדויער. אין יולי 1944 — אויף דער שוועל פון פרייהייט — ווערן ביידע דערשאָסן אין „פּאַוויאַק".

באַזונדערס שווער האָט ביערוט איבערגעלעבט דעם אַרעסט און ווייטערדיקן טראַגישן גורל פון פינדערן און „יאַשיען". די טייערסטע חברים — די נאָענטסטע פריינד. פינדער איז געווען אַ לאַנגיעריקער מיטחבר פון תפיסה. מיט יאַשיען האָבן אים פאַראייניקט אַ סך יאָרן פון געמיינזאַמע זאָרגן און פריידן אין דער פּאַרטייאישער אַרבעט און האַרציקע פריינדשאַפט. זי האָט געהערט צו די נאָענטסטע מענטשן, וואָס אָפּגעבנדיק זיך אַ רעכענונג פון דער גרויסער באַדייטונג פון זיין אַרבעט פאַר דער זאַך, האָט זי אים אַרומגערינגלט מיט דער פּילבאַרסטער אויפזיכט. „אַ טאָג פאַר איר אַרעסט — דערציילט באָלעסלאַוו ביערוט — האָבן איך זיך געזען מיט איר, זי האָט צוגענומען ביי מיר פּאַפּירן, וועלכע זענען מיר שוין נישט געווען נויטיק. ווי נאָר עפּעס איז מיר שוין דירעקט נישט געווען נויטיק צו דער אַרבעט, האָט זי זיך באַמיט דאָס אַליין דורכצוטראָגן, כדי איך זאָל זיך נישט אומזיסט אויסשטעלן אויף געפאַר. פרויען איז פּאַקטיש אין די חדשים געווען לייכטער זיך צו באַוועגן אין וואַרשע איידער מענער. פון „פּאַוויאַק" האָב איך פון איר צוויי מאָל

באַקומען „גריפסן". זי האָט זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז איר לאַגע איז האָפענונגסלאָז..."

היינט איז עס שוין אַ פעסטגעשטעלטע זאַך, אַז דאָס אַרעסטירן פּאַוועל פינדערן, מ. פאַרנאַלסקען, י. קראַסיצקין, ווי אויך פיל אַנדערע טוער פון פּפּר איז געשען דורך עלעמענטן, וועלכע זענען געווען פאַרבונדן מיט דער לאַנדאָנער דעלעגאַטור און מיטגעאַרבעט מיט דער געסטאַפּאָ דורך די געוויסע „צווייערלעך" („דוואַיקאַזשעס), וועלכע ספּיכאַלסקי האָט פאַרלייכטערט דאָס אַריינדרינגען אין דער אינפאָרמאַציע-אָפּטיילונג פון שטאַב פון דער גוואַרדיע לודאָווע. די דאָזיקע פּראָוואָקאַציעס זענען געווען אַ באַשטאַנד-טייל פון דעם גאַנצן אַרסענאַל שמוציקע מיטלען, מיט וועלכע די פּוילישע רעאַקציע האָט זיך באַמיט אָנטקעגנצווירקן די וואַקסנדיקע איינפלוסן פון פּפּר.

וואָס ברייטער עס האָבן זיך אַנטוויקלט אין לאַנד די באַוואָפנטע אַקציע און דער פּאַרטיזאַנער-קאַמף פון דער גוואַרדיע-לודאָווע, וואָס מער עס האָט זיך פאַרשטאַרקט דער אויטאָריטעט פון פּפּר, וואָס פילבאַרער עס זענען געוואָרן די קלעפּ, וועלכע די סאָוויעטישע אַרמיי האָט געגעבן דעם אָקופּאַנט — אַלץ גרעסער ווערט די צאָל פון די ברידער-מאָרדן, אויסגעפירט דורך דער פּוילישער רעאַקציע אין פאַרבינדונג מיט דער געסטאַפּאָ אין די וואָיעוואָדשאַפטן פון לובלין, קראָקע, קעלץ און אין וואַרשע. עס קומען אום הונדערטער גוואַרדיסטן, מיטגלידער פון פּפּר דערפאַר, וואָס זיי האָבן אומדערשראָקן געפירט אַ קאַמף מיטן אָקופּאַנט פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון פאָטערלאַנד, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז אין באַפרייטן פּוילן זאָלן איבערנעמען די מאַכט די פאַרטרעטער פון פאָלק און זאָלן מאַלטרעטירן דאָס פאָלק בשותפות מיט די מערבדיקע אימפּעריאַליסטן. זיי קומען אום דערפאַר, וואָס זיי האָבן געשטרעבט צו אַ ברידערלעכן בונד אויף אַלע צייטן פון אַ פרייע פּוילן מיט די פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד.

די העצע פון דער רעאַקציע, וועלכע האָט נישט איבערגעקליבן אין קיין מיטלען, קעגן די באַפרייערישע כוחות פון פאָלק און קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד, האָט זיך פאַרשטאַרקט באַזונדערס נאָכן פאַרעפנטלעכן די פּראָגראַם-דעקלאַראַציע פון פּפּר און דעם אַרויסגעבן אין דעצעמבער 1943 דעם מאַניפעסט פון די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכער האָט אָנגעזאָגט דאָס שאַפן פונעם נאַציאָנאַלן לאַנדראַט. דער נאַציאָנאַלער לאַנדראַט האָט געדאַרפט זיין

די פּאָליטישע רעפּרעזענטאַנץ פון פּאָלק, דער אָרגאַן פון אַנטיפֿאַשיסטישן פראָנט, וועלכער האָט געקעמפט פאַרן אַרויסטרייבן דעם אָקופּאַנט און איינשטעלן אין באַפרייטן פוילן די מאַכט פון פּאָלק.

„אַלע אונטערערדישע צייטשריפטן פון דעם לאַגער — דער־ציילט וועגן די חדשים באָלעסלאַוו ביערוט — מיט דעם „אינפאָר־מאַטיוון ביולעטין”, דעם אָרגאַן פון דער „דעלעגאַטור” אין דער שפּיץ, זענען איצט געווען פול מיט גיפטיקער שנאה צו פפּר און צו די פּראָגרעסיווע דעמאָקראַטישע כוחות, די צוממערסטן אַק־טיווע אין קאַמף מיטן אָקופּאַנט, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט. גאַנץ וואַרשע איז געוואָרן פאַרקלעפּט מיט אַנטיפּעפּערישע לאָזונגען און פלוג־בלעטער מיט דער נישט אָפיציעלער הסכמה און דערלויבעניש פון דער אָקופּאַציע־מאַכט. דאָס פינצטערע פאַרברעכן פון ברידער־מאָרד הינטער באַראָווע, וווּ אַ גאַנצע אָפּטיילונג פון דרייסיק פּאַרטיזאַנער פון דער גוואַרדיע לודאָווע איז געוואָרן פאַרנאַרט אין אַ פאַסטקע דורך די נסז און דערמאָרדעט, איז נישט בלויז שטילערהייט געוואָרן אַקצעפּטירט פון דער אָנפירונג פון דעם לאָנדאָנער לאַגער, נאָר זיך פאַרוואַנדלט אין אַ לאָזונג און מוסטער, לויט וועלכן עס האָבן אין פאַרשידענע ערטער פון לאַנד זיך אַנטוויקלט ברידער־קאַמפן און איבערפאַלן אויף דעמאָקראַטישע טוער, וועלכע זענען געווען צוממערסטן אַק־טיוו און מסירת־נפשדיק אין קאַמף מיטן אָקופּאַנט...”

דער רעאַקציע האָט זיך נישט איינגעגעבן צו שטערן דעם אַנטשטיין פון דעם נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט. נישט געקוקט אויפן טעראָר, אויף די פּראָוואָקאַציעס, און אַלץ שטאַרקערער פאַרבינדונג מיטן אָקופּאַנט — זענען די איינפלוסן פון דער רעאַקציע געוואָרן אַלץ קלענער, עס האָט זיך איר אַרויסגעגליטשט פון די הענט די מאַכט איבער די שיכטן פון פּאָלק, וועלכע האָבן איר ביז איצט נאָך געטרויט. די געשעענישן אויף די פראָנטן האָבן גלענצנדיק באַשטעטיקט דעם אמת, וועלכן די פפּר האָבן פונלאַנג שוין געפּרעדיקט. עס האָט געזיגט די סאָוועטישע אַרמיי, אַרויסשטויסנדיק דאָס היטלערישע מיליטער פון דער טעריטאָריע פון רוסלאַנד און דערנענטערנדיק זיך צו די גרענעצן פון פוילן. די אַמעריקאַנער און ענגלישע אימפּעריאַליסטן, וועמען עס האָט זיך ענדגילטיק פאַרקויפט די לאָנדאָנער רעאַקציע אין פּערזאָן פון די מיקאָלאַיטשיקס, ראַטשקיעוויטשעס, סאָסנקאָווסקיס, אַרצישעווסקיס, האָבן שוין דעמאַסקירט זייער צביעותדיקע פּראָהיטלעריסטישע שפּיל, אָפּלייגנדיק פון חודש

צו חודש און פון יאָר צו יאָר דאָס עפּענען דעם צווייטן פראָנט קעגן דעם היטלעריזם.

דאָס לאַנד האָט מיט אַן אַלץ וואַקסנדיקן גלויבן און צוטרוי זיך באַצויגן צו די קאַמפן פון דער סאָוויעטישער אַרמיי, ביי דער זייט פון וועלכער עס האָבן שוין געקעמפט פוילישע דיוויזיעס, אויסגעשולטע און באַוואָפנטע דורך דעם סאָוויעטישן פאַרבינדעטן — האָט געשענקט אַלץ מער צוטרוי דער אומדערשראָקענער טעטיקייט פון דער פוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי און דעם דעמאָקראַטישן נאַציאָנאַלן פראָנט, וועלכער איז דורך איר אָנגעפירט געוואָרן.

VII

ס'איז שוין לאַנג נאָך האַלבער נאַכט. אין די פֿענצטער קוקט שוין אַריין דער פּראָסטיקער באַגינען פֿון ערשטן יאַנואַר 1944. אין דער צוויי־צימערדיקער וווינונג אויף דער טוואַרדע־גאַס אין וואַרשע דויערט נאָך אַלץ די זיצונג פֿון צוויי און צוואַנציק פֿאָרשטייער פֿון צוועלף גרונטיקע גרופּן און דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס — די ערשטע זיצונג פֿון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט. דער זייגער דערנענטערט זיך צו זעקס — די אונטערהאַנדלונגען האַלטן שוין ביים סוף. באָלעסלאַוו ביערוט, וועלכער איז איינשטימיק אויסגעווילט אַלס פֿאָרזיצער פֿון דער איינציקער אמתדיקער פּאָליטישער רעפּרעזענטאַנץ פֿון פּוילישן פֿאָלק, פֿאַרמאַכט די זיצונג. „מיר צעגייען זיך מיט דעם געפֿיל פֿון דערפֿילטער פֿליכט און פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַרן פֿאָלק אין אַזאַ געשיכטלעכן איבערברוך־מאָמענט...” דערהערן זיך די לעצטע ווערטער פֿון פֿאָרזיצער.

די זיצונג איז געווען אַ לאַנגע און אַרבעטזאַמע. עס איז אויף איר באַשטעטיקט געוואָרן אַ גאַנצע ריי אויסערגעוויינלעך ווערטפֿולע דאָקומענטן. די וויכטיקסטע פֿון זיי — דאָס איז דער צייטווייליקער סטאַטוט פֿון די נאַציאָנאַל־ראַטן, וועלכער שטעלט פֿעסט דעם אופֿן פֿון אַנטשטיין און פֿון דער טעטיקייט פֿון די אָרטיקע נאַציאָנאַל־ראַטן, דאָס איז אַ דעקרעט וועגן דער גרינדונג און אָרגאַניזירונג פֿון דעם באַוואָפֿנטן אָרעם פֿון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט — פֿון דער פֿאָלקס־אַרמיי, וועלכע איז אַנטשטאַנען פֿון דער פֿאַראייניקונג פֿון דער גוואַרדיע לודאָווע און טיילן פֿון די פּויערים־באַטאַליאָנען, דאָס איז די פֿאַראָרדענונג וועגן באַשטראָפֿן די איניציאַ־

טאָרן פון די ברידער־קאַמפן, די פּאַרטעטער, דענונציאַטאָרן און אַזעלכע, וואָס אַרבעטן מיט אַקטיוו מיטן אָקופּאַנט, דאָס איז, צו־לעצט, די דעקלעראַציע, וועלכע דעפינירט די גרונטיקע צילן פון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט.

„דער נאַציאָנאַלער לאַנד־ראַט — לייענען מיר אין דעם דאָזיקן געשיכטלעכן דאָקומענט — דערקלערט, אַז אין באַפרייטן פּוילן מוז הערשן סאָציאַלע גערעכטיקייט. די גרויסקייט און די קראַפט פון פאָטערלאַנד דאַרף מען באַזירן אויף דעם פאַרזיכערן די ברייטע אַרבעטנדיקע מאַסן פון שטאָט און דאָרף — די אַרבעטער, פּויערים, האַנטווערקער, גייסטיקע אַרבעטער און אינטעליגענץ — אַ פרידלעכע און זיכערע מאַטעריעלע עקזיסטענץ, בילדונג, פרייהייט, פולע העמאָקראַטישע רעכט און די ראָל פון אַ באַלעבאָס אין באַנייטן פּוילן. אַזעלכע אויפגאַבן וועט שטעלן דער נאַציאָנאַלער לאַנד־ראַט דער צייטווייליקער רעגירונג, וועלכע וועט געשאַפן ווערן אין דעם מאָמענט, ווען דאָס וועט פאָדערן דער אינטערעס פון פאָלק..."

אין די אויבנדערמאָנטע ווערטער איז ווי אין אַ ברענגלאָז קאָנצענטרירט די פּראָגראַם פון איבערגעשטאַלטיקן די פּאָליטיש־ווירטשאַפטלעכע סטרוקטור פון לאַנד אין הסכם מיט די באַגערן און שטרעבונגען פון די ברייטסטע שיכטן פון פּוילישן פאָלק, די פּראָגראַם פון קאַמף פאַר דער מאַכט פון פאָלק אין פּוילן, די פּראָגראַם, וועלכע האָט באַדאַרפט מאַכן אוממעגלעך דאָס איבערנעמען די מאַכט דורך דעם קאַפּיטאַליסטיש־פּריצישן הייפל פון אונטערדריקער און רעאַקציאָנערן.

די דאָזיקע הויפּט־אידעע, וועלכע איז געלייגט געוואָרן אין יסוד פון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט, איז אין משך פון די אונטערהאַנדלונגען אויף דער ערשטער זיצונג שטאַרק אונטערגעשטראָכן געוואָרן דורך באָלעסלאַוו ביערוטן. די אויפגאַבע פון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט — האָט ער געזאָגט אין זיין אַרויסטרעטונג — איז „אָפּצונעמען איין מאָל פאַר אַלעמאָל ביי די רעאַקציאָנערע באַנקראָטשיקעס די מעגלעכקייט איבערצונעמען דעם רודער פון דער רעגירונג און אַרויסצוטרעטן אין נאָמען פון פאָלק".

וועגן דעם וואָס פאַר אַן איבערברוך־באַדייטונג עס האָט געהאַט דאָס אַנטשטיין פון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט אין דער פינצטערניש פון דער אָקופּאַציע־צייט וועט זאָגן באָלעסלאַוו ביערוט ערב דעם קאָנגרעס פון פּ.פ.פּ. אין יאָר 1948: „דאָס פּראָקלאַמירן דעם נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערער אַקט, וועל־

כער האָט אָנגעפאַנגען אַ נייעם פּעריאָד אין קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס און פון פאָלק. דער נאַציאָנאַלער לאַנד־ראַט האָט פאַראייניקט דעם קאַמף קעגן דעם היטלערישן אָנפאַלער מיט דעם קאַמף וועגן פּאָליטישער מאַכט פאַר די אַרבעטער־מאַסן, מיט דעם קאַמף פאַר אַ נייעם געזעלשאַפטלעכן סדר."

דער מענטש, וועלכער האָט אין שווערסטן פּעריאָד פון אָקופּאַציע־טעראָר אָנגעפירט מיט דער אַרבעט, וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיט דער גרינדונג פון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט, און וועלכער איז געוואָרן אויסגעוויילט אַלס איר פאָרזיצער, איז געווען באָלעסלאַוו ביערוט, אַ מיטגליד פון סעקרעטאַריאַט פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פּפּר. אויסדריקלעך איז האָט דער אָנפירנדיקער קערן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פּפּר אָנפאַרטרויט די דאָזיקע אויסערגעוויינלעך פאַראַנטוואָרטלעכע אין דעם מאָמענט אויפגאַבע, פאַרלאָזנדיק זיך אויף זיין ריזיקער דערפאַרונג און אומבויגזאַמער רעוואָלוציאָנערער שטעלונג.

„דאָס איז נישט געווען קיין גרינגע אויפגאַבע — דערציילט איינער פון די נאָענטע מיטאַרבעטער פון ביערוטן אין יענער צייט — טאַקע אין דעצעמבער 1943, ווען דאָס באַוועגן זיך איבער וואַרשע איז געווען באַזונדערס באַשווערט און געפערלעך — נישט זעלטן געדראָט מיט טויט — האָט באָלעסלאַוו ביערוט אַנטוויקלט אַן אויסערגעוויינלעך לעבעדיקע טעטיקייט. דאָס שאַפן פון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט האָט דאָך געפאָדערט אַרומצורעדן די שטעלונג און זי ברענגען צו אַ הסכם מיט פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן באַדאַרפט אַריינגיין אין באַשטאַנד פון דער דאָזיקער פאָלקס־רעפּרעזענטאַנץ. באָלעסלאַוו ביערוט האָט דורכגעפירט אַזעלכע שמועסן, האָט אָנגעוויזן אויף דער נויטיקייט אונטערצונעמען אַזאַ שריט, האָט צען מאָל זיך אומגעקערט דערצו, וואָס איז נאָך נישט געווען אינגאַנצן קלאָר... ווי נאָר עס האָט זיך דערנעענטערט דער טערמין פון דער ערשטער פּלענאַרער זיצונג פון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט, האָט די אַרבעט זיך פאַרשטאַרקט. מען האָט באַדאַרפט צוגרייטן און פאַרשטענדיקן זיך וועגן דעם מאַטעריאַל, וועלכער האָט געזאָלט זיין דער קעגנשטאַנד פון די באַהאַנדלונגען, באַאַרבעטן די פּראָיעקטן פון סטאַטוט, פון די דעקרעטן און דעקלאַראַציעס. אויך דאָס איז געפאַלן אויף זיינע פּלייצעס. אין אַן אויסגעריבענעם האַרבסט־מאַנטל און דורכגעלעכערטן קאַפּעלוש האָט ער מיט אַ שנעלן טראָט אויסגעמאָסטן אין דער לענג און אין

דער ברייט ווארשע, כדי אַלץ צוצוגרייטן, פעסטצושטעלן און צוהיטן. דער אויסערגעוויינלעכער פּאַרדינסט פון ביערוטן באַשטייט אין דעם, וואָס אין נישט קיין פולע צוויי חדשים פון דעם מאָמענט, ווען די אָנפירונג פון פּפּר האָט באַשלאָסן צוצוטרעטן צו אונטערהאַנדלען מיט די דעמאָקראַטישע, געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע און מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס, כדי צו שאַפן די דעמאָקראַטישע פאָלקס־רעפּרעזענטאַנץ, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ ריזיקע פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט, וועלכע איז נייטיק געווען פאַר דעם דאָזיקן איבערברוך־מאָמענט אין לעבן פון פאָלק.

די ראָל, וועלכע עס האָט אָפּגעשפּילט די פּפּר ביים שאַפן און ביי דער ווייטערדיקער טעטיקייט פון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט איז געווען דער ווייזער פון דער וואַקסנדיקער אויטאָריטעט פון דער פּאַרטיי אין פאָלק, פון איר פּאָליטישער רייפקייט און ווייטזיכטיקייט, פון דעם צוטרוי צו איר מצד די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען אַריין אין באַשטאַנד פון דער דעמאָקראַטישער פאָלקס־רעפּרעזענטאַנץ.

די אַנטשטייונג פון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט האָט די רעאַקציע באַגעגנט מיט אַ פאַרשטאַרקטן אַטאַק פון רכילותן אויף פּפּר, אויף דער סאָוויעטישער אַרמיי, אויפן פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן און מיט אַ נייער סעריע פּראָוואָקאַציעס און מאָרדן.

וועגן דער דאָזיקער פאַררעטערישער אַנטיפאָלקישער טעטיקייט פון די אַגענטן פון ענגליש־אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם אין לאַנד און אין דער לאָנדאָנער רעגירונג האָט באָלעסלאַוו ביערוט דערמאָנט אין יאָר 1946, זאָגנדיק: „די אַנטשטייונג פון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט האָט אויפגעוועקט די אַקטיווקייט נישט בלויז פון די דעמאָקראַטישע פּאָליטישע גרופּירונגען. די גרעסטע פאַרשטענדלעכע באַאומרואיקונג האָט אַרויסגערופן קודם־כל דער לאַגער פון די „לאָנדאָנער" מיט דער אַזוי גערופענער לאַנד־דעלעגאַטור אין זיין שפּיץ. דער דאָזיקער לאַגער האָט זיך אָנגעהויבן פּיבערהאַפט צו „דעמאָקראַטיזירן", שאַפנדיק אין קעגנגעוויכט צום נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט דעם אַזוי גערופענעם ראַט פון נאַציאָנאַלער איינהייט, וועלכן מען האָט זיך באַמיט גלייך צו פאַרוואַנדלען אין אַ מין באַראַטונגס־קאָלעקטיוו ביים „דעלעגאַט" פון דער עמיגראַציע־רעגירונג... די ברידער־מאָרדן זענען געוואָרן אַלץ עפטער און דאָס אין אַ צייט פון אומאויפהערלעכע מפּלות פון די דייטשן און שנעלער דערנעענטערונג פון קריגס־פראָנט פון מזרח צו פוילן. די „דעלעגאַ־

טור" און די הויפּט־קאָמענדע פון אַק (אַרמיאַ קראַיאָווע — לאַנד־אַרמיי) אָנשטאָט צו קעמפן מיט די דייטשן, האָבן דערקלערט קריג דעם לינקן לאַגער, פאַראייניקט זיך און געפונען אַן אידעאָלאָגישע „פאַרשטענדיקונג מיט די נפּז „נאַראָדאָווע סילי זבראָינע"), אַ פאַר־מאַציע מיט דעצידירטע פאַרשיסטישע צילן".

עס האָט זיך נישט געענדיקט בלויז אויף אַן אָפענער דיווערסיע אין געשטאַלט פון אַזוי גערופענעם „ראַט פון נאַציאָנאַלער איינ־הייט". די רעאַקציע האָט גלייך אָרגאַניזירט אַ נייעם צענטער פון אַנטידעמאָקראַטישער דיווערסיע, די אַזוי גערופענע „צענטראַלי־זאַציע פון די סאָציאַליסטישע און דעמאָקראַטישע ריכטונגען" (צקל), וועלכע איז באַשטאַנען פון קליינע גרופּקעס, וואָס האָבן קיין שום אָנשפּאַר נישט געהאַט אין דער געזעלשאַפט און וואָס זייער קערן איז געווען די רעכטע פּפּס. די „צענטראַליזאַציע" האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַן אַגענטור פון דער רעאַקציע, וואָס מאַסקירט זיך מיט „לינקע" פראַזן, דורכויס פיינטלעכע די באַפריי־ערישע צילן פון אַרבעטנדיקן פאָלק, פיינטלעכע דעם ראַטנפאַרבאַנד.

אין נאָוועמבער 1949 אין זיין רעדע אויפן דריטן פּלענום פון ק. צ. פּזפּר ברענגט באָלעסלאַוו ביערוט אַ בולטן דאָקומענט, וואָס באַשטעטיקט אומבאַשטרייטבאַר די ראָל פון צקל, אַלס שפּאַלטערי־שע אַגענטור־ראָל. דער דאָזיקער דאָקומענט איז אַ בריוו פון יאַנו־אַר 1944 געשריבן דורך איינעם פון די סאַנאַטאָרישע „צווייערלעך" צו זיינס אַ חבר. „עס וואָלט געווען געוואונטשן הילף דער פּפּס אין איר קאַמף מיט פּפּר... די „צענטראַליזאַציע" — ס'הייסט דער צקל קאָן ווירקלעך אויסוואַקסן אין אַ פאַקטאָר, וואָס זאָל קאָנקורירן מיטן קרנ און אין געוויסע אומשטענדן איבערנעמען זיין ראָל... די „צענ־טראַליזאַציע" איז נויטיק בלויז ווי אַן אַגענטור, ווי אַ צייטווייליקער פאַקטאָר. אַזוי אַרום וועט זי אָפּטאָן איר אַרבעט און וועט מער נישט זיין נויטיק..." אָט וואָס פאַר אַן אונטערגראָבערישע, דיווער־סיע־צילן די רעאַקציאָנערע פאַקטאָרן האָבן אָנגעצייכנט פאַר דעם צקל".

דער רעאַקציע אין לאָנדאָן און אין לאַנד איז אַזוי אַרום גע־גאַנגען אין דעם, אַז מיט דער הילף פון „ראַט פון נאַציאָנאַלער איינ־הייט" און צקל זאָל מען דערפירן צום אויפרייסן דעם נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט, טאָרפּעדירן די אָנשטרענגונגען פון נאַציאָנאַלן פראָנט אין דער ריכטונג פון אויפבויען אַן אמת פריי און אומאָפּהענגיק פּוילן, ד. ה. אַ פּוילן אָן פּריציש־קאַפּיטאַליסטישער עקספּלאָאַטאַ־

ציע, אַן סאַנאַציע־פּאַרטעטער, אַן אָפּהענגיקייט פון די אימפּעריאַ־ליסטן. די צילן פון קרנ האָבן געקענט ווערן דערגרייכט נאָר אין אַנשפּאַר אויף אַ בונד צווישן פּוילן און ראַטנפאַרבאַנד, וועלכער איז אַלס סאָציאַליסטישע מלוכה געווען דער נאַטירלעכער קלאַסן־פאַרבינדעטער פון די פּוילישע אַרבעטער־מאַסן. דער גורל פון דער אומאָפּהענגיקייט און אַנטוויקלונג פון פּוילן האָט זיך ווידער צונויפ־געפלאָכטן אומצערייסבאַר — ווי אין יאָר 1918 — מיטן קאַמף פון רוסישן פאָלק, מיטן קאַמף פון דער סאָציאַליסטישער מלוכה קעגן אימפּעריאַליזם. די פּוילישע רעאַקציע האָט זיך אָפּגעגעבן אַ רעכנ־נונג דערפון, און דעריבער, באַקעמפנדיק און אונטערגראָבנדיק דעם קרנ, האָט זי גלייכצייטיק באַוואָרפן מיט שמוץ דעם ראַטנפאַר־באַנד, שטרעבנדיק אונטערצוברייטן דעם צוטרוי צו דער סאָציאַליס־טישער מלוכה, וועלכער האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג.

דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטער קערן פון דער פפר־אָנפירונג מיט באָלעסלאַוו ביערוט אין דער שפּיץ האָבן געזען דורך און דורך די מאַנעוורען פון דער רעאַקציע און אויף קיין רעגע זיך נישט גע־לאָזט אַראָפּפירן פון ריכטיקן וועג. די אָנפירונג פון פפר האָט דע־מאַסקירט גלייכצייטיק די רעאַקציאָנערע צילן פון „ראַט פון נאַ־ציאָנאַלער איינהייט" און די דיווערסיע ראָל פון צקל, אויסברייי־טערנדיק די טעטיקייט פון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט און פאַרווירקלעכנ־דיק אין קאַמף מיטן היטלעריזם דעם קאַמפס־בונד פון די פּוילישע פאָלקס־מאַסן מיטן ראַטנפאַרבאַנד.

דעם דרוק פון דער רעאַקציע האָט זיך דאָך אָנגעהויבן אונטער־געבן אַ גרופּע מיטגלידער פון פפר, אַרויסווייזנדיק אָפּאָרטוניסטי־שע וואַקלונגען לגבי די מאַנעוורען פון דער רעאַקציע. דער דאָזי־קער גרופּע האָט פּאַטראָנירט דער דעמאָלטיקער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, גאָמולקאַ, כאָטש דעמלט האָט ער נאָך נישט אויפגע־דעקט זיין נאַציאָנאַליסטיש אַנטיסאָוויעטיש געזיכט. די אָל פון זאַק איז אַרויס ערשט אין יאָרן שפּעטער. אין די איבערברוך־חדשים פון יאָר 1944 האָט די גרופּע פון גאָמולקאַן — רעדנדיק מיט די ווער־טער פון ביערוטן — „אַריינגעבראַכט אין דער פּאַרטיי אידעאָלאָגי־שע וואַקלונגען און זיך אָנגעשטעלט אויף דעם צקל. זי האָט זיך אָנגעשטעלט אויף אַ קאָמפּראָמיס מיט דעם דאָזיקן אַנטיפאָלקישן דיווערסיע־צענטער, אויף אַ „דערעדן זיך" מיט דעם רעאַקציאָנערן „ראַט פון נאַציאָנאַלער איינהייט", אויף אָפּזאָגן זיך — אין נאָמען

פון אייניקייט מיט דער בורזשואזיע — פון דער זעלבסטשטענדיקער עקזיסטענץ פון נאציאנאלן לאנד־ראט — דאס הייסט אויף אפזאגן זיך פון דער אנפירנדיקער ראל פון ארבעטער־קלאס אין נאציאנאלן פראנט, אויף רעזיגנירן פון קאמף פאר דער מאכט פון די פאלקס־מאסן אין פוילן.

די דאזיקע געפערלעכע טענדענצן פון דער גאמולקא־גרופע זענען געקומען פון דעם אפארטוניסטישן באנעם פון דעם ענין נא־ציאנאלער פראנט אין די באדינגונגען פון היטלערישער אקופאציע און פון קאמף פאר אומאפהענגיקייט.

צעקלאפנדיק די פאלשע, אפארטוניסטישע אנשויונגען פון גא־מולקאן — האט באלעסלאוו ביערוט אויף דעם דריטן פלענום פון צ. ק. פ.פ.פ. פעסטגעשטעלט: „דער יסוד פון נאציאנאלן פראנט אין דער צייט פון דער אקופאציע איז געווען דער קאמף מיטן אנפא־לער, אין וועלכן עס האבן געקאנט גיין צוזאמען אין איין ריי ארבע־טער, פויערים, אינטעליגענץ, קליינבירגער. קלאר, אז די אויבער־שטע שיכטן פון די קאפיטאליסטן און פריצים, די פינאנס־אליגאר־כיע קען דא נישט גענומען ווערן אין באטראכט, זי איז געווען בא־האפטן דורך א גאנצער ריי בינד־שנורן און אינטערעסן מיטן אקו־פאנט. קיינמאל האבן מיר נישט געשטעלט די לאזונגען פון נאציא־נאלן פראנט אנדערש, ווי אויף אזא אופן, וועלכער בינדט, באהעפט, פאראייניקט אין קאמף פראלעטארישע און נישט פראלעטארישע מאסן, ארבעטער, פויערים, אינטעליגענץ, קליינבירגער, אויסשליסנ־דיק די גרויסע קאפיטאליסטן, קעגן די לעצטע און קעגן דעם אקו־פאנט...“

אין וואס באשטייט דער אפארטוניזם אין דער פראגע פון נא־ציאנאלן פראנט — פרעגט ווייטער באלעסלאוו ביערוט — און ער ענטפערט:

„אין דעם, וואס ער פארלירט פון בליק די העגעמאניע פון אר־בעטער־קלאס. דא שטעקט דער טעות, דא שטעקט די פאלשע שטע־לונג פון אפארטוניזם. מיר, ווי די רעוואלוציאנערע פארטייען אויף דער גאנצער וועלט, שטעלן קיינמאל נישט אנדערש די לאזונגען פון נאציאנאלן פראנט, פארשטייענדיק אים ווי א פראנט, וואס זיין לייטער, אנפירער און העגעמאן איז דער ארבעטער־קלאס, די אר־בעטער־פארטיי“.

די רעכט־נאציאנאליסטישע גרופע פון גאמולקאן, אפזאגנדיק זיך פון דער אנפירנדיקער ראל פון ארבעטער־קלאס אין נאציאנאלן

פראַנט, האָט רעזיגנירט פּראַקטיש פון דער אומאָפּהענגיקייט פון לאַנד, וועלכע עס וואָלט געקאָנט פאַרזיכערן בלויז די מאַכט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן אין אַנשפּאַר אויף אַ קלאַסן-בונד מיטן ראַטנ-פאַרבאַנד. יעדע אַנדערע „קאָנצעפּציע" האָט געפירט צו פאַרטאַכ-ליעווען דעם ענין פון אומאָפּהענגיקייט, צו מאַכן אָפּהענגיק דאָס לאַנד פון אַמעריקאַניש-ענגלישן אימפּעריאַליזם, צו טראַגישע נאַ-ציאָנאַלע מפּלות.

„מע דאַרף נישט פאַרגעסן אויף קיין איין מינוט — זאָגט באָלעסלאַוו ביערוט אין יאָר 1948 — אַז דער באַרבאַרישער איבער-פאַל פון היטלעריזם און פאַשיזם, וועלכער האָט געדראָט מיט פול-שטענדיקן אומקום אַ סך פעלקער, אין דער צאָל אויך פוילן, האָט געקאָנט צעבראָכן און צעקלאַפּט ווערן נאָר אַ דאַנק דער עקזיסטענץ פון אַ סאָציאַליסטישער מלוכה, נאָר אַ דאַנק דעם זיג פון די ריזיקע באַוואָפנטע כוחות פון ססר. אָן דעם זיג פון ססר, וואָלט גע-ווען אומדערגרייכבאַר סיי די סאָציאַלע, סיי די מלוכהשע און סיי די נאַציאָנאַלע באַפרייונג פון פוילן. די ראָל פון ראַטנפאַרבאַנד דרינגט אַרויס נישט בלויז פון זיין מלוכהשער קראַפט, נאָר אויך פון זיין געזעלשאַפטלעכער און אידעאָלאָגישער קראַפט, ווייל גראָד די פאַראייניקונג פון די דאָזיקע פאַקטאָרן האָט דעצידירט וועגן דער צעגראַמירונג פון היטלעריזם"...

דער אָנפירנדיקער קערן פון צענטראַל-קאָמיטעט פון פפר אין די פערזאָנען פון באָלעסלאַוו ביערוט, פראַנצישעק יוזשוויאַק, הילאַ-רי כעלכאָווסקי און אַנדערע האָט זיך מיט אַלע כוחות אַנטקעגנגע-שטעלט אין די יאָרן פון אָקופּאַציע די דורכוס פאַלשע אָנשווינגען פון גאָמולקאַס גרופּע און נישט דערלאָזט צו פאַרקריפּלען די ריכ-טיקע פּאָליטישע ליניע פון דער פּאַרטיי. זיי האָבן דעמאַסקירט די פאַלשקייט פון די רעכטע טעאָריעס פון גאָמולקאָן און אויפגעוויזן דעם דיווערסיע כאַראַקטער פון צקל און זיך אַנטקעגנגעשטעלט די פאַררעטערישע פּלענער צו דעררעדן זיך מיט דעם „ראַט פון נאַ-ציאָנאַלער איינהייט" אויפן גרונט פון רעקאָנסטרואירן די לאָנדאָ-נער רעגירונג. אויף די זיצונגען פון ק. צ. פון יענער צייט האָבן די דאָזיקע חברים „כסדר און סיסטעמאַטיש אויפגעוויזן, אַז אויף דעם צוגרייטונגס-עטאַפּ פון דער פּאַרטיי, פון די אַרבעטנדיקע מאַסן און פון נאַציאָנאַלן לאַנד-ראַט איבערצונעמען נאָך דער באַפרייונג די מאַכט אין פוילן קאָן קיין רייד נישט זיין פון קיין שום „פשרה" מיט די רעפּרעזענטאַנטן פון די גרויסע קאַפּיטאַליסטן און פריצים" —

לייענען מיר אין ביכל פון פראנציִשעק יוזשוויאק-וויטאָלד א. נ. „די פוילישע ארבעטער-פארטיי אין קאמף פאר נאציאָנאלער און סאָציאלער באפרייונג”.

אונטער דער ווירקונג פון דער טעטיקייט פון אָנפירנדיקן קערן פון פפר מיט באָלעסלאַוו ביערוט אין דער שפּיץ קומט פאָר די וויי־טערדיקע פארשטארקונג פון נאציאָנאלן לאנד-ראט — קעגן די פלע־נער פון דער רעכט-נאציאָנאליסטישער גאָמולקא-גרופּע, וועלכע האָט געשטרעבט צו דער אָפּשוואכונג און ליקווידירונג פון נאציאָ־נאלן לאנד-ראט.

באָלעסלאַוו ביערוט ווידמעט א סך אויפמערקזאמקייט דעם ענין פון שטארקער באהעפטן און קאָנסאָלידירן די פארטייען, וועל־כע נעמען אָנטייל אין נאציאָנאלן פראָנט, באזונדערס די לינקע פפס און די פויערים-גרופּע „וואָלא לודו”. עס ווערט ענגער די צוזאמענ־ארבעט פון פפר מיט די דאָזיקע אָרגאניזאציעס און צוזאמען דערמיט קומט פאָר די אזוי נויטיקע — פון שטאנדפּונקט פון קאמף מיטן אָקופּאנט און פון קאמף פאר דער מאכט — פארשטארקונג פון ארבעטער-איינהייטס-פראָנט און פון ארבעטער- און פויערים-בונד. מיט אומאויסשעפּלעכער ענערגיע פארנעמט זיך ביערוט מיטן פאַ־נאנדערבויען די נאציאָנאל-ראטן אין געביט, וואָס ווירקט-מיט דער נעענטערער מיטארבעט צווישן פפר, לינקע טוער פון רפפס און פויערים-טוער, וואָס גרופּירן זיך ארום דער „וואָלא לודו”, אויס־ברייטערנדיק גלייכצייטיק די באזע פון בונד צווישן די ארבעטער און פויערים. עס וואקסן און שטארקן זיך די כוחות פון דער „ארמיא לודאָווא”, וועלכע פירט שוין גרויסע שלאכטן מיטן אָקופּאנט אין לובלינער, קיעלצער און קראָקעווער וואָיעוואָדשאפטן. אין די רייען פון דער ארמיא לודאָווא שליסן זיך אָן נייע אָפּטיילונגען פון פוי־ערים-באטאליאָנען, פון דער רפפס-מיליץ, אייניקע אָפּטיילונגען פון אק. עס וואקסט אין לאנד די פּאָליטישע ראָל פון די נאציאָנאל־ראטן.

די נאציאָנאל-ראטן אין געביט — דערציילט וועגן די דאָזיקע געשעענישן אין יאָר 1944 באָלעסלאַוו ביערוט — זענען געוואָרן דער געמיינזאמער צענטר, וועלכער האָט פאראייניקט פון אונטן די פאָר־שטייער פון פארשידענע אונטערערדישע גרופּן. אזוי צ. ב. האָט דער וואָיעוואָדישער לובלינער ראט פאראייניקט אויסער די אָפּטיילן פון אל פאר וועלכע ער איז געווען די אויבערשטע מאכט, אויך די

אַקטיווע, אָפּטיילן פֿון בכּ*, וועלכע האָבן פֿאָרמעל געהערט צו אַק, נאָר וואָס האָבן זיך אויסגעבראָכן פֿון זייער אָנפֿירונג, וואָס האָט געהעמט זייער אַקטיוויטעט. דעם קעלצער־ראַדאָמער ראַט האָבן זיך אונטערגעוואָרפֿן און אַריינגעגאַנגען אין אַל אויך איינצלנע אָפּטיילן פֿון אַק, די פּויערים־באַטאַליאָנען פֿון קעלצער און מיעכאָווער געגנט. די אידעען פֿון דער „אַרמיאַ לודאָוואַ“, וועלכע האָבן פֿאַראייניקט אַלע באַוואָפֿנטע איינסן, וואָס האָבן געקעמפֿט אַקטיוו מיטן אָקופּאַנט, זענען געווען זייער פּאָפּולער, באַזונדערס צווישן די פּויערישע פּאַרטיזאַנער, אומאָפּהענגיק פֿון זייערע פּאָליטישע אָנשויונגען... אַ גאַנצע ריי אומפּאַרטייאישע געזעלשאַפֿטלעכע טוער האָבן אָן שום באַוואָרענישן אָנערקענט די נאַציאָנאַל־ראַטן פֿאַר דער ווירקלעכער איינציק דעמאָקראַטישער פֿאָלקס־רעפּרעזענטאַנץ. אויף אַזאַ אופֿן איז שנעל אָנגעוואַקסן אַ נייע פֿאַרהעלטניש פֿון פּאָליטישע כּוחות אין לאַנד אויפֿן סמך פֿון דעם לאָזונג פֿון פֿאַראייניקונג און פֿון די אידעאַלן פֿון דעמאָקראַטיע, וועלכע עס האָט געפּריידיקט דער נאַציאָנאַלער לאַנד־ראַט“.

דער קאַמף פֿון פּפּר — זאָגט ביערוט אויפֿן קאָנגרעס פֿון פּזפּר אין דעצעמבער 1948 — האָט געגעבן אָנזעעוודיקע רעזולטאַטן. „דאָס אַנטשטיין פֿון די ראַטן און דער וווּקס פֿון דער „אַרמיאַ לודאָוואַ“, וועלכע איז געשאַפֿן געוואָרן דורכן נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט, זענען אַ בולטער סימן, אַז די קאָנסעקווענטע העלדישע שטעלונג פֿון פּפּר אין קאַמף פֿאַר פֿאָלקס־פּוילן, אין קאַמף פֿאַר די רעכט פֿון אַרבעטנדיקן פֿאָלק, האָט געווונען פֿאַר זיך די פֿולע אונטערשטיצונג פֿון די פֿילמיליאָניקע מאַסן אַרבעטער און פּויערים.

אין יענער צייט — אין דער ערשטער העלפֿט פֿון יאָר 1944 — האָט די סאָוויעטישע אַרמיי ווייטער געיאָגט די היטלערישע מחנות פֿון דער סאָוויעטישער טעריטאָריע, דערפֿירנדיק זיי פֿון איין מפּלה צו דער צווייטער. צוזאַמען מיט דער סאָוויעטישער אַרמיי האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג קיין פּוילן די הונדערט־טויזנטיק קעפּיקע פּוילישע אַרמיי, וועלכע איז געשאַפֿן געוואָרן דורכן „פֿאַרבאַנד פֿון פּוילישע פּאַטריאָטן“ אַ דאַנק דער הילף פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד און פֿון גרויסן פֿירער פֿון די פֿעלקער, סטאַלינען. אויף מערב זענען די אימפּעריאַליסטן פֿון ניו־יאָרק און לאָנדאָן אונטערן דרוק פֿון די מאַסן געווען געצווונגען אין אָנהייב יולי אַרויסשיקן מיליטער אין אָקו־

* באַטאַליאָני כלאָפּסקע — פּויערים־באַטאַליאָנען.



דער גענעראַליסימוס יאָסיף סטאַלין שרייבט אונטער
דעם פויליש־סאָוויעטישן פּאַקט
דעם 21־טן אַפּריל 1945

פירטן פראַנקרייך און אָנהייבן דאָרט אַ קריגס-טעטיקייט קעגן די היטלערישע אָקופּאַנטן. דער דאָזיקער פאַרשפּעטיקטער שריט איז צום ווייניקסטן געווען דיקטירט דורך דעם ווילן צו געבן דעם ראַטנ־פאַרבאַנד הילף. עס איז געגאַנגען אין דעם, מע זאָל פאַרלויפן די סאָוויעטישע אַרמיי, וועלכע איז פעיק געווען — ווי ס'האָט געוויזן דער גאַנצער גאַנג פון די קריגס-געשעענישן — מיט אייגענע כוחות געבן אַ דעצידירנדיקן קלאַפּ דעם היטלעריזם און באַפרייען די אָקו־פּירטע לענדער.

אַלץ נעענטער און נעענטער צו פּוילן, וועלכע האָט געבלוטיקט אין קאַמף מיטן אָקופּאַנט, איז צוגעקומען די סאָוויעטישע אַרמיי, דער מעכטיקער פאַרבינדעטער פון די פּוילישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין דער גרויסער שלאַכט פאַר דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייונג פון לאַנד. דעם 22 יולי 1944 קומט ענדלעך דער אויס־געבענקטער נצחון. פון כעלם, פון דעם ערשטן באַפרייטן פּוילישן פאַס ערד, הילכן אָפּ די באַרימטע ווערטער, וועלכע האָבן גע־שטאַרקט די כוחות פון די פאָלקס-מאַסן: „בירגער! ס'האָט געשלאָגן די שעה פון באַפרייונג. די פּוילישע אַרמיי ביי דער זייט פון דער רויטער אַרמיי איז אַריבער דעם בוג. דער פּוילישער זעלנער קעמפט אויף אונדזער פאַטערלענדישער ערד...” אַזוי האָבן געקלונגען די ערשטע ווערטער פון מאַניפעסט פון פּוילישן קאָמיטעט פון נאַציאָ־נאַלער באַפרייונג, דעם אָנפירנדיקן אָרגאַן פון דער אַרבעטער און פּויערים-מאַכט אין פּוילן, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן דורך אַ דעק־רעט פון נאַציאָנאַלן לאַנד-ראַט.

דער מאַניפעסט האָט גערופן די ברייטע מאַסן צו פאַרשטאַרקן די באַוואָפנטע אָנשטרענגונגען פון פּוילישן פאָלק אין געמיינזאַמען קאַמף מיט דער סאָוויעטישער אַרמיי פאַר אָפּרייניקן די רעשט פון לאַנד פון דער הערשאַפט פון אָקופּאַנט און געבן דעם היטלעריזם אַ לעצטן טויט-קלאַפּ, פאַר אומוואַרפן די הערשאַפט פון די פּריצים און קאַפּיטאַליסטן, פאַר שאַפן און באַפעסטיקן די פאָלקס-מאַכט.

דער מאַניפעסט האָט דערקלערט, אַז דאָס פאָלק וועט נישט איבעררייסן דעם קאַמף, ביז עס וועט נישט באַקומען דעם געהעריקן ברייטן צוגאַנג צום ים און די אַלע פּוילישע מערב-געביטן, וועלכע זענען געגאַנגען פאַרלוירן צוליב דער הערשאַפט פון דער שליאַכטע און בורזשואַזיע. דער מאַניפעסט האָט פעסטגעשטעלט אַ דויערהאַפטע גרענעץ מיטן ראַטנפאַרבאַנד אויף דעמאָקראַטישע יסודות, אָנערקענענדיק דעם באַשלוס פון דער באַפעלקערונג פון

מערב אוקראינע און מערב ווייסרוסלאַנד זיך צו פאַראייניקן מיט די סאָוויעטישע אוקראַינישע און ווייסרוסישע רעפּובליקן. דער מאַניפעסט האָט אַנגעזאָגט דאָס ענגער מאַכן די פריינדשאַפט-באַציונגען מיטן ראַטנפאַרבאַנד אויף דער באַזע פון א דויערהאַפטן בונד און קעגנזייטיקער הילף, פון א ברידערלעך צוזאַמענלעבן און אייביקן שלום מיט די שכנותדיקע סאָוועטישע פעלקער.

דער מאַניפעסט האָט איבערגעשטראָכן די קאָנסטיטוציע פון יאָר 1935, וועלכע איז אַנגעוואָרפן געוואָרן פוילן מיט געוואַלד דורך די סאַנאַציע פאַרטעער, האָט פעסטגעשטעלט די יסודות פון די דעמאָקראַטישע פרייהייטן, פון פאַנאַנדערבויען די נאַציאָנאַל-ראַטן אין לאַנד, די געזעלשאַפטלעכע, קולטורעלע און בילדונגס-אינסטיטוציעס, געגעבן די ריכטליניעס אין דער פראַגע פון באַקעמפן די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס און די שונאים פון פאָלק.

דער מאַניפעסט האָט אַנגעזאָגט דאָס באַלדיקע איבערנעמען פון דער פריצישער ערד, ווי אויך די פאַרמעגנס פון די דייטשן און פאַרעטער פון פאָטערלאַנד, דאָס דורכפירן די ערד-רעפאָרם צום גונסטן פון די ווייניק-ערדיקע, אָן-ערדיקע ווי אויך מיטל-ערדיקע פויערים, וועלכע זענען באַלאַסטעט מיט אַ גרויסער משפּחה. דער מאַניפעסט האָט אויך פעסטגעשטעלט דאָס איבערנעמען דורך דער מלוכהשער פאַרוואַלטונג די וועלדער, די גרויסע אינדוסטריי, האַנדל, באַנקן און טראַנספּאָרט-אונטערנעמונגען, שאַפנדיק אַזוי אַרום אַ באַזע פאַר ווייטערדיקע איבערגעשטאַלטיקונגען פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג אין דער ריכטונג פון סאָציאַליזם.

אַזעלכע זענען געווען די הויפּט ריכט-ליניעס פון דער נייער פאָלקס-מאַכט, וועלכע זענען געוואָרן פעסטגעשטעלט אין יולי מאַניפעסט, אין איינקלאַנג מיט די פּראָגראַם-הנחות פון דער פוילישער אַרבעטער-פּאַרטיי און נאַציאָנאַלן לאַנד-ראַט.

אין באַשטאַנד פון געשאַפענעם פוילישן קאָמיטעט פון נאַציאָנאַלער באַפרייונג זענען אַריין אויסער די פאָרשטייער פון די דעמאָקראַטישע ריכטונגען, וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין נאַציאָנאַלן לאַנד-ראַט מיט דער פוילישער אַרבעטער-פּאַרטיי אין דער שפּיץ, אויך וויכטיקסטע טוער פון „פאַרבאַנד פון פוילישע פּאַטריאָטן" אין ראַטנפאַרבאַנד.

עס איז אַנטשטאַנען די פאָלקס-מאַכט, וועלכע האָט די פולע מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן די רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען און צו שטויסן די אַנטוויקלונג פון לאַנד פאָרויס צום סאָציאַליזם, פאַר

וועלכן עס האָבן געקעמפט, אָפּגעבנדיק זייער געזונט און לעבן, פיל דורות פּוילישע רעוואָלוציאָנערן. די ריכטיקייט פון דער אַנטשלאָסענער מאַרקסיסטיש-לענינישער שטעלונג פון אָנפירנדיקן קערן פון צענטראַל קאָמיטעט פון קפּפּ מיט באָלעסלאַוו ביערוטן אין דער שפּיץ איז אויף אַזאַ אופן געוואָרן באַשטעטיקט דורכן גאַנג פון די געשעענישן שוין אויף דער שוועל פון אַנטשטיין פון פאָלקס-פּוילן. דער נאַציאָנאַלער לאַנד-ראַט, ווי די פּאָליטישע הויפּט-רעפּרעזענטאַנץ פון פאָלק, און ווי די אָנפירערשאַפט פון אַנטיהיטלעריסטישן נאַציאָנאַלן פראָנט אונטער דער אָנפירונג פון אַרבעטער-קלאַס, איז געוואָרן דער העכסטער מאַכט-אָרגאַן אין לאַנד, וואָס איז באַפרייט געוואָרן דורך דער סאָוועטישער אַרמיי.

אין דעם מאָמענט ווען ס'איז געשאַפן געוואָרן דער פּוילישער קאָמיטעט פון נאַציאָנאַלער באַפרייונג (פּקווג), האָט באָלעסלאַוו ביערוט זיך נאָך געפונען אין ווארשע אין אונטערערדישער אַרבעט. אָבער זיין אָנוועזנהייט אויף דעם באַפרייטן פּאַס פון דער פּוילישער ערד און זיין אוממיטלבאַרע באַטייליקונגביים לייזן דעם יסוד פון דער פאָלקס-מאַכט איז געוואָרן אַלץ דרינגענדיקער. ביערוט באַשליסט זיך צו פאַרלאָזן די הויפּטשטאָט. אין אַ געווויסן טאָג — דאָס איז געווען די צווייטע העלפט יולי — האָט ער זיך געלאָזט צופוס אין דער ריכטונג פון אָטוואָצק, כדי זיך דורכצורייסן דורך דעם פראָנט, וועלכער האָט זיך געפונען אין דער נאָענט. די שוועריקייטן האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר פיל גרעסער, איידער ער האָט זיך עס אין אָנהייב געקאָנט פאָרשטעלן. די פונאַנדערשטעלונג פון די סאָוועטישע טיילן האָט זיך שנעל געענדערט. נאָך עטלעכע טעג וואַנדערן האָט ביערוט מיט אַרומיקע וועגן זיך דערקליבן קיין שווידער. דאָ איז שוין געווען די סאָוועטישע זייט פון פראָנט. אין עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער זיך געלאָזט מיט אַ לאַסט-אויטאָ אין ווייטערדיקן וועג איבער דער באַפרייטער ערד אין דער ריכטונג קיין לובלין, וווּ עס האָט זיך דערווייל איבערגעטראָגן דער פּקווג.

ענדלעך — לובלין. די שטאָט פון באָלעסלאַוו ביערוטס קינדהייט, פון שווערער אַרבעט און פון די ערשטע יוגנטלעכע אויפברויזן פון בונט קעגן דעם אומרעכט פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, קעגן דער עקספּלאָאַטירונג פון מענטש דורך מענטש. פונדאַנען, פון לובלין, האָט אין נאָוועמבער 1918 אַ שווים געטאָן איבערן לאַנד, וועלכן די אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט געגעבן אומאָפּהענגיקייט, אַ כוואַליע פון פאַרפירערישע אילוזיעס, פאַרשפּרייט דורך

דער פּאַלשער „פאָלקס"־רעגירונג פון דאַשינסקין — צום אומגליק פאַר דער זאַך פון באַפרייען דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק. איצט וועט לובלין זיין דאָס וויגעלע פון אַן אמתער פאָלקס־רעגירונג, אַ רעגירונג, וועלכע וועט פאַרזיכערן דעם פאָלק אַן אומאָפּהענגיקע אַנטוויקלונג. „מע דאַרף זיך לערנען פון די דערפאַרונגען פון דער געשיכטע, ווייל זי איז די בעסטע שול פון געזעלשאַפטלעכער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט" — חזרט אָפּט איבער באָלעסלאַוו ביערוט. אַזוי טראַכטן און האַנדלען די גרונטיקע קאַדרען פון פּפּר, וועלכע זענען דערצויגן אין אַן האַרטער שול פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף דורך פּדקפּל און קפּפּ, קאַדרען, פאַר וועלכע די לערע פון מאַרקסיזם־לעניניזם איז געוואָרן די ריכטליניע און דאָס געווער פון פּראַקטישן טאָן.

אין לובלין האָט באָלעסלאַוו ביערוט נאָך יאָרן פון צעשיידונג זיך געטראָפן מיט אַ סך פריינד, אַנגעזעענע טוער פון קפּפּ אין צווישן־מלחמהדיקן פעריאָד, און דערנאָך — אין דער צייט פון דער מלחמה — קעמפער פאַר דער פרייהייט פון פּוילישן פאָלק מיט די היטלערישע אָנפאַלער, אָרגאַניזאַטאָרן פון „פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן" און פון דער פּוילישער אַרמיי אין ראַטנפאַרבאַנד.

עס איז שוין נישט געווען צווישן זיי דער אויסגעצייכנטער אינטעלעקט פון דער פּאַרטיי, אַלפרעד לאַמפּע, עס האָט אויפגעהערט קלאַפּן דאָס האַרץ פון ברונאָ־בראָנאָוויטשן, דעם הערלעכן פּובליציסט און דענקער. ביידע זענען פריצייטיק געשטאָרבן אין די ערשטע יאָרן פון דער מלחמה.

באָלעסלאַוו ביערוט האָט פונלאַנג שוין געגאַרט, אַז די פּאַרטיי־טוער, וואָס געפינען זיך אויסערן לאַנד, זאָלן צוריקקערן, האָט געגאַרט צו קאָנצענטרירן אויף דער פּוילישער ערד די גאַנצע אָנפירערשאַפט מיטן באַפרייונגס־קאַמף פון די פּוילישע פאָלקס־מאַסן. „ביערוט האָט שטענדיק געבענקט, אַז עס זאָלן שוין קומען די טעג פון פרייהייט — דערציילט איינער פון זיינע מיטאַרבעטער — טראַכטנדיק צווישן אַנדערע וועגן דעם קאָנצענטרירן די פירנדיקע טוער, וועלכע זענען אין פייער פון קאַמף צעשפּרייט געוואָרן איבער דער וועלט, כדי צו פאַרשטאַרקן די אָנפירערשאַפט, כדי צו פאַרשטאַרקן די פּאַרטיי..."

די ידיעה וועגן דעם קומען קיין לובלין פון פּרעזידענט פון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט און זיין אַריינגיין אין באַשטאַנד פון פּק״וג, האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט. די אַרטיקע אַרבע־

טער האָבן אים גוט געדענקט פון די יאָרן פון זיין טעטיקייט אין לובלין, עס האָבן אים געקאַנט די אַלטע מיטגלידער פון קפּפּ, וועל־כע האָבן פון פאַרשידענע זייטן געצויגן צום זיצאָרט פון די צענט־ראַלע פּאַרטייאישע און מלוכהשע מאַכט־אָרגאַנען. אַ גאַנצע ריי מענטשן דערמאָנען די ערשטע באַגעגעניש מיט באָלעסלאַוו ביערוט אין באַפרייטן לובלין.

„אין יאָר 1944, ווען איך האָב געזען דעם מאַניפעסט פון פּקװנ אויף די גאַסן פון שטאָט — לייענען מיר אין איינעם פון אַזעלכע זכרונות — בין איך גלייך אַוועק אין נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט. דער פּרעזידענט האָט מיך אויפגענומען זייער האַרציק — ער איז נאָר וואָס געקומען פון וואַרשע. די גאַנצע מעבלירונג פון צימער, אין וועלכן ער האָט מיך אויפגענומען, איז באַשטאַנען פון אַ טיש און עטלעכע שטולן. אויף דער פראַגע: ווו שלאָפט איר — האָט ער אַנגעוויזן אויף דער פּאָדלאָגע. „נו, גוט, אָבער ווו האַלט איר אייע־רע זאַכן, ביכער א. א. וו.?״ — דער פּרעזידענט האָט לאַכנדיק ווי־דער אָנגעוויזן אויף דער פּאָדלאָגע... דעם זעלבן טאָג האָט דער פּרע־זידענט זיך איבערגעפירט אין דעם הויז אויף היפּאָטעטשנע 4, ווו ער האָט געוווינט ביזן 6־טן יאַנואַר 1945״.

און אָט איז אַ צווייטע באַשרייבונג פון די ערשטע טעג פון באָלעסלאַוו ביערוטס זיין אין לובלין: „איך האָב באַזוכט דעם פּרע־זידענט אין הויז פון קרנ — דערציילט איינער פון די אַרבעטער, וועלכע האָבן געקענט ביערוטן פון דער צייט פון דער אומלעגאַלער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט אין די יאָרן 1932 — 1933 אין וואַרשע. — מיר האָבן געשמועסט וועגן אַלטע קאַמפּס־חברים. ער האָט אַלע־מען געדענקט: די פּאַרבינדלער, די אַרבעטער, און גערעדט וועגן זיי מיט הארץ. מיט מיר האָט גערעדט, ווי אַמאָל, דער גוטער, אַלטער חבר וואַצעק... הערנדיק זיינע רעדעס, לייענענדיק זיינע אַרטיקלען, האָב איך שטענדיק געזען אין זיי אַ טיפן אמת, וואָס קומט פון די טיפעניש פון הארץ, און אַ גרויסע ליבע צו מענטשן. איך בין שטאָלץ, וואָס אין דער שפּיץ פון אונדזער פאָלקס־מלוכה שטייט אַן אַלטער חבר, אַן אַרבעטער, איינער פון די גרעסטע פּאָליאַקן.״

אין די ערשטע וואָכן פון זיין זיין אין לובלין האָט באָלעסלאַוו ביערוט אויסגענוצט אַ פרייע מינוט, כדי צו באַזוכן די נאָענטע דאָמבראָוויצע, ווי ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין דער צייט פון דער ערשטער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. „ער איז געקומען צו פאָרן אונדז צו באַזוכן — דערציילן וועגן דעם דאָזיקן וויזיט די באַלעבאַ־

טים, ביי וועלכע ער האט דעמלט געוווינט — באקוקן די אמאליקע באהעלטעניש זיינע און אפדאנקען פאר דער דעמלטיקער גאסט־פריינדלעכקייט... דער דאזיקער וויזיט פון פרעזידענט אין דאמבראוויצע איז גלייך באוווסט געווארן אין דער גאנצער געגנט. ווייל עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז דער פרעזידענט ביערוט איז דער זעלבער „גערטנער", וועלכער איז דא מיט דרייסיק יאר צוריק געווען א לענגערע צייט און געארבעט צוזאמען מיט די פויערים".

פון אפשטאמונג א ווייניק־ערדיקער פויער, פון פאך אן ארבעטער, א דרוקער, איז באלעסלאוו ביערוט געווען און פארבליבן א טרייער זון פון פאלק אויף יעדן ארט, אויף וועלכן עס האט אים אוועקגעשטעלט די פארטיי, די ארבעטנדיקע מאסן, דאס פאלק.

לובלין אין יאר 1944 האט אנגעפאנגען א נייע עפאכע אין לעבן פון די ארבעטער און פויערים, אין לעבן פון פאלק, אן עפאכע פון שטורעמדיקער איבערגעשטאלטיקונג פון די קאפיטאליסטישע געזעלשאפטלעכע באציונגען און פון אויפבויען א ניי פוילן אויף די יסודות פון סאציאלער גערעכטיקייט, א פוילן אן פריצים, אן קאפיטאליסטן, אן עקספלאטאציע פון איין מענטשן דורכן צווייטן.

דער אנפירער מיט די רעוואלוציאנערע ענדערונגען, וועלכע זענען מיטן ווילן פון די ארבעטער און פויערים דורכגעפירט געווארן דורך דער פארטיי, נאציאנאלן לאנד־ראט און דער מלוכה, איז פון דער ערשטער מינוט פון דער פאלקס־הערשאפט — באלעסלאוו ביערוט — א דורכדרינגלעכער פאליטיקער און מלוכה־טוער, א דערפארענער באלעבאס פון לאנד, א זארגעוודיקער דערציער און פריינד פון די פאלקס־מאסן.

VIII

....„פאַר אונדז אַ בילד פון שוידערלעכע רואינען און חורבות, פון צעשטערטע און פאַרברענטע שטעט און דערפער, פון צעקלאַפּטע פאַבריקן און ווארשטאַטן, פון אויסגערויבטע און פאַרלאָזטע ערד־ווירטשאַפטן, פון פאַראַליזירטער קאָמוניקאַציע און פאַרבינדונג, אַ בילד פון מלחמה־פאַרוויסטונגען, וואָס די געשיכטע האָט ביז אהער נאָך נישט געקענט, אַ בילד פון ליידן און מאַרטירעריי פון אַ פאָלק, וועלכע זענען ביז־איצט נאָך קיינמאָל נישט געווען פאַרשריבן אין דער געשיכטע...״

אין אָט די ווערטער האָט באָלעסלאַוו ביערוט איינגעשלאָסן די ריזיקע שוועריקייטן, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר דער פאָלקס־מאַכט אין די ערשטע חדשים נאָכן באַפרייען דאָס לאַנד.

צווישן די רואינען און חורבות, וועלכע זענען אַנטשטאַנען דורך דער פיל־יעריקער פאַרוויסטונגס־ארבעט פון אָקופּאַנט, זענען באַזונדערס ווייטיקלעך געווען די פרישע, נאָך רויכערנדיקע זיך גרוזן פון ווארשע. הייגט, אין ליכט פון די דערקלערונגען פון די סאַנאַציע־שפּיאָנען, וועלכע זענען נישט לאַנג צוריק פאַרמשפּט געוואָרן דורך דעם געריכט פון פאָלקס־פּוילן, קומען אויף בולטער ווי ווען נישט איז די פּרטים פון דעם שוידערלעכן פאַרברעכן, וועלכן ס׳זענען באַגאַנגען אין אויגוסט 1944 די לאָנדאָנער פאַרעטער פון פאָלק.

אין פאַרשטענדיקונג מיטן אויסשפּיר פון ענגליש־אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם און נישט אָן דעם וויסן פון דער היטלערישער אויס־שפּיר־צענטראַלע — אָבער דערפאַר אָן יעדן פּרווו פון פאַרשטענדיקן זיך מיט דער סאָוויעטישער מיליטערישער אָנפירונג — האָבן די

מיקאַלייטשיקס, אַרציִשעווסקיס און באַר־קאָמאָראָווסקיס אָנגעהויבן אין וואַרשע אַן אויפשטאַנד אין דעם מאָמענט, ווען די סאָוויעטישע אַרמיי און ביי איר זייט דאָס פּוילישע מיליטער האָבן צוגעגנומען די כוחות אויף דער צווייטער זייט פון דער ווייסל, כדי צו קאָנען מיט דערפאָלג אָנגרייפן דעם שונא. דאָס איז געווען אַ באַוווסטזיניקע פּראָוואָקאַציע פון די רעאַקציאָנערע עלעמענטן, וועלכע איז אויפגעקומען פון שנאה צום פאָלק, וואָס האָט איבערגענומען די מאַכט אין דעם באַפרייטן טייל פון לאַנד, צום סאָוויעטישן מיליטער, וואָס האָט געטראָגן פרייהייט דעם פּוילישן פאָלק און אַנדערע פעלקער פאַרקנעכטעטע דורך דעם היטלעריזם. דער אויפשטאַנד האָט געליטן אַ מפּלה, האָט געמוזט ליידן אַ מפּלה — נישט געקוקט אויף דער העלדנטאָט פון דער וואַרשעווער באַפעלקערונג, צווישן וועלכער עס האָבן געקעמפט טיילן פון דער „אַרמיא לודאָוואַ", נישט געקוקט אויף דער הילף, וועלכע עס האָט אַרויסגעוויזן די אויפשטענדלער די סאָוויעטישע אַרמיי, דאָס פּוילישע מיליטער. די פירער פון דער רעאַקציע האָבן געהאַנדלט מיט דער קאַלטבלוטיקייט פון דערפאַרענע פּראָוואָקאַטאָרן און פאַררעטער — די קאָסטן פון דער פּראָוואָקאַציע און פון דעם פאַרראַט האָט אויסגעטראָגן דאָס פּוילישע פאָלק, האָט אויסגעטראָגן די באַפעלקערונג פון דער הויפּטשטאָט...

אין עטלעכע חדשים נאָך דער בעסטיאַלישער פאַרניכטונג פון דער שטאָט דורך די היטלעריסטן איז וואַרשע געוואָרן באַפרייט. דאָס קאָמפּנדיקע מיליטער פון ווייסרוסישן פראָנט און די 1־טע פּוילישע אַרמיי אונטער דער אָנפירונג פון מאַרשאַל ראָקאָסאָווסקי האָבן פאַרענדיקט דעם לאַנג־צוגעגרייטן אַרומרינגלונגס־מאַנעוור און דעם 17־טן יאַנואַר 1945 אַריינגעדרונגען אין שטאָט.

די איינוווינער פון וואַרשע, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון וואַנדער, האָט אין נאָמען פון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט באַגריסט באָלעסלאַוו ביערוט מיט ווערטער פון דערמונטערונג און האָפענונג. „דאָס פּוילישע פאָלק — האָט ביערוט געזאָגט — וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן די, וועמען ער האָט צו פאַרדאַנקען זיין באַפרייונג פון דער שוידערלעכער פאַרקנעכטונג, וועלכע עס האָט ווען עס איז געקענט די געשיכטע פון פּוילן. מיט האַרציקער ברידערלעכער פריינדשאַפט, וועלכע איז געוואָרן פאַרפעסטיקט און געחתמעט דורך דעם געמיינזאַם פאַרגאָסענעם בלוט פון די פּוילישע און סאָוויעטישע זעלנער, וועט דאָס פרייע פּוילישע פאָלק באַצאָלן פאַר זיין באַפרייונג,

כאָטש דער בעסטיאַלישער שונא האָט איבערגעלאָזט פון אונדזער באַליבטער שטאָט בלויז חורבות און רואינען, זאָגן מיר דיר, וואַרשע, הייליק צו: אויף די קברים פון די וואַרשעווער העלדן, אויף די גרוזן פון דיינע שענסטע פאַר אונדז געביידעס, גאַסן און פּלעצער — מיט דער אָנשטרענגונג, וועלכע ס'איז נאָר פעיק אַרויסצובאַקומען פון זיך דאָס ליבנדיקע דיך פאָלק, וועלן מיר אויפשטעלן אַ דענקמאָל, וועלכער וועט זיין ווירדיק דיין געשיכטלעכן רום, וואַרשע.

דאָס פּוילישע פאָלק וועט באַווייזן אויסצובויען זיין הויפּט־שטאָט, צוריקשטעלן איר אומפאַרגעסלעכע שיינקייט און פאַרזיכערן איר אַ פּאַסיק אָרט צווישן די הויפּט־שטעט פון דער וועלט".

פון איצט אָן ווערט דאָס מאָביליזירן פון אַלע כוחות פון פאָלק צום אויפבויען וואַרשע איינע פון די הויפּט־זאָרג פון באָלעסלאַוו ביערוט. פון זיין איניציאַטיוו און אונטער זיין אוממיטלבאַרער אויפזיכט הייבט אָן אינגיכן צו זיין טעטיק די „ביוראָ פאַר דעם אויפבוי פון דער הויפּטשטאָט". עס ווערן אָנגעצייכנט די פּלענער פון די נעכסטע אַרבעטן, עס ווערן פאַרזיכערט די אַנטיקע געביידעס. שוין אין מערץ פון 1945 גיט ביערוט אָנווייזונגען וועגן דער נויטיקייט צוצוטרעטן אויפצובויען דעם פּאָניאַטאָווסקי־בריק, און דערנאָך דעם קערבערדזשיע־בריק.

נישט געקוקט דערויף, וואָס פיל האָבן געצווייפלט אין דער מעגלעכקייט פון באַזעצן די צענטראַלע אַמטן אין דער רואינירטער שטאָט, האָט באָלעסלאַוו ביערוט נישט דערלאָזט דעם געדאַנק וועגן איבערטראָגן די הויפּט־שטאָט אפילו צייטווייליק. ווי נאָר עס זענען אַ דאַנק דעם סאָוויעטישן מיליטער געבראַכט געוואָרן אין באַוועגונג די אינסטיטוציעס פון עפנטלעכן געברויך — די טראַמווייען, עלעקטריע־סטאַנציע, גאַזאָווניע — הייבן שוין אָן קיין וואַרשע צוריקצוקערן די מיניסטעריומס. אין וואַרשע אַמטירט אומאויפהערלעך די צייטווייליקע רעגירונג פון דער פּוילישער רעפּובליק, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן דורך אַ באַשלוס פון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט פון 31 דעצעמבער 1944 אויפן אָרט פון פּוילישן קאָמיטעט פון נאַציאָנאַלער באַפרייונג. שליסנדיק די זיצונג פון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט האָט דער פּרעזידענט מיט פאָלגנדיקע ווערטער אָנגעצייכנט די אויפגאַבן פון דער צייטווייליקער רעגירונג:

„די צייטווייליקע רעגירונג פון דער רעפּובליק, באַשאַנקען מיט דעם צוטרוי פון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט, באַשאַנקען מיט דעם צוטרוי פון גאַנצן פאָלק, טרעט צו אויסצופילן איר גרויסע אויפגאַבע —

אַרויסיאָגן די דייטשישע אָקופּאַנטן און פולשטענדיק באַפרייען דאָס לאַנד, פאַרפעסטיקן די פּוילישע דעמאָקראַטישע מלוכהשאַפט, אויפבויען די ווירטשאַפט פון פּוילן, פאַרזיכערן איר קראַפט, הערלעכקייט און אַנטוויקלונג, פאַרזיכערן איר אַ בכבודיק אָרט אין דער משפחה פון פרייע לענדער אויף דער וועלט".

דער היטלעריסטישער שונא איז נאָך נישט געווען צעקלאַפּט, עס האָט נאָך ווייטער געפירט שווערע קאַמפן די סאָוויעטישע אַרמיי און ביי איר זייט אַלץ מערערע פּוילישע איינסן. אָבער אויף די באַפרייטע געביטן האָט שוין געקאָכט די שעפערישע אַרבעט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן אונטער דער אָנפירונג פון דער פּוילישער אַרבעטער-פּאַרטיי און פון די דעמאָקראַטישע ריכטונגען, וועלכע זענען מיט איר פאַרבונדן. אין שווערן קאַמף מיט דער רעאַקציע, וועלכע האָט פאַרטיידיקט אירע רעכט אויף עקספּלאָאַטירן, איז פאָרגעקומען דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער אַקט פון געזעלשאַפטלעכער גערעכטיקייט: דער פּוילישער פּויער, פון דורות מאַלטרעטירט דורך אַ פּאַראַזיטיש הייפל פון פּריצים-עקספּלאָאַטאָרן, האָט באַקומען ערד פון די הענט פון די אַרבעטער, פון די הענט פון דער פאָלקס-מאַכט. פאַרריכטן די דאָזיקע געשיכטלעכע עוולה האָט באַדייט שאַפן די פאָר-הנחה פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון אַרבעטער- און פּויערים-בונד, ווי די באַזע פון דער נייער דעמאָקראַטישער פאָלקס-מאַכט. דאָס איז געווען — ווי ס'האָט געזאָגט באָלעסלאַוו ביערוט אין אָקטאָבער 1945, קוקנדיק צוריק אויף דער שוין-דורכגעפירטער אין גרונט גענומען ערד-רעפאָרם אין די אַלטע געביטן — אַ נויטווענדיקע און גאָר וויכטיקע איינלייטונג צו די גרויסע געזעלשאַפטלעכע רעפאָרמען, אָן וועלכע די דעמאָקראַטיע אין פּוילן וואָלט זיך נישט געקאָנט באַפעסטיקן און זיגן."

גלייכצייטיק האָט מען געשאַפן באַדינגונגען פאַר די דאָזיקע נאָענטסטע „גרויסע געזעלשאַפטלעכע רעפאָרמען", אָדער פאַר דעם פאַרמלוכהשן די אינדוסטריע. אונטער דער אָנפירונג פון פּפּר האָט זיך פון סאַמע אָנהייב פון דער באַפרייונג אַנטוויקלט די אַרבעט פון פאַרזיכערן און ברענגען אין באַוועגונג פאַבריקן, קוילנגרובן און הוטעס, און פון אונטן, דורך די אַרבעטער-מאַסן גופא, איז פאָרגעקומען דאָס נאַציאָנאַליזירן פון דער גרויס-אינדוסטריע. פון טאָג צו טאָג איז געוואַקסן די צאָל פון באַשעפטיקטע — איז געוואַקסן די פּראָדוקציע. מיט אַן אויסערגעוויינלעכער מסירת-נפש, געבנדיק אַ ביישפּיל פון אַ נייער באַציונג צו אַרבעט און צו נאַ-

ציאָנאַלן פאַרמעגן, האָבן די אַרבעטער אויסגעפונען די אַרויסגעפירטע דורך דעם אָקופּאַנט פאַבריק־איינריכטונגען, האָבן קאָמפּלעטירט די פעלנדיקע טיילן, כדי וואָס שנעלער געבן דעם לאַנד די נויטיקע פּראָדוקציע.

באָלעסלאַוו ביערוט רינגלט אַרום מיט זאָרגעוודיקער אויפֿזיכט די דאָזיקע ערשטע דערשיינונגען פון סאָציאַליסטישער באַציונג פון אַרבעטער צו דער אַרבעט אין דער אייגענער מלוכה.

„איר מוזט דאָ — זאָגט באָלעסלאַוו ביערוט אין מערץ 1945 אויף דעם צוזאַמענפאָר פון קוילן־אַרבעטער אין קאַטאָוויץ — אויף דער דאָזיקער ערד, וועלכע איז דער אוצר פון פוילן, וועלכע שטעלט איר צו די גרעסטע רייכטימער, שאַפן אַזעלכע באַדינגונגען פון לעבן, אַז דער אַרבעטער, אַרויסגייענדיק פון אונטער דער ערד אויף דער אויבערפלאַך, זאָל קאָנען אויף אַן אמת זיך פרייען מיט דער זון, אַז ער זאָל קאָנען זיך זאָגן: איך בין דאָ דער באַלעבאָס, אַז זיין קינד זאָל זיך קאָנען אַנטוויקלען און דערוועדבן דאָס נויטיקע וויסן, אַז דער פוילישער אַרבעטער און פויער צוזאַמען מיטן פוילישן אינזשיניער, טעכניקער און אַרבעטנדיקן אינטעליגענט, פאַראייניקט אין געמיינזאַמען באַגער אויפצובויען אַ ניי פוילן, זאָלן קאָנען זיך שאַפן באַדינגונגען, וועלכע זענען נויטיק פאַר דער פוילישער אַנטוויקלונג“.

נאָכן אַרויסיאָגן דעם היטלעריסטישן אָקופּאַנט פון די גרענעצן פון פוילן און איבערנעמען פון די הענט פון זיגערישן סאָוועטישן מיליטער די מערב־געביטן, האָט זיך פאַר דער פאָלקס־רעגירונג אַוועקגעשטעלט נאָך איין וויכטיקע, אויסערגעוויינלעך דרינגענדיקע און אַלפאָלקישע אויפגאַבע: באַזעצן און איינשטעלן די באַלעבאַטישקייט אין די מערב־געביטן. די פאַרטיי, די פאָלקס־רעגירונג און באָלעסלאַוו ביערוט האָבן דעם דאָזיקן ענין געווידמעט ספּעציעל אַ סך אויפמערקזאַמקייט. קיין גדאַנסק און שטשעטשין, קיין וראָצלאַוו און אָפּאָלע, קיין זיעלאָנע־גורע און קאָשאַלין האָבן זיך געלאָזט מיליאָנען אַרבעטער, פויערים און אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ, כדי איבערצונעמען אין באַזיץ די אוראַלטע ערד, וועלכע איז געוואָרן אומגעקערט דעם פוילישן פאָלק אַ דאַנק דעם זיג פון ראַטנפאַרבאַנד און דער וויטזיכטיקער פּאָליטיק פון דער פוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

באָלעסלאַוו ביערוט קומט אָפט אין די מערב־געביטן. באַזוכט גדאַנסק, ביטאָם, וראָצלאַוו און אַ סך אַנדערע שטעט. אינטערע

סירט זיך מיט דער בויונג פון די פּאַרטן, פאַבריקן, ערד-ווירטשאַפטן. גיט עצות און לערנט, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן די אָרטיקע מאַכט, ווי אַזוי אַריינבלאָזן לעבן אין די אָפּגעשטאַרבענע אַרבעטס-וואַרשטאַטן, ווי ברענגען אין באַוועגונג דאָס שול-וועזן, אַנטוויקלען די פּוילישע קולטור. באָלעסלאַוו ביערוט איז דער פּירער פון דער פּוילישער דע-לעגאַציע אויף דער קאָנפערענץ פון די גרויסע מלוכות, וועלכע איז פאָרגעקומען אין אויגוסט 1945 אין פּאָטסדאַם. ער פאַרטיידיקט דאָ די פּוילישע רעכט אויף די מערב-געביטן, אַנטקעגנשטעלנדיק זיך דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם ווי אויך די פּרוּוון מצד מי-קאָלאַיטשיקן דורכצולייגן דער אַנגלאָ-זאַקסישער רעאַקציע און אַ-גענטור אַ וועג צו דער מאַכט אין פּוילן. אַ דאַנק דער אונטערשטי-צונג פון סטאַלינען, זענען די רעכט פון פּוילן צו די גרענעצן אויף דער אָדרע און ניסע געוואָרן פאַרטיידיקט. די אַמעריקאַנער און ענגלישע אימפּעריאַליסטן זענען געווען געצוווּנגען אַנצונעמען אין פּאָטסדאַם אַ באַשלוס, וועלכער שטעלט ענדגילטיק פעסט די נייע מערב-גרענעצן פון פּוילן.

אַ סך פּריער האָט אַנערקענט אונדזער רעכט אויף די דאָזיקע גרענעצן דער ראַטנפאַרבאַנד. דעם 21-טן אַפּריל 1945 — גלייך פאַר דעם אַריינשטעקן אין בערלין די נצחון-פאָן איבערן היטלעריזם — האָט דער אָפּמאַך, וועלכער איז געשלאָסן געוואָרן אין מאָסקווע צווישן דער סאָוויעטישער רעגירונג און דער פּוילישער, פאַרזי-כערט די אומאָפּהענגיקייט און סוּווערעניטעט פון ווידערגעבוירענעם פאָטערלאַנד, די אומבאַרירלעכקייט פון זיינע גרענעצן קעגן די פּאַרזוכן פון די אימפּעריאַליסטישע רויבער, ווי אויך פעסטגעשטעלט די יסודות פון דער קעגנזייטיקער הילף צווישן ביידע באַפריינדעטע מלוכות. דאָס שליסן דעם דאָזיקן אָפּמאַך באַצייכנט — לויט דער אַרויסזאָגונג פון גענעראַליסימוס סטאַלין, וועלכער האָט אונטער דעם אָפּמאַך געגעבן זיין אונטערשריפט — „אַ גרונטיקן קער אין די באַציונגען צווישן ראַטנפאַרבאַנד און פּוילן אין דער ריכטונג פון אַ בונד און פריינדשאַפט... גיט אַ גאַראַנטיע פאַר דער אומאָפּהענ-גיקייט פון דעם נייעם דעמאָקראַטישן פּוילן, אַ גאַראַנטיע פאַר זיין מאַכט און פאַנאַנדערבלי".

מיט טיפער געריכטקייט האָט דאָס פּוילישע פאָלק באַגריסט די ווערטער פון סטאַלינען. מיט אַ באַזונדערער פריידע האָט זיי אויפ-גענומען דער אַרבעטער-קלאַס, וועלכער איז דערצויגן געוואָרן דורך דער פּפּר אויף די טראַדיציעס פון קאַמף-ברידערלעכקייט צווישן די

פראגרעסיווע באוועגונגען פון פוילן און רוסלאנד, צווישן דער ארבעטנדיקער באפעלקערונג פוןביידע לענדער. פאר דעם אנפירנדיקן קערן פון דער פארטיי, פאר באלעסלאוו ביערוטן איז די ארויסזאגונג פון סטאלינען און דער פריינדשאפט-אפמאך געווען א נייע באשטעטיקונג פון דער ריכטיקייט פון דער פאליטישער ליניע, מיט וועלכער עס האט זיך געריכטעט די פוילישע רעוואלוציאנערע ארבעטער-באוועגונג, מיט וועלכער עס האט זיך געריכטעט די פפר, פארטיידיקנדיק געדולדיק די דאזיקע ליניע קעגן דער פארקריפלונג מצד די אפארטוניסטישע נאציאנאליסטישע עלעמענטן.

דעם 3-טן מאי 1945 אויף דער סעסיע פון נאציאנאלן לאנדראט, וועלכער האט באשטעטיקט דעם פויליש-ראטנפארבאנדישן אפמאך, האט דער פרעזידענט באלעסלאוו ביערוט געזאגט:

„דער דאזיקער אפמאך פארשטארקט און באפעסטיקט אויף שטענדיק דעם בונד, וועלכן עס האט געשאפן צווישן פוילישן פאלק און סאוויעטישן פאלק דאס געמיינזאם-פארגאסענע בלוט אויפן שלאכט-פעלד מיט דעם באנדיטישן היטלערישן אנפאלער. פון הייגט וועלן קיין שום פיינטלעכע, רעאקציאנערע כוחות נישט זיין אימשטאנד צו צעשטערן די דאזיקע פריינדשאפט מיט אונדזער גרויסן מזרח-שכן, די פריינדשאפט, וועלכע די פוילישע דעמאקראטיע האט דערווארבן און וועלכע זי וועט באפעסטיקן ווי דעם הויפט-פאקטאר, וואס וועט פארזיכערן אונדזער פאלק קעגן דער דראונג פון א נייעם איבערפאל און פון רעוואנש, ווי א פאקטאר, וואס וועט פארזיכערן אונדזער אומאפהענגיקייט און אונדזער פרידלעכע, שעפערישע ארבעט איבער דעם אויפבוי פון א גרויס און בליענדיק פוילן".

אין פיל שפעטערדיקע רעדעס, אינטערוויוען און ארויסזאגונגען קערט זיך באלעסלאוו ביערוט נאך אום צום געשלאסענעם אפמאך, קלערט אויף די עפאכע-מאכנדיקע באדייטונג פון דעם דאזיקן אפמאך פאר דער פארשטארקונג פון דער פאלקס-מאכט, פאר דער אנטוויקלונג פון פוילן, לערנט ווי ענגער מאכן די פריינדשאפט מיט דער מעכטיקער סאציאליסטישער מלוכה, וועלכע איילט מיט נישט פאראינטערעסירטער הילף פאר אונדזער לאנד.

אין אנשפאר אויף דער הילף פון סאוויעטישן פארבינדעטן קאן דאס פאלקס-פוילן גיכער אויפבויען זיין אינדוסטרי, אנטוויקלען די בילדונג און קולטור איינפירן באלעבאטישקייט אין די מערב-געביטן, פארשטארקן די ארגאנען פון דער פאלקס-מאכט, צוגרייטן

באדינגונגען פאר דעם ווייטערדיקן מארש פארויס אויפן וועג פון סאציאלער איבערבויונג.

אבער דער קלאסן־שונא, גענייסנדיק פון דער הילף פון די אמעריקאנער און ענגלישע אימפעריאליסטן, שטערט אין דער אויפבויונג און שטרעבט אומצוקערן די „אלטע גוטע צייטן" פון קאפיטאליסטישער עקספלאאטאציע און אימפעריאליסטישן יאך. דער דאזיקער פיינט — דאס זענען די רעשטלעך פון דער רעאקציע אין לאנד, די סאנאציע־עמיגראנטן און די מיט דאלארן און פונטן גוט באצאלטע באנדיטישע אונטערערד. די פאן און דער פארטרויונגסמאן פון די אלע פיינטלעכע עלעמענטן איז מיקאלאיטשיק, וועלכער גייט אריין אין באשטאנד פון דער רעגירונג פון נאציאנאלער איינהייט אין רעזולטאט פון די אונטערהאנדלונגען פון די גרויסע מלוכות אין יאלטע. ברעכנדיק די פארפליכטונג פון לאיאלער מיטארבעט אויפן יסוד פון יולי־מאניפעסט, צעקלאפט מיקאלאיטשיק צוזאמען מיט די געוועזענע פריצים, קאפיטאליסטן און רעאקציאנערן טייל פון קלער, וועלכע שטיצן אים אונטער, די פויערים־באוועגונג, שאפט אן אייגענע אנטיפויערישע ריכטונג פסל און ווירקט מיט אלץ מער פארביסנקייט צום שאדן פון דער פאלקס־מאכט, פון פוילישן פאלק — צום נוצן פון די אימפעריאליסטן. אלץ מער קרבנות פאלן פון די הענט פון די מיקאלאיטשיק־באנדיטן פון דער אונטערערד.

בויענדיק א ניי לעבן, דארף מען שטענדיק האלטן גרייט דאס געווער קעגן דעם קלאסן־שונא. אין איינקלאנג מיט דעם דאזיקן באלשעוויסטישן פרינציפ, וועלכער איז שוין אויסגעפרווט געווארן אין פייער פון לאנגדויערנדיקן קאמף מיט די קאנטרעוואלוציאנערע כוחות אין רוסלאנד, פירט אונטער דער אנפירונג פון פפר זיין מסירת־נפשדיקע ארבעט דער בלאק פון די דעמאקראטישע ריכטונגען.

באלעסלאוו ביערוט רופט די ארבעטנדיקע מאסן צו קעמפן עקשנותדיק מיט אן אויפגעהויבענעם קאפ קעגן דעם אינערלעכן שונא. אין זיין רעדע צו די אנטיילנעמער פון באוואפנטן קאמף אין אקטאבער 1945 זאגט ער: „...עס דויערט די געפאר מצד דעם אינערלעכן שונא, מצד דער רעאקציע... איך רוף אייך, איר זאלט מיט דער זעלבער איבערגעגעבנקייט און מסירת־נפש, מיט דער זעלבער ליבע פאר דער זאך, מיט וועלכער איר האט פארטיידיקט פוילן אין דער צייט פון היטלערישן אנפאל, אז איר זאלט מיט דער זעלבער

ליבע, מיט דעם זעלבן פּאַטריאָטיזם בויען איצט די פונדאַמענטן פון דעם נייעם ווידערגעבוירענעם פּאַטערלאַנד; איר זאָלט זיך פילן ווי־טער ווי פּיאָנערן פון אונדזער ניי־געבוירענעם, דעמאָקראַטישן לעבן אין פּוילן, איר זאָלט פאַרטיידיקן די דעמאָקראַטיע".

די דעמאָקראַטיע — דאָס איז די מאַכט פון פאָלק, דאָס איז די הערשאַפט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, רעאַליזירט דורך זיי אויף יעדן אָפּשניט פון מלוכהשער, ווירטשאַפטלעכער און געזעלשאַפט־לעכער טעטיקייט. אַזאַ עכט דעמאָקראַטיש פּוילן בויען די אַרבעטנ־דיקע מאַסן אונטער דער אָנפירונג פון אַרבעטער־קלאַס. אַזוי האָט באַנומען דעם באַגריף דעמאָקראַטיע באָלעסלאַוו ביערוט, רופנדיק דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק צו פאַרטיידיקן זיין דעמאָקראַטישע מאַכט קעגן דער רעאַקציע. אינגיכן אין אַ רעדע אויפן צוזאַמענפאָר פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי אין דעצעמבער 1945 אַנטוויקלט ער ברייטער דעם געדאַנק וועגן דער אָנפירנדיקער ראָל פון אַרבע־טער־קלאַס אין פּוילן.

וואָס פאַרשטייען מיר אונטערן באַגריף דעמאָקראַטיע און פאַרוואָס שרייבן מיר אים צו אַ געשיכטלעכע איבערברוך־באַדייטונג — פרעגט באָלעסלאַוו ביערוט און ענטפערט:

„אונטער דעם לאָזונג דעמאָקראַטיע פאַרשטייען מיר די אַקטיווע און אָנפירנדיקע ראָל פון אַרבעטנדיקן פאָלק: אַרבעטער, פּויערים און אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ — אין דער אָנפירונג מיט דער מלוכה, אין אויספירן די פּאָליטישע מאַכט, אין פעסטשטעלן די פאָרמען און טעטיקייטס־פּרינציפּן פון אונדזער גאַנצן ווירטשאַפט־לעכן, קולטורעלן, און געזעלשאַפטלעכן לעבנס־סדר בכלל. נאָר אויף אַזאַ און נישט אויף קיין אַנדערן אויפן קאָן מען און מע דאַרף פאַר־שטיין דעם גרונטיקן געדאַנק פון דעמאָקראַטישן פּראָגראַם פון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט וועגן דעם, אַז דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק נעמט אויף זיינע פּלייצעס די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם גורל און פאַר דער צוקונפט פון פּוילישן פאָלק".

דער צוזאַמענפאָר פון פּפּר האָט אָנגענומען אַ באַשלוס צו רע־קאָמענדירן די יורידישע פאַרפעסטיקונג פון דער שוין פון אונטן דורכגעפירטער נאַציאָנאַליזירונג פון דער גרויסער און מיטלער אינדוסטרי, פון די בענק און טראַנספּאָרט, ווי אויך אָנשפּאַרן די אַנטוויקלונג פון לאַנד אויף די יסודות פון פּלאַנירונג. דער צוזאַמענ־פאָר האָט פעסטגעשטעלט אין פּאַרטייאישן מטאַטוט, אַז די דורכ־געפירטע רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען „שאַפן גינסטיקע באַדינגונ־

גען פאר דעם ווייטערדיקן קאמף פון ארבעטער-קלאס און ארבעטנדיקן פאלק פאר זייער פולשטענדיקער געזעלשאפטלעכער באפרייאונג", און אנערקענט דעם אויפבוי פון סאציאליזם פאר דעם ציל, צו וועלכן עס שטרעבט פפר.

גלייך נאך די באשלוסן פון צוזאמענפאר איז ארויסגעגעבן געווארן א דעקרעט פון נאציאנאלן לאנד-ראט, וועלכער איז אנגענומען געווארן, קעגן דעם ווידערשטאנד פון פסל, מיט די שטימען פון אלע דעמאקראטישע ריכטונגען. דער דעקרעט וועגן נאציאנאליזירן די אינדוסטרי האט פארויסגעזען דאס איבערנעמען דורך דער מלוכה אלע אינדוסטריעלע ווארשטאטן, וועלכע באשעפטיקן מער ווי פופציק ארבעטער אויף איין שיכט, ווי אויך אלע טראנספארט-אינסטיטוציעס, בענק א. א. וו. אזוי ארום איז רעכטלעך געווארן פארפעסטיקט דער פאלגנדיקער אקט פון געזעלשאפטלעכער גערעכטיקייט, וועלכער האט זיך פאקטיש אנגעהויבן דורך דעם ארבעטער-קלאס שוין אין די יארן 1944—1945. דאס דורכפירן די ערד-רעפארם און גלייך נאך איר די נאציאנאליזאציע האט באדייט א רעוואלוציאנערע ענדערונג אין דער געזעלשאפטלעך-ווירטשאפטלעכער סטרוקטור פון לאנד. „די נאציאנאליזאציע פון דער גרויס-אינדוסטרי, בענק און טראנספארט — האט פעסטגעשטעלט ביערוט אין דער רעדע, וועלכע ער האט געהאלטן דעם 5 דעצעמבער 1948 — ווי די שליסל-צווייגן פון דער פאלקס-ווירטשאפט, ביי דעם געפונען זיך פון דער מלוכה-מאכט אין די הענט פון די פאלקס-מאסן אונטער דער אנפירונג פון ארבעטער-קלאס, באדייט דאס שאפן די באדינגונגען פון ארויסגיין אויפן וועג פון איבערבויען די אלטע קאפיטאליסטיש-פריצישע עקאנאמיק אין א נייער סאציאליסטישער עקאנאמיק.

די רעאקציאנערע עלעמענטן האבן זיך אפגעגעבן א רעכענונג, אז דאס פאלקס-פוילן איז דעצידירט ארויף אויף דעם דאזיקן וועג און זיי האבן פארשטארקט זייער ווידערשטאנד. מיקאלאיטשיקס **פסל** און **נפז**, די ווערענאווצעס און רעכטע גרופעס פון **פפס**, געוועזענע קאפיטאליסטן און פריצים, ספעקולאנטן און קולאקעס, דוואיקאזשעס (צווייער-לעך) און סאנאציע-אפיצירן — אלע האבן זיי זיך פאראייניקט אין שנאה צו דער פאלקס-מאכט, צו די ארבעטנדיקע מאסן, צום פאלק. די שונאים פון פאלק זענען נישט געווען איבערקלויבעריש אין די מיטלען און מעטאדן פון קאמף. זיי האבן אויסגעפירט מארדן, סאבאטאזש-אקטן און שפיאנאזש פאר דעם

געלט און אונטער דער הויפּט־אָנפירונג פון אַמעריקאַנישן און ענג־לישן אויסשפּיר, זיי האָבן זיך באַנוצט מיט פאַלשקייט, מיט צביעות און פאַראַט.

די מיקאָלאַיטשיקס און פּאָפּיעלס, די פּוזשאַקס און זשולאַווסקיס זענען געקראָכן פון דער הויט, כדי איבערצורייסן דעם אַרבעטער־און פּויערים־בונד, אומוואַרפן די פאָלקס־מאַכט, אָפּנעמען ביי די פּויערים די ערד, ביי די אַרבעטער די פאַבריקן און פאַרוואַנדלען פּוילן אין אַ וואַסאַל פון אַמעריקאַניש־ענגלישן אימפּעריאַליזם, אין אַ מלחמה־געווער קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד און די פאָלקס־דעמאָ־קראַטישע מלוכות. וועגן אַזאַ מלחמה האָבן ווידער אָנגעהויבן טראַכטן די אימפּעריאַליסטן. אַ וואָס שנעלערן מלחמה־אויסברוך האָבן אויך באַגערט די לאָנדאָנער פאַרעטער פון פּוילישן פאָלק. שוין אין יאָר 1945 האָבן זיי אונטערגעהעצט די רעוואַנש־שטרעבונגען פון די היטלערישע עלעמענטן, „אָפּזאָגנדיק זיך" פון די פּוילישע מערב־געביטן.

די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי, וועלכע האָט אָנגעפירט מיטן בלאָק פון די דעמאָקראַטישע ריכטונגען, די פאָלקס־מאַכט, באַלעס־לאַוו ביערוט פירן דורך אין די יאָרן 1946—1947 אַ ריזיקע אַרבעט אויפן געביט פון באַהעפטן אַלע געזונטע כוחות פון פאָלק צום קאַמף פאַר צעקלאַפּן די פאַרעטערישע טעטיקייט פון די מיקאָלאַיטשיקס, פאַר מאַכן אומשעדלעך זייערע אַנטיפאָלקישע פּלענער, פאַר פאַרזי־כערן פּוילן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג אויפן וועג פון פּראָגרעס און סאָציאַלן איבערבוי.

אויפן גרונט פון געמיינזאַמען קאַמף מיט דער רעאַקציע און אין דער טאָג־טעגלעכער מי אויפן פראָנט פון ווירטשאַפטלעכער אויפבויונג, אַנטוויקלט זיך די איינהייטס־פּראַקטיקע צוזאַמענאַרבעט צווישן פּפּר און פּפּס. דאָס האָט אַן איינפלוס אויפן וווקס פון דער צאָל מיטגלידער אין ביידע אַרבעטער־פּאַרטייען און עס פאַר־שטאַרקט דעם אויטאָריטעט פון דער פאָלקס־מאַכט אין דער גע־זעלשאַפט. צום סוף פון יאָר 1946 ווערט געשלאָסן צווישן ביידע פּאַרטייען אַ פּערמאַנענטער אָפּמאַך וועגן סטאַבילער צוזאַמענאַרבעט. גלייכצייטיק רייניקט זיך אָפּ פון רעכטע עלעמענטן די דעמאָקראַטי־שע פּויערים־פּאַרטיי „סטראָניצטוואָ לודאָווע", עס בויט זיך פאַנ־אַנדער די פּויערים־זעלבסטהילף („סאַמאָפּאָמאָץ כלאָפּסקאַ"). דאָס שטויסט אַרויס שטופּנווייז די איינפלוסן פון דער רעאַקציע צווישן טיילן פון דאָרף און פאַרשטאַרקט דעם אַרבעטער־ און פּויערים־בונד

צוויי גענעראלע שלאכטן פון דעם בלאק פון דעמאקראטישע ריכטונגען פאר דעם אנטוויקלונגס-וועג פון פוילן — דער דורכגעפירטער אין יאר 1946 פאלקס-רעפערענדום און די וואלן צום געזעצגעבערישן סיים אין יאנואר 1947 — ענדיקן זיך מיט א צעשמעטערדיקער מפלה פון די רעאקציאנערע עלעמענטן און פולן זיג פון דער פאלקס-מאכט, פון פוילן. „א דאנק ...דער קאנצענטראציע פון די דעמאקראטישע כוחות — זאגט באלעסלאוו ביערוט אויפן קאנגרעס פון פ.פ.ר. אין יאר 1948 — איז געווארן מעגלעך דאס דעמאסקירן און ענדגילטיקע פאליטישע און ארגאניזאציאנעלע צעקלאפן פון מיקאלאיטשיקס פ.ס.ל., וועלכע האט פארגעשטעלט מיט זיך דעם לעגאלן פליגל פון דער רעאקציע און איז זיך צונויפגעוואקסן מיט דער פאשיסטישער אונטערערד".

דער זיג ביי די וואלן האט מעגלעך געמאכט די ווייטערדיקע פארטיידיקונג פון דעמאקראטישן לאגער און פון דער פאלקס-מאכט. דער נייער געזעצגעבערישער סיים האט אויסגעטיילט א רעגירונג אן דעם אנטייל פון מיקאלאיטשיקן. רעדנדיק אויף דער דערעפענונג פון סיים, האט באלעסלאוו ביערוט געגעבן א טיפע אפשאצונג פון דעם וועג, וואס פוילן האט דורכגעמאכט.

„דער פאליטישער געדאנק פון פוילן — האט געזאגט באלעסלאוו ביערוט — האט איצט געפונען א ריכטונג, וועלכע איז אין איינקלאנג מיט די אינטערעסן פון פאלק און פון דער מלוכה, וועלכע צייכנט א פערספעקטיוו פון א פראקטיקער אנטוויקלונג.

גלייכצייטיק האט זיך אויך דאס, וואס איז אין משך פון יארהונדערטער געווען אונדזער אומגליק, אז דאס פאלק, אין זין פון פולבארעכטיקטקייט איז נאר געווען א הייפל, אז דאס ארבעטערפאלק איז געווען בארויבט פון דער מעגלעכקייט צו דעצידירן וועגן אייגענעם גורל — אייך דאס האט זיך גרינטלעך און ראדיקאל געענדערט.

די טיפע גרונטיקע רעפארמען, וועלכע זענען געלייגט געווארן אין יסוד פון דעם אויפבויענדיקן זיך פוילן, האבן אויסגעברייטערט דעם באגריף פון פאלק אויף מיליאנען ארבעטער און פויערים, האבן אים געגעבן דאס ערשטע מאל אין אונדזער געשיכטע די פולע רעכט פון באוווסטזיניקן אנטיילנעמען אינעם שאפן מאטעריעלע און גייסטיקע ווערטן, פון וועלכע עס בויט זיך די גרויסקייט און דאס גליק פון פאלק. אויב קאלאנטאי און קאסציושקא האבן אויסגערופן, אז פוילן וועט אזוי לאנג נישט זיין פריי, — ביז אונדזער פאלק וועט זיך

באָלעסלאַוו ביערוט שמועסט מיט אַרבעטער־שלאָגלער

נישט דערפֿילן ווי אַ בירגער אין אייגענעם פֿאָטערלאַנד, איז איצט, נאָך אַ קאַמף, וואָס האָט געדויערט אַנדערט־האַלבן יאָרהונדערטער, קאָנען מיר פֿעסטשטעלן, אַז דער דאָזיקער רוף איז דורך אונדז געוואָרן פֿולשטענדיק רעאַליזירט.

דער קאַמף פֿאַר דער ראָל און באַדייטונג פֿון אַרבעטס־מענטש אין פּוילן איז געוווּנען, אָבער נאָך נישט פֿאַרענדיקט".

וואָס דאַרף מען טאָן, אַז מען זאָל נאָך מער אויפֿהייבן די באַדייטונג פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן ווי פֿולבאַרעכטיקטע באַלעבאַטים פֿון לאַנד, אַז מע זאָל נאָך שנעלער געשטאַלטיקן דאָס נייע געזיכט פֿון פּוילישן פֿאָלק.

פֿון דער סיים־טריבונע פֿליסן מיטרייסנדיקע ווערטער וועגן דעם וועג, אויף וועלכן מע דאַרף גיין, כּדי אויפֿצוהייבן די באַדייטונג פֿון אַרבעטס־מענטש אין פּוילן, כּדי צו פֿאַראייניקן די פֿאָלקס־מאַסן און די נאַציע אין איין באַגריף. עס רעדט באָלעסלאַוו ביערוט:

„ווייל פֿאַר אונדז, פֿאַר דער דעמאָקראַטיע, בינדט זיך צום ענגסטן די קראַפֿט און די גרויסקייט פֿון פֿאָטערלאַנד מיטן אויפֿהייבן ביז דעם העכסטן מאַטעריעלן, קולטורעלן און מאָראַלישן ניוואָ דעם לעבנס־שטייגער פֿון די אַרבעטנדיקע שיכטן. די צוקונפֿט פֿון פּוילן שטרעבן מיר אָנצושפּאַרן אויף די מעכטיקע אומאויסשעפּלעכע רעזערוון פֿון די אייגענע שעפֿערישע כּוחות פֿון פּוילישן אַרבעטער, פּויער, אינטעליגענט און גייסטיקן אַרבעטער. מיר גיבן זיך אָפּ אַ רעכענונג, אַז דער קוואַל פֿון דער דאָזיקער שעפֿערישער קראַפֿט פֿון די פּוילישע פֿאָלקס־מאַסן קאָן זיין בלויז זייער שנעלער קולטור־וווּקס, דאָס שנעלע אויפֿהייבן דעם איצטיקן ניוואָ פֿון זייער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ, זייער אַקטיווסטער אָנטייל אין דער טעטיקייט פֿון דער מלוכה, ווי זייער שטאַרק אָנגעזעענע אָנפֿירנדיקע ראָל אינעם אַלגעמיינעם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון אונדזער לאַנד"...

בלייבן טריי דעם דאָזיקן פּראָגראַם, מיט דער גאַנצער קראַפֿט ווייטער איינפֿירן אים אין לעבן, פֿאַרווירקלעכן די שטרעבונגען „פֿון הונדערטער טויזנטער נאָמענלאָזע העלדן, וועלכע האָבן אין קאַמף פֿאַר דער פֿרייהייט פֿון פּוילן אָפּגעגעבן זייער לעבן" — אָט צו וואָס באָלעסלאַוו ביערוט האָט גערופֿן דעם סיים אין די לעצטע ווערטער פֿון זיין רעדע.

אויף דער זעלבער סעסיע פֿון געזעצגעבערישן סיים ווערט באָלעסלאַוו ביערוט אויסגעוויילט אַלס פּרעזידענט פֿון דער רעפּובליק. אין הסכּם מיטן ווילן פֿון פֿאָלק ווערט דער ערשטער בירגער פֿון לאַנד

אַ זון פון אַרבעטער־קלאַס, פון דעם קלאַס, וועלכער האָט אָנגעפירט מיטן פאָלק אין די קאַמפן פאַר דער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פון פאָטערלאַנד, און איצט פירט ער פוילן מיט אַ זיכערע האַנט צו אַ העכערער צוקונפט.

עס קאָכט די אַרבעט איבער דעם אויפבוי פון דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט. מיר האָבן זיך שוין מיט וואָס צו באַרימען. „מיט געמיינזאַמע כוחות האָבן מיר אויפגעלעבט דאָס לאַנד, וואָס איז אויף אַ באַרבאַרישן אופן געוואָרן צעשטערט. מיר האָבן אויפגעלעבט די חרובע הויפּטשטאָט. אין משך פון נישט פולע צוויי יאָר האָבן מיר אויפגעלעבט די פּוילישקייט אויף די צוריקבאַקומענע געביטן, אויף וועלכע עס לעבן שוין ווידער מיליאָנען פּאָליאַקן און אַרבעטן פאַר פוילן" — זאָגט דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק אין זיין פייערלעכער ווענדונג צום פאָלק פון 5־טן פעברואַר 1947.

די ערנסטע רעזולטאַטן פון די ערשטע צוויי יאָר, וועלכע זענען דערגרייכט געוואָרן אַ דאַנק דער פּראָדוקטיווער אַרבעט פון די אַרבעטער און פּויערים ביי דער אָנגעזעענער הילף פון סאָוויעטישן פאַרבינדעטן, האָבן דערמעגלעכט דער פאָלקס־רעגירונג פעסטצושטעלן אויף דעם פּעריאָד פון 1947—1949 אַ סך ברייטערן פּראָגראַם פון אַרבעט. דער דריי־יעריקער פּלאַן — אונדזער ערשטער לאַנגכוואַליקער ווירטשאַפטס־פּלאַן — האָט אַלס ציל צו באַזייטיקן די גרעסטע מלחמה־צעשטערונגען, דערגרייכן און איבערשטייגן דעם פאַרמלחמהדיקן ניוואָ פון דער פּראָדוקציע און פון די שטייגערבאַדינגונגען פון די מאַסן.

אַ גרויסער, אַמביציעזער פּראָגראַם. אָבער די אַרבעטער האָבן נישט מורא פאַר קיין שוועריקייטן. זיי אַרבעטן ביי זיך — פאַר זיך, נעמענדיק אַ ביישפּיל פון דער העלדישער אַרבעט פון זייערע ברידער, די סאָוויעטישע אַרבעטער. אין די פאַבריקן און קוילנגרובן אַנטוויקלט זיך דאָס געוועט — דאָס האָט ווינצענטי פּסטראָווסקי געוויזן די פּוילישע קוילנגרעבער דעם וועג, ווי מע קאָן פּראָדוקטיווער אַרבעטן, באַנוצנדיק זיך מיט די מעטאָדן פון סטאַכאַנאָוון. די פּאַרטיי, די פאָלקס־רעגירונג, באָלעסלאַוו ביערוט סטימולירן אויסצוברייטערן דאָס געוועט, אויסצובעסערן די אַרבעט אין די פאַבריקן, אויפן פעלד, אין די אַמטן. אַלץ מער אַרבעטער נעמען איבער פאַראַנטוואָרטלעכע ערטער אויף פאַרשידענע געביטן פון ווירטשאַפטלעכער, מלוכהשער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

בײַ דער אויסערגעװײנלעכער פּאַרנומענקײט געפֿינט באָלעס־לאַװ ביערוט צײַט פֿערזענלעך זיך צו אינטערעסירן מיט אַ סך װיכ־טיקע פּרטים פֿון דער װירטשאַפֿטלעכער בױונג. רעדט מיט די אינ־זשיניערן, מאַכנדיק זײ װערטפֿולע באַמערקונגען בײַם אײַנשטעלן די פּלענער פֿון גרעסערע אינװעסטיציעס. ער באַזוכט אַרבעטס־װאַר־שטאַטן און גיט אַ סך נוצלעכע עצות װי אַזױ אויסצובעסערן די פּראָדוקציע.

מיט אַ שטענדיקער זאָרגעװדיקער אױפֿזיכט רינגלט ער אַרום די בױונג פֿון דער הױפּטשטאָט. קוקט דורך די פּראָיעקטן פֿון דער בױונג, באַזוכט די געבײַדעס, קלעטערט אויף די רושטאָװאַניעס. „אין דעם אָװנט איז געװאָרן ליכטיקער און װאַרעמער אויפֿן טײַך" — האָט דערצײלט אײנער פֿון די אַרבעטער װאָס איז געװען אָנ־װעזנדיק װען דער פּרעזידענט האָט באַטראַכט טײלן פֿון אויפֿבױענ־דיקן זיך פּאָניאַטאָװסקי־בריק אין יאָר 1945. פֿאַר דער הערשאַפֿט פֿון דער בורזשואַזיע נאָך דער ערשטער מלחמה, האָט דאָס צוריק־אויפֿבױען די בריק געדױערט 7 יאָר, דאָס פֿאָלקס־פּױלן האָט עס געמאַכט אין משך פֿון אײן יאָר. דאָס איז גוט, זײער גוט, אָבער מע טאָר נישט פֿאַרלאַנגזאַמען דעם טעמפּ. — און דער פּרעזידענט װײַזט אָן די אינזשיניערן די נאָענטסטע ריכטונג פֿון דער בױונג: דער קערבעדזשזיער בריק, די טראַסע װו—זעט און װױנונגס־קאָלאָ־ניעס. אָבער גלײַכצײַטיק — פֿאַבריקן. דאָס האַרץ פֿון לאַנד קאָן נישט עקזיסטירן אָן אינדוסטריע, אָן מענטשן, װעלכע זענען באַשעפֿ־טיקט אין דער אינדוסטריע. אין װאַרשע מוזן אויפֿגעשטעלט װערן אַ סך מוסטערהאַפֿטע אַרבעטס־װאַרשטאַטן.

די שלאַכט פֿאַר װאַרשע דױערט. דער פּרעזידענט װאַכט, סטי־מולירט, פֿירט אָן מיט דער בױונג פֿון דער סאָציאַליסטישער הױפּט־שטאָט פֿון פּױלן.

„װען מיר זענען מיט 18 חדשים צוריק אַרײַנגעגאַנגען קײן װאַרשע אין די שפּורן פֿון די זיגערײשע טײלן פֿון דער רױטער אַרמײ און פּױלישן מיליטער — זאָגט באָלעסלאַװ ביערוט אין טאָג פֿון באַפֿרײַונגס־יום־טוב דעם 22־טן יולי 1946 בײַ דער געלעגנהײט פֿון דערעפֿענען די פּאָניאַטאָװסקי־בריק — האָבן מיר געשװוירן אויפֿצו־בױען די הױפּטשטאָט, מיד האָבן געשװוירן — נישט געקוקט דע־רױף, װאָס דאָס האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן װי אַ שגעון... די דאָזיקע דעציזיע איז געװען אָן אויסדרוק פֿון גלױבן אין די אײגע־נע כוחות פֿון פֿאָלק, זי האָט דעצידירט װעגן דעם גורל פֿון װאַרשע.

נאָך אַ סך, אַ סך יאָרן וועט מעגלעך זיין אין דער פולער מאָס אָפּשאַצן איר וואָג און באַדייטונג. הייגט קאָנען מיר שוין זען אירע באַלדיקע רעזולטאַטן.

ווארשע לעבט, בויט זיך אויף און אַרבעט.

דורך די אויסגעברענטע סקעלעטן פון די הייזער, דורך די אויסגעבויגענע אייזערנע באַלקנס פון די צעקאַליעטשעטע בנינים — קלינגט ווארשע מיט דעם גערויש פון טראַמוויין, פינקלט מיט דעם ליכט פון עלעקטרישע לעמפּלעך, רוישט מיט דעם טומל פון מאַסן און ציט אויס שטאָלן די סטרונע פון פּאָניאַטאָווסקי־בריק, וועלכע איז אַריבער־געוואָרפן אויף סאַסקע קעמפּע. קוקנדיק אויף דער שיינער בריק, האָבן מיר די טיפע איבערצייגונג, אַז די שלאַכט פאַר ווארשע וועט זיין געווינען".

אינעם אָנפירן מיט דער מלוכה־שיף האָט דער פּרעזידענט, אין דער מאָס וואָס די ווירטשאַפטלעכע בוינג איז געוואַקסן, אַלץ מער אויפמערקזאַמקייט געשענקט דער אַנטוויקלונג פון בילדונג, וויסנשאַפט און קולטור. אַ פאָלק, וואָס וואַקסט, וואָס הייבט זיך אויף אויף אַ העכערן ניוואָ, מוז זיין אַ געבילדעט פאָלק, וואָס געניסט אין דער פולער מאָס פון די ווילטאַטן פון קולטור. דאָס פאָלקס־פּוילן האָט שוין גרויסע דערגרייכונגען אויף דעם געביט. „צום ערשטן מאָל אין אונדזער געשיכטע — זאָגט דער פּרעזידענט דעם 3־טן מאַי 1946 — האָט דער אַרבעטער־ און פּויערים־בונד אַן אָפענעם וועג צו בילדונג און צו אַרבעט... אויף אַלע שטעלעס.

צום ערשטן מאָל אין אונדזער געשיכטע איז אַן אַרבעטער און פּויער אין פּוילן אַ דירעקטאָר פון אַ פאַבריק, אַ סטאַראָסטע, אַ וואָיעוואָדע, אַ מיניסטער.

צום ערשטן מאָל זענען די זין פון די אַרבעטער און פּויערים די מערהייט אין די אָפיציר־שולן פון ווידערגעבוירענעם פּוילישן מיליטער, שאַפנדיק דעם יסוד פאַר אַ נייעם דעמאָקראַטישן אָפיצירן־קאָרפּוס".

אָבער דאָס איז נישט אַלץ. פאַר פאָלקס־פּוילן שטייען ריזיקע אויפגאַבן אויפן וועג פון פאַרשפּרייטן בילדונג, קולטור, וויסנשאַפט. „די ראָל פון דער פּוילישער וויסנשאַפט אין אונדזער סיסטעם פון באַציונגען — זאָגט דער פּרעזידענט אויף דער אַלגעמיינער מיטגלידער־פאַרזאַמלונג פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אין קראָקע אין יוני 1946 — קאָן און דאַרף זיין אומפאַרגלייכלעך גרעסער ווי ווען עס איז... פאַר די פּוילישע געלערנטע שטייט שוין צו לעזן אַ

סך פּראַקטישע פּראָבלעמען". און דער פּרעזידענט רעכנט אויס צענדליקער אַזעלכע פּראָבלעמען, וואָס זייער לעזונג איז דרינגנדיק און אומאָפּרופלעך פאַר דעם פאַנאַנדערבויען די אינדוסטריע, ערד־ווירטשאַפטן, שיף־בוי, ים־פלאָט, שטעט און קור־ערטער.

כדי די פּוילישע וויסנשאַפט זאָל קאָנען מיט דערפאָלג לעזן די דאָזיקע פּראָבלעמען, מוז הערשן אַ שטענדיקער קאָנטאַקט צווישן די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען און דעם לעבן, צווישן די פּראָפעסאָרן און די אַרבעטער און פּויערים, די אוממיטלבאַרע שעפער פון אַלע גיטער. אַזוי זאָגט דער פּרעזידענט צו די פאָרשטייער פון דער וויסנשאַפט אין קראָקע. דעם זעלבן וויכטיקן געדאַנק אַנטוויקלט ער אין דער רעדע אויף דעם ערשטן קאָנגרעס פון די טעכניקער אין קאַטאָוויץ אין דעצעמבער 1946.

„צווישן דער אינטעליגענץ און דעם פאָלק — זאָגט דער פּרעזידענט — מוז עקזיסטירן אַ פעסטע און דויערהאַפטע ווירטשאַפטלעכע, קולטורעלע, און גייסטיקע פאַרבינדונג. אַ נאָענטע האַרציקע קעגנזייטיקע באַציונג אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט פאַרן פאָלק און דער מלוכה. אָן דער דאָזיקער פאַרבינדונג, אָן דער הילף און קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש צווישן די מענטשן פון בילדונג, וויסן און הויכע קוואַליפיקאַציעס און די מענטשן פון פיזישער אַרבעט — וועט מען נישט קאָנען מיט דערפאָלג אויספירן די גרויסע און פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן, וועלכע עס האָט אויף אונדזער דור אַרויפגעלייגט די געשיכטע.

די ענגסטע פאַרבינדונג מיט דעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון לאַנד, מיט די אַרבעטער, פּויערים, גייסטיקע אָנגעשטעלטע מוז אויך עקזיסטירן אין געביט פון קולטורעלער שאַפונג. „ס'איז נויטיק, אַז אונדזערע היינטצייטיקע שעפער זאָלן געדענקען — זאָגט דער פּרעזידענט אין וורָאצלאַוו אויף דער דערעפענונג פון דער ראַדיאָ־סטאַציע אין נאָוועמבער 1947 — אַז זייערע ווערק דאַרפן געשטאַלטיקן, מיטרייסן און דערציען דאָס פאָלק. ס'איז נויטיק, אַז אונדזערע שעפער, אונדזער ליטעראַטור, אונדזער טעאַטער, אונדזער מוזיק, אונדזער פילם זאָלן זיין ווי צום ענגסטן פאַרבינדן מיט דער געזעלשאַפט, מיט זיינע ווייטיקן און שטרעבונגען, מיט זיינע אָנשטרענגונגען, אַרבעט און טרוימען, אַז זיי זאָלן איר ווייזן אַ וועג, מאָביליזירן צו שעפערישער אַרבעט, זאָלן אַרויסבאַקומען פון די מענטשן די איידלסטע עלעמענטן, זאָלן שטויסן צו פּראָגרעס און געזעלשאַפטלעכער פאַרפולקאָמונג."

די קולטור, וויסנשאַפט און בילדונג העלפן דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע — די אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע שאַפט פאַר־הנחות פאַר דעם ווייטערדיקן שטייגן פון דעם קולטור־ניוואָ פון פאָלק. די דאָזיקע ביידע אויפגאַבן — האָט אָנגעוויזן דער פּרע־זידענט אין וראָצלאַוו — „זענען צום ענגסטן צווישן זיך פאַרבונדן און קעגנזייטיק באַדינגט. ס'איז נישט מעגלעך צו לעזן איינס, נישט רעאַליזירנדיק גלייכצייטיק דאָס צווייטע".

גייענדיק לויט די אָנווייזונגען פון דער פּאַרטיי און פון דער פאָלקס־רעגירונג, האָבן די אַרבעטער־מאַסן אויסגעבעסערט די אַר־בעטס־מעטאָדן און שנעלער אַרויפגעהויבן דאָסווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע לעבן פון לאַנד. צום סוף פון יאָר 1947 זענען די וויזערם פון ערשטן דריי־יאָר־פּלאַן געוואָרן רעאַליזירט אויף 103,4 פּראָצ. און שוין אין דער העלפט פון דעם יאָר איז דער ניוואָ פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע געווען העכער ווי פאַר דער מלח־מה. דער פאַרגרעסערטער פאַרזיי־שטח האָט געגעבן מיט 8 פּראָצ. אַ גרעסערן שניט איידער ווי אין יאָר 1946 — די פי־צוכט איז געוואַקסן כמעט אויף 30 פּראָצ. עס האָט זיך פאַרגרעסערט דער נאַציאָנאַלער איינקונפט, עס האָבן זיך געהעכערט די פאַרדינסטן, דער לעבנס־סטאַנדאַרט פון די אַרבעטער, פויערים און אַרבעטנדי־קער אינטעליגענץ איז געוואָרן אַ העכערער. עס האָט זיך אַנטוויקלט דאָס שול־וועזן פון אַלע מדרגות — עס האָבן זיך אָנגעפילט מיט פּובליקום די אַרבעטער־ און פויערים־קלובן, די קינאָס און טעאַ־טערס. אונטערפירנדיק צום סוף פון יאָר 1947 אין אַ פייערלעכער ווענדונג צום פאָלק אַ סך־הכל פון די דערגרייכונגען פון ערשטן יאָר פון דריי־יאָר־פּלאַן, שטעלט פעסט דער פּרעזידענט ביערוט מיט באַגרינדעטן שטאָלץ:

„צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון פּוילן האָבן די פּיל־מיליאָניקע מאַסן פון אַרבעטנדיקן פאָלק דערפילט אין זיך די גרויסע באַקרעפטיקנדיקע ווירדע פון ווירקלעכע בירגער און באַלעבאַטים פון זייער לאַנד. דאָס שאַפן הייַנט זיי — די דאָזיקע פאָלקס־מאַסן — די נייע געשיכטע פון פּוילן. דאָס איז זייער אַרבעט, זייער ענטוזיאַזם, זייער איבערגעגעבנקייט, זייער פּאַטריאָטיזם, זייער גלויבן אין דער שיינער צוקונפט פון פאָלקס־פּוילן דער קוואַל פון קראַפט, דער קוואַל פון לעבן, דער קוואַל פון אונדזערע אומאויסשעפּלעכע רייכ־טימער, דער קוואַל פון קומענדיקן פאַנאַנדערבלי פון פאָטערלאַנד..."

די גרויסע דערגרייכונגען פון יאָר 1947 זענען דאָך נישט אָנגעקומען גרינג. די אַנטוויקלונג פון לאַנד איז געגאַנגען פאָרויס אין די באַדינגונגען פון שאַרפן קלאַסן־קאַמף. די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן האָבן זיך באַמיט אויסצונוצן יעדע געלעגנהייט רייך צו ווערן און צו פאַרשטאַרקן זייערע קלאַסן־פּאָזיציעס. אין שטאָט האָבן דאָס געטאָן די סוחרים, פאַרמיטלער און קליינע אונטערנעמער, אין דאָרף — די קולאַקעס. די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערוואַרפן די מלוכהשע פאַראָרדענונגען, זיי האָבן זיך אַרויסגעדרייט פון צאָלן שטייערן, זיי האָבן אויפגעשרויפט די פרייזן אויפן מאַרק און צוזאַמען מיט די געוועזענע אינדוסטריעלער און פריצים געווירקט צום שאָדן פון דער פאָלקס־מאַכט, צום שאָדן פון פאָלק.

צוזאַמען מיט דער טריקעניש, וועלכע האָט אין יאָר 1947 געטראָפן אַ טייל פון לאַנד, האָבן זיך נאָך מער צעברענט די אַפּעטיטן פון די הענדלער און סוחרים. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ספּעקולאַציע מיט קאָרן, מיט ברויט און אַנדערע שפּייז־פּראָדוקטן. די ספּעקולאַנטן אין שטאָט און אויפן דאָרף האָבן אָנגעזאַמלט גרויסע רווחים — אויפן חשבון פון די אַרבעטער, פויערים און אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ. דאָס האָט געטראָפן אין אַרבעטער־ און פויערים־בונד, אין דעם פונדאַמענט פון פאָלקס־פּוילן, און געגאַנגען אויף דער האַנט פון די שונאים פון פאָלק.

אין דער דאָזיקער סיטואַציע האָט די פּאַרטיי אין שפּיץ פון דעם בלאָק פון די דעמאָקראַטישע ריכטונגען און די פאָלקס־רעגירונג אַנטוויקלט אין לאַנד אַ ריזיקע קאַמפּאַניע, באַקאַנט אונטערן נאָמען „די שלאַכט פאַרן האַנדל". טויזנטער אַרבעטער האָבן אין איר גענומען אָנטייל, העלפנדיק אַדורכפירן די פאַראָרדענונגען פון דער פאָלקס־מאַכט. די פאַראָרדענונגען האָבן איינגעפירט אַ געוויסע קאָנטראָל פון די פרייזן, דאָס איינקויפן דורך דער מלוכה די רעשט תבואה און די קאָנצעסיאָנירונג פון פּריוואַטן האַנדל. די שלאַכט איז געווינען געוואָרן — די ספּעקולאַציע איז געוואָרן געצוימט. דער בונד פון אַרבעטער און פויערים איז געוואָרן פאַרשטאַרקט. צום זיג אין דער שלאַכט וועגן האַנדל האָט פיל מיטגעהאָלפן די הילף פון ראַטנפאַרבאַנד, וועלכער האָט נישט געקוקט אויף די אייגענע שוועריקייטן צוליב דער טריקעניש, צוגעשטעלט אונדז אַ האַלבן מיליאָן טאָן תבואה.

אין גאַנג פֿון קאַמף מיט דער ספּעקולאַציע און אין צוזאַמענ־האַנג מיט איר האָט די פּפּר געמוזט גובר זיין אַ סך שטערונגען און ווידערשטאַנד מצד די רעכטע עלעמענטן פֿון פּפּס. די רעכטע האָבן נישט געוואָלט פֿאַנאַנדערבויען די סאָציאַליסטישע אינדוסטריע, האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער אויסברייטערונג פֿון דער קאָנט־ראָל און פֿון דעם איינפֿלוס פֿון דער פֿאָלקס־מלוכה אויף דעם ווירט־שאַפֿטלעכן לעבן. זיי האָבן זיך באַמיט אָפּשוואַכן די אַלע פֿאַקטאָרן, וועלכע האָבן געגעבן דער פֿאָלקס־מאַכט די מעגלעכקייט צו נעמען אין שוץ די אַרבעטער־מאַסן קעגן די אַטאַקעס פֿון די ספּעקולאַנטן, די מעגלעכקייט פֿון ווייטער אַרויסצושטויסן דעם קאַפּיטאַליזם פֿון דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפֿט און שאַפֿן די יסודות פֿאַר אַ שנע־לערער אַנטוויקלונג פֿון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפֿט. גלייכ־צייטיק האָבן די רעכטע פֿון אַלע קאַלירן קעגנגעווירקט דער דער־נענטערונג צווישן פּפּר און פּפּס.

די פֿאָלקס־פֿיינטלעכע העצעס פֿון די רעכטע עלעמענטן זענען געוואָרן צעשטערט. אונטער דער ווירקונג פֿון די אַרגומענטן פֿון פּפּר האָט דער איינהייט־פֿראָנטיקער קערן פֿון דער פּפּס אָנפֿירונג פֿאַר־אורטיילט די שטעלונג פֿון די רעכטע. אין געמיינזאַמען קאַמף פֿון צוימען די ספּעקולאַציע איז נאָך געוואָרן ענגער די צוזאַמענאַרבעט צווישן פּפּר און פּפּס. עס איז געוואָרן אַלץ קלאָרער, אַז די פֿולע פֿאַראייניקונג פֿון ביידע פּאַרטייען דאָס שאַפֿן איין אַרבעטער־פּאַר־טיי, וועלכע וועט זיך באַזירן אויף דער רעוואָלוציאָנערער אידעאָ־לאָגיע פֿון מאַרקסיזם־לעניניזם, וועט פֿאַרשטאַרקן די כוחות פֿון דער פֿאָלקס־מאַכט און צואיילן דעם מאַרש פֿון לאַנד אויף דעם וועג פֿון אויפֿבוי און איבערבוי.

אַזוי האָבן געקלערט אַלע די, וואָס האָבן אויפֿריכטיק באַגערט די אַנטוויקלונג פֿון פּוילן אין דער ריכטונג פֿון סאָציאַליזם, די, פֿאַר וועלכע דער ראַטנפֿאַרבאַנד איז געווען אַ ביישפּיל, ווי אַזוי מע דאַרף בויען דעם סאָציאַליזם. דאַקעגן די אָפֿענע און פֿאַרבאָרגע־נע קעגנער פֿון בויען דעם סאָציאַליזם אין פּוילן זענען גלייכצייטיק געווען אויך קעגנער פֿון דער איינהייט פֿון אַרבעטער־קלאַס אויפֿן גרונט פֿון מאַרקסיזם־לעניניזם און אַנהענגער פֿון אַן „אַנדערן" „איי־גענעם" — אין תוך גענומען — קאַפּיטאַליסטישן אַנטוויקלונגס־וועג, זענען געווען אָפֿענע אָדער פֿאַרבאָרגענע שונאים פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד און פֿון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, זענען געווען פֿאַרבינדעטע פֿון אימפּעריאַליזם.

די דאָזיקע וועזנטלעכע שייד-ליניע איז אַרויסגעטרעטן אַלץ שאַרפער אין דער מאָס, וואָס דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם אין קאַמף פאַר באַהערשן די וועלט האָט פאַרשטאַרקט די טעטיקייט פון זיינע אַגענטורן אינעווייניק אין די לענדער פון דער פאָלקס-דע־מאָקראַטיע. דער שענדלעכער פאַראַט פון דער שפּיאָנאַזש-טראָצקיס־טישער טיטאָ-באַנדע אין יוגאָסלאַוויע האָט אויפגעדעקט די נייע מעטאָדן פון דער פאַרברעכערישער אַרבעט פון אימפּעריאַליזם און סיגנאַליזירט די לענדער פון דער פאָלקס-דעמאָקראַטיע די געפאַרן, וועלכע עס טראָגן פאַר די מאַסן, פאַר די פעלקער און פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון זייערע לענדער — אַלערליי אָפּווייכונגען פון מאַרקסיזם-לעניניזם.

אין דער נייער אַנטוויקלונגס-פּאַזע פון דער פאָלקס-מלוכה אין יאָר 1948, ווען פאַר דער פּאַרטיי האָט זיך אַוועקגעשטעלט די פראַגע פון ווייטערדיקן אַרויסשטויסן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן און עס האָט זיך פאַרשאַרפט דער קלאַסן-קאַמף, זענען ווידער אַרויסגע־טרעטן אין דער גאַנצער קלאָרקייט די רעכטע און נאַציאָנאַליסטישע אָנשווינגען פון גאָמולקאָ און פון זיין גרופּע. די גרופּע האָט גאָר־נישט געלערנט פון אירע פעלערן אין דער צייט פון דער אָקופּאַ־ציע. זי האָט דעמלט געצילט דערצו, אַז דער נאַציאָנאַלער לאַנד־ראַט זאָל קאַפּיטולירן פאַר דער רעאַקציע. דעסגלייכן נאָך דער באַ־פרייאונג פון לאַנד האָבן די רעכטע אין דער שפּיץ מיט גאָמולקאָ, וועלכער איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, נישט איינ־מאָל פאַרקריפּלט אין זייער פּראַקטישער אַרבעט די פּאָליטישע ליניע פון דער פּאַרטיי, אַזוי צ. ב. האָבן זיי אויפן דאָרף — באַזונדערס אין די מערב-געביטן — אָנגעווענדט אַ פּאָליטיק פון פּריווילעגירן די קולאַקעס און געשטרעבט אָפּצוטעמפּן דעם קאַמף פון דער דאָר־פישער אָרעמקייט קעגן דער קולאַקישער עקספּלאָאַטאַציע. אומע־טום, וווּ זיי האָבן געקאָנט, האָבן זיי פאַרמיסטיקט דעם מלוכהשן און פּאַרטייאישן אַפּאַראַט מיט שונאים. זיי האָבן פאַרקלענערט די ראָל פון דער פּאַרטיי אין לעבן פון לאַנד ווי אויך די ראָל פון ראַטנפאַרבאַנד, אַלס מוסטער און ביישפּיל פון זיגערישן בויען דעם סאָציאַליזם. ערשט נאָכדעם האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זענען נישט געווען קיין צופעליקע אויסגלייטשונגען, אַז זיי זענען אַרויס־געפלאָסן פון דער אַנטיפּאַרטייאישער, דורכויס פיינטלעכער שטע־לונג פון גאָמולקאָ און פון זיין גרופּע, אייניקנדיק זיך אין איין

גאַנצקייט מיט די פאַלשע אָנשוויונגען אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע.

דאָס איז געוואָרן אַלץ קלאָרער, ווען גאָמולקאָ האָט אָנגעהויבן פאַרשוואַרצן די העלדישע טראַדיציעס פון דעם באַפרייונגס־קאַמף פון רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־לאַגער אין פוילן, שטרעבנדיק צו פאַראייניקן די פפר און פפס אויפן גרונט פון אַ רעכט נאַציאָנאַליסטישער קאָנצעפּציע", כדי אין די ראַמען פון איין פאַרטיי דערפירן צו דער פאַראייניקונג פון די רעכטע עלעמענטן פון פפס מיט זיין אייגענער גרופּע, ווען ער האָט זיך געשטעלט אין פאַרטיידיקונג פון דער דעמאַסקירטער דורך דער וואַכזאַמער באָלשעוויסטישער פאַרטיי פאַרעטערישער טיטאָ־קליקע, ווען ער האָט אויפגעדעקט זיין פּראָקולאַקישע שטעלונג, אַרויסרוקנדיק „פאָרבאַהאַלטן" אין דער פראַגע פון שאַפן פּראָדוקציע־קאָאָפּעראַטיוון אין פוילן. אין יסוד פון די דאָזיקע פיינטלעכע אָנשוויונגען פון גאָמולקאָן און זיין גרופּע איז געלעגן דער נאַציאָנאַליסטישער אומצוטרוי צום ראַטנפאַרבאַנד און די שטרעבונג אַראָפּצופירן פוילן פון דעם איינציקפּאַסיקן וועג פון סאָציאַליסטישער בויונג. גאָמולקאָ האָט זיך אַראָפּגעקייקלט אויף דער פּאָזיציע פון אימפּעריאַליסטישן לאַגער נאָך די שפּורן פון דער שפּיאָנישער טיטאָ־באַנדע.

די שענדלעכע פּלענער פון די רעכט־נאַציאָנאַליסטישע אָפּנייגער זענען געוואָרן צוניש. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי האָט אויף אַ דעצידירטן אופן פאַראורטיילט די דורכויס פאַלשע אָנשוויונגען פון גאָמולקאָן אויף דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין פוילן און אויף דעם באַפרייונגס־קאַמף פון די פאָלקס־מאַסן. דאָס פּאָליטישע ביוראָ פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פפר האָט אין דער צווייטער העלפט פון 1948 אַנטוויקלט אַ ברייטן קאַמף פון דער גאַנצער פאַרטיי פאַר גובר זיין און אויסוואָרצלען די רעכט־נאַציאָנאַליסטישע אָפּנייגונגען.

מיט דעם דאָזיקן קאַמף האָט אָנגעפירט באָלעסלאַוו ביערוט. ער האָט שטאַרק איבערגעלעבט דעם שאָדן, וועלכן די טעטיקייט פון דער רעכט־נאַציאָנאַליסטישער גרופּע האָט גורם געווען דער פאַרטיי, דעם אַרבעטער־קלאַס, דעם פאָלק. איצט האָט ער אומדערמידלעך געאַרבעט איבער דעם, אַז די גאַנצע פאַרטיי און יעדער מיטגליד באַזונדער זאָל פאַרשטיין אין דער טיף אין וואָס עס באַשטייט די רעכט־נאַציאָנאַליסטישע אָפּנייגונג, וועלכע זענען אירע קוואַלן, ווי גובר זיין די רעשטן פון די פעלערן, ווי ווייטער באַוועגן

פארויס די אנטוויקלונג פון לאנד. א טרייער שילער פון לענינען און סטאלינען, שעפט ער זיין לערע פאר ספר פון דער רייכער דערפארונג פון דער באלשעוויסטישער פארטיי און איר גובר זיין אלערליי אפנייגונגען. ער גרייכט מיטן געדאנק אין דער פארגאנגענהייט, פארשנדיק די אנטוויקלונג פון דער פוילישער ארבעטער-באוועגונג, אנאליזירט און פארגלייכט. דער רעזולטאט פון דער דאזיקער אנגעשטרענגטער ארבעט זענען זיינע רעדעס און רעפעראטן, וועלכע צעשמעטערן די פאלקס-פיינטלעכע אנשווינגען פון גאמולקאווסקיס-נע און באגרינדן מיט אן אומפארגלייכלעכער קלארקייט די מארקסיסטיש-לענינישע פאליטישע ליניע פון דער פארטיי-אנפירונג, די ליניע, וועלכע צייכנט דרייסט אן די בויונג פון א פריי, אומאפהענגיק סאציאליסטיש פוילן אין בונד מיטן ראטנפארבאנד, מיטן גאנצן וועלט-לאגער פון שלום און פראגרעס.

מיט גלויבן און קראפט אטעמען די ווערטער פון באלעסלאוו ביערוט, ארויסגעזאגטע צום סוף פון די פארהאנדלונגען פון דער פלענארער זיצונג פון צענטראל-קאמיטעט פון ספר אין אויגוסט 1948, וועלכע האבן צעשמעטערט די רעכט-נאציאנאליסטישע אפנייגונג.

„קאמיש און געמיין — האט ביערוט געזאגט — האבן זיך ארויסגעוויזן די פרוון פון דער רעאקציע, וועלכע האט ספעקולירט אויף די פערספעקטיוון פון וואקלענישן און אידעאלאגישע שפאלטונגען אין געאייניקטן קאלעקטיוו פון דער פארטייאישער אנפירונג. די פוילישע ארבעטער-פארטיי — דאס איז א פארטיי, וועלכע באזיצט אין זיך, אין אירע אנפירנדיקע קאדרען א מעכטיקע ירושה פון רעוואלוציאנערער פארהארטעוועטקייט, וועלכע ס׳איז נישט מעגלעך איינצובייגן אדער צעברעכן. א גאראנטיע פון דער אידעאלאגישער אנטשלאסנקייט פון דער פארטיי איז איר וואכזאמע קעמפערישע שטעלונג, איר לעבעדיקער טאג-טעגלעכער קאנטאקט מיט די ארבעטנדיקע מאסן, איר גרענעצלאזע טריישאפט צו די אויסגעפרוווטע אידעאלאגישע פרינציפן פון מארקסיזם-לעניניזם.

פונדאנען דער פארשלאג, וואס פליסט ארויס פון די אנווייזונגען און דערגרייכונגען פון פלענום פאר דער גאנצער פארטיי: נאך שטארקער ווי ווען עס איז פארבינדן אלע רינגען פון דער פארטיי מיט די ארבעטנדיקע מאסן...״

ביערוט ווייזט אן, אז מען טאר זיך נישט צופרידנשטעלן מיט די ביזאיצטיקע דערגרייכונגען אין דער בויונג פון פאלקס-פוילן.

זיי זענען נאָר דער אָנהייב פון גרויסע אויפגאַבן, וועלכע שטייען נאָך פאַר אונדז. די דאָזיקע אויפגאַבן באַשטייען אין דעם, אַז מע זאָל פולשטענדיק אָפּשאַפן און באַזייטיקן די פאַראַכטונג פאַר דעם מענטש פון אַרבעט, אויף וועלכער עס האָט זיך באַזירט דער אַל־טער געזעלשאַפטלעכער סדר און וועלכע ער האָט נאָך איבערגע־לאָזט נאָך זיך. דאָס קאָן ווערן דערגרייכט נאָר אויפן וועג פון אַנט־וויקלען די סאָציאַליסטישע עלעמענטן פון דער נאַציאָנאַלער ווירט־שאַפט, דורך דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם.

„מיר האָבן ליב אונדזער פאַטערלענדישע ערד און אונדזער פאָלק — קלינגען די לעצטע פראַגמענטן פון באָלעסלאַוו ביערוטס סוף־רעדע — מיר זענען טיף צוגעבונדן צום קולטור־פאַרמעגן און צו די איידלסטע טראַדיציעס אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, אָבער די ליבע צו אונדזער פאָלק וועט אין אונדז זיין אַלץ טיפער, וואָס מער זי וועט זיך בינדן מיט דעם געפיל פון סאָלידאַריטעט מיט די דעמאָקראַטישע און אַנטי־אימפּעריאַליסטישע כוחות פון דער וועלט.

די גרויסע באַדייטונג און אומשאַצבאַרער אידעאָלאָגישער פאַר־דינסט פון איצטיקן פּלענום באַשטייט אויך אין דעם, וואָס אָנוויזנ־דיק דער פאַרטיי אויף די קאַמפּס־אויפגאַבן מיט דער געפאַר פון רעכט־נאַציאָנאַליסטישן אָפּנויג, האָט ער געשטאַרקט אין דער פאַר־טיי דעם באַוווסטזיין פון דער גרויסער פאַרגעשריטענער ראָל פון ראַטנפאַרבאַנד און פון זוקפ(ב) אין קאַמף פאַר דער באַפרייונג פון מענטש, אין דעם קאַמף פאַר דעם פאָרויסגאַנג פון דער וועלט, אין קאַמף פאַר דער אומאָפּהענגיקייט און סוווערעניטעט פון פוילן.

דעריבער דאַרפן מיר אויף קיין רגע נישט מיד ווערן צו פאַר־שטאַרקן אין די רייען פון אונדזער פאַרטיי דאָס געפיל פון אינ־טערנאַציאָנאַלער פאַרבונדנקייט, צו דערציען אונדזערע קאַדרען אין גייסט פון טריישאַפט פאַר די רעוואָלוציאָנערע יסודות פון אינ־טערנאַציאָנאַליזם."

אין אַ רעדע אויף דער לאַנד־באַראַטונג פון פפּר־אַקטיוו דעם 6־טן סעפּטעמבער 1948 האָט באָלעסלאַוו ביערוט נאָכאַמאָל זיך ברייט אָפּגעשטעלט אויף די אויספירן פון אויגוסט־פּלענום פון צ. ק. פון פפּר און באַריכטעט וועגן די אָנגענומענע באַשלוסן אין געביט פון דער ווירטשאַפטלעכער און געזעלשאַפטלעכער פּאָליטיק אויפן דאָרף.

קינדער צו גאַסט ביים פרעזידענט אין בעלוועדער

„דער פּלענום — האָט געזאָגט באָלעסלאַוו ביערוט — האָט אָנ־געוויזן קאָנקרעטע וועגן פאַר דעם קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס, פון אָרעמען און מיטעלן פויערטום מיטן ציל צו באַגרענעצן די עקס־פּלאָטאַציע פון די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אויפן דאָרף, מיטן ציל צו געבן אַלזייטיקע הילף דער איבערוויגנדיקער מערהייט פון דאָרף, דעם אָרעמען און מיטעלן פויערטום, און מיטן ציל אַרויסצו־רייסן דעם איבערגעוויכט אין דאָרף פון די הענט פון די דאָרפישע רייכע...״

דער פּלענום האָט אויך פעסטגעשטעלט די אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי אין דעם געביט פון אַנטוויקלען די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון אויפן דאָרף, וואָרענענדיק אָבער קעגן יעדער שעדלעכער איילעניש אויף דעם געביט.

„דער פּלענום האָט מיט דער גאַנצער קראַפט פעסטגעשטעלט דעם פּרינציפּ פון פולשטענדיקער פרייוויליקייט ביים אָרגאַניזירן די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון און אָנגעזאָגט אַ שטרענגן קאַמף מיט אַלע עווענטועלע פּרוּוון אָנצורירן דעם דאָזיקן פּרינציפּ.״ — האָט אין זיין רעדע געזאָגט באָלעסלאַוו ביערוט.

דער אויגוסט־פּלענום איז געווען דער אָנהייב פון אַ ברייטער קאַמפּאַניע, וועלכע האָט געגרייכט אין דער טיף צו יעדער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, צו יעדן רינג פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, צו די געזעל־שאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. זי האָט אויפגעטרייסלט אַלע פּאַרטיי־מיטגלידער, אויסגעלערנט זיי צו דערזען די געפאַר פון רעכטע און נאַציאָנאַליסטישע פאַרקריפּלונגען אויף דעם אייגענעם אָפּשניט פון אַרבעט, האָט געווירקט צו פאַרגרעסערטער וואַכזאַמקייט פון די פּאַרטיי־אינסטאַנצן. די דאָזיקע קאַמפּאַניע האָט אויך גורם געווען צו אַ מער קריטישער באַציונג פון פּפּס צו איר פאַרגאַנגענהייט, ווי אויך צו אַן אָפּרעכענען זיך מיט אירע אייגענע רעכטע און אויף אַ דעצידירטן אופן געווירקט ענגער צו מאַכן די ברידערלעכע צוזאַ־מענאַרבעט צווישן די מיטגלידער פון פּפּר און פּפּס, שאַפנדיק די באַדינגונגען פאַר דער אָרגאַנישער איינהייט פון ביידע פּאַרטייען אויף דער פּלאַטפאָרם פון מאַרקסיזם־לעניניזם.

אין דער רעדע, וועלכע ער האָט געהאַלטן דעם 29 סעפּטעמבער 1948 אויף דער דערעפענונג פון דער סיים־סעסיע, האָט באָלעסלאַוו ביערוט געקאָנט פאַרויסזאָגן:

„די איצטיקע סעסיע וועט אָפּהאַלטן אירע באַראַטונגען אין אַ מאָמענט פון אַ גרויסן איבערברוך, וועלכער קומט פאָר אין דער

פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער פֿאָרם פֿון איר פֿולשטענדיק פּאָליטישער פֿאַראייניקונג. דער פֿאָרמעלער אַקט פֿון דער דאָזיקער פֿאַראייניקונג וועט ערשט פֿאָרקומען אין עטלעכע וואָכן, אָבער די פֿאַקטישע פֿאַראייניקונג פֿון אַרבעטער־קלאַס באַווירקט שוין היינט דעם גאַנצן איצטיקן סיסטעם פֿון אונדזער פּאָליטיש לעבן. דאָס איז אַן אויסערגעוויינלעך וויכטיקער פֿאַקט נישט בלויז פֿאַר דער איצטיקער מינוט, נאָר אויך פֿאַר אונדזער צוקונפֿט".

אין דער זעלבער רעדע האָט דער פּרעזידענט אונטערגעשטראָכן די באַדייטונג פֿון דער אייניקייט פֿאַר דעם אויפֿהייבן די אָנפֿירנדיקע ראָל פֿון אַרבעטער־קלאַס אין פּוילן, אין אינטערעס פֿון פּוילן גופֿא. די אייניקייט פֿון אַרבעטער־קלאַס — דאָס איז דער פֿונדאַמענט פֿון וווּקס פֿון דער ראָל און באַדייטונג פֿון גאַנצן אַרבעטנדיקן פֿאָלק אין לעבן פֿון אונדזער לאַנד. פֿון דעם וווּקס פֿון דער דאָזיקער ראָל איז אָפּהענגיק די פֿאַרשטאַרקונג פֿון אונדזערע אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע כּוחות, איז אָפּהענגיק די קראַפֿט און די באַדייטונג פֿון פּוילן.

דאָס לעבן פֿון לאַנד האָט זיך אַ רוק געטאָן מיט אַ ראַשיקן טראָט פֿאָרויס. דער פּלאַן פֿון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע איז אין יאָר 1948 אויסגעפֿירט געוואָרן מיט אַ גרויסער העכערונג. גוטע רעזולטאַטן זענען אויך דערגרייכט געוואָרן אין דער ערד־אַרבעט. אין דער אַלגעמיינער סיטואַציע פֿון דער באַפֿעלקערונג איז פֿאָרגעקומען אַ ווייטערע פֿאַרבעסערונג. דער פֿאַרמלחמהדיקער ניוואָ פֿון פֿאַרברויך איז שוין אין יאָר 1948 געוואָרן איבערגעשטיגן. די אַרבעטסלאָזיקייט איז געוואָרן ליקווידירט. אָבער מע טאָר נישט ווערן פֿאַרשיכּורט פֿון די דאָזיקע דערגרייכונגען. אונדזער מאַרש פֿאָרויס — האָט געוואָרנט ביערוט אויף דער סיים־סעסיע — „קומט פֿאָר און וועט פֿאָרקומען אין שווערע באַדינגונגען פֿון קאַמף מיטן אויסערלעכן און אינערלעכן קלאַסן־שונא".

דער וועג אויף וועלכן מיר זענען אַרויפֿגעגאַנגען, איז אַ שווערער וועג, אָבער אַ ריכטיקער. „מיר קאָנען דרייסט פֿעסטשטעלן — האָט דער פּרעזידענט דערקלערט פֿון דער סיים־טריבונע — אַז צוויי דריטל פֿון פּלאַן וועלן מיר אויספֿירן נאָך פֿאַר דער ענדע פֿון לויפֿנדיקן יאָר. פֿון דעם דרינגט, אַז אונדזער ערשטן דריי־יעריקן פּלאַן וועלן מיר אויספֿירן מיט דערפֿאָלג און וואָרשיינלעך פֿאַרן טערמין. דאָס פֿאַרענדיקן דעם דריי־יעריקן פּלאַן וועט זיין אַן אויסגאַנגס־פּונקט פֿאַר אונדזער מאַרש פֿאָרויס, פֿאַר דעם מאַרש, וואָס זיין אויפֿגאַבע וועט זיין דאָס אויפֿבויען די יסודות פֿון סאָציאַ־

ליזם אין פוילן און דאָס פאַרוואַנדלען עס אין איינס פון די פאָרגעשריטנסטע לענדער אין אייראָפּע."

די פאַראייניקונג פון דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג נאָך 56 יאָר שפּאַלטונג, ווי אויך די אַרבעט איבער דעם נייעם ווירטשאַפטלעכן פּלאַן, וועלכער וועט האָבן פאַר אַ ציל דאָס אויפבויען די יסודות פון סאָציאַליזם אין פוילן — אָט דאָס זענען די צוויי פאַקטן, וועלכע באַצייכענען דעם איבערברוך־מאָמענט אין דער אַנטוויקלונג פון פאָלקס־פוילן.

IX

איבער צוויי טויזנט דעלעגאַטן נעמט אַריין דער פּריש אויפּגעבויטער זאַל פון וואַרשעווער פּאָליטעכניקום. אויף די טריבונעס — די פאָרשטייער פון דער אָנפירערשאַפט פון פּפּר און פּפּס, פאַרדינסטפולע טוער פון ביידע פּאַרטייען. די בעסטע אַרבעטס-שלאָגער, פאָרשטייער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-באַוועגונג פון דרייסיק לענדער פון דער גאַנצער וועלט.

דער פאַראייניקונגס-קאָנגרעס האַלט אָפּ זיינע באַראַטונגען. פון דער טריבונע דערהערט זיך די רואיקע, וואָגיקע שטים פון באָלעסלאַוו ביערוט. אין זיין רעפעראַט וועגן די אידעאָלאָגישע יסודות פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיי גיט ביערוט אַ דורכדרינגלעכן איבערבליק פון דעם זיבעציק-יעריקן וועג פון דער פּוילישער אַרבעטער-באַוועגונג.

„דאָס איז געווען — זאָגט ער — אַ וועג פון פאַרביסענעם, עקשנותדיקן, אומברחמנותדיקן קלאַסן-קאַמף, אַ וועג פון דערהייבונגען און אַפּפאַלן, פון טראַגישער איינגעבראָכנקייט און ווידעראויפגעלעבטע האָפענונגען, פון מפּלות און נצחונות, פון פיל טויזנטער קרבנות און העלדישן אויסדויער. דאָס איז געווען דער וועג פון אַ באַוועגונג, וועלכע איז כסדר געגאַנגען פאָרויס, נישט געקוקט אויף די וואַקלונגען און פעלערן, פון אַ באַוועגונג, וואָס איז געוואָרן אַלץ רייכער אין רעוואָלוציאָנערע דערפאַרונגען און אַלץ טיפער זיך צוגעאייגנט דעם וויסן פון די פּראָצעסן און געזעצן פון קלאַסן-קאַמף...

דער רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן זיבעציק-יעריקן קאַמף איז אונדזער פאָלקס-מלוכה, איז דער נייער געזעלשאַפטלעכער סדר פון פאָלקס-

דעמאָקראַטיע, וועלכער פירט צום סאָציאַליזם. דער רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן קאַמף איז די היינטיקע אָנפירנדיקע ראָל פון דעם פוילישן אַרבעטער־קלאַס אין פאָלק און אין דער מלוכה. דער רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן קאַמף איז דער היינטיקער פאַראייניקונגס־קאָנגרעס, אויף וועלכן עס קוקט און צו וועלכן עס הערט זיך צו מיט אויפמערקזאַמקייט און סימפּאַטיע די איבערוויגנדיקע מערהייט פון אונדזער פאָלק".

די העלפט פון דעם דאָזיקן זיבעציקיעריקן וועג — איז גלייכצייטיק דער וועג פון זיין אייגענעם קאַמף. די דערפאַרונג פון דער באַוועגונג — דאָס איז אויך זיין אייגענע דערפאַרונג, וועלכע ער האָט איבערגעלעבט און דורכגעטראַכט אין משך פון לאַנגע יאָרצענדליקער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, אַלץ מער קאָנסעקווענטער, אַלץ מער נעענטער צום ציל.

וואָס לערנען די דאָזיקע דערפאַרונגען? זיי לערנען — זאָגט באָלעסלאַוו ביערוט — אַז דער „פּראָלעטאַריאַט איז דער פאָרגעשריטענער רעוואָלוציאָנערער און שעפערישער קלאַס, וואָס טראָגט אין זיך די צוקונפט און די קראַפט פון דער נייער געשיכטלעכער עפּאָכע; אַז ער איז דער ערשטער קלאַס אין דער ביז איצטיקער געשיכטע פון דער מענטשהייט, וואָס איז אימשטאַנד צו באַזיניקן זיין געשיכטלעכע ראָל אַ דאַנק דער פאָרגעשריטענער וויסנשאַפטלעכער טעאָריע, וועלכע האָט די אויפגאַבן פון אַרבעטער־קלאַס אַרויסגעפירט פון דער דערקענטעניש פון די געזעצן און באַדינגונגען פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג".

זיי לערנען, אַז „אָן דער דערקענטעניש פון די יסודות פון מאַרקסיזם־לעניניזם, אָן דער קענטעניש פון אָנווענדן זיי אין אַ קאָנקרעטער סיטואַציע איז נישט מעגלעך ריכטיק צו לעזן יענע גרונטיקע אויפגאַבן, וועלכע עס רוקט אַרויס דער פאַרלויף פון קלאַסן־קאַמף און דער פּראָצעס פון אויסבילדן אַ נייעם געזעלשאַפטלעכן סדר".

זיי לערנען, אַז „דער קאַמף פון צוויי שטראָמען אין דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען אַ קאַמף פון צוויי קלאַסן־קעגנזעצלעכע אידעאָלאָגיעס: די אידעאָלאָגיע פון פּראָלעטאַריאַט און די אידעאָלאָגיע פון דער בורזשואַזיע, אַ קאַמף פון מאַרקסיזם־לעניניזם מיט די אידעאָלאָגישע איינפלוסן פון דער בורזשואַזיע, וועלכע זענען אַריינגעדרונגען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, כדי זי אונטערצואָרדענען די צילן און אינטערעסן פון קאַפּיטאַליזם".

זיי לערנען, אז „דער זיג פון ראטנפארבאנד אין דער געוועזענער מלחמה איז געווארן א וועזנטלעכער פאקטאר פאר דעם גאנצן פארלויף פון דער ווייטערדיקער געשיכטע פון דער מענטשהייט, איז געווען דער גרעסטער זיג פון סאציאליזם אין צוזאמענשטויס מיטן אימפעריאליזם, מיט זיין סאמע אגרעסיווסטן טייל אין דער דעמלטיקער סיטואציע — מיטן היטלעריזם... אן דער צעגראמירונג פון אימפעריאליסטיש-היטלערישן איבערפאלער אין רעזולטאט פון דעם זיג פון ראטנפארבאנד אין דער וועלט-מלחמה וואלט געווען נישט דערגרייכבאר די נאציאנאלע באפרייונג פון פוילן, ווי פון אנדערע פעלקער, פאריאכטע דורכן היטלעריזם, פונקט ווי עס וואלט געווען נישט דערגרייכבאר דאס דעראבערן די מאכט דורך דעם פוילישן פראלעטאריאט אין דעם מאמענט פון באפרייען דאס לאנד".

זיי לערנען, אז די פאראייניקטע פארטיי, נעמענדיק אלץ יסוד די רעוואלוציאנערע טראדיציעס פון „פראלעטאריאט", סדקפל, לינקע פפס, קפפ, פפר און דעם איינהייטס-פראנטיקן שטראם אין פפס און וועלנדיק זיך אן עצה געבן מיט די נייע געשיכטלעכע אויפגאבן — מוז זיין, פונקט ווי די באלשעוויסטישע פארטיי, די פארטיי פון לענינען און סטאלינען, „א פארטיי פון נייעם, העכערן עטאפ פון געזעלשאפטלעכן קאמף, א פארטיי אויף נייע יסודות. זי דארף שטארקן דעם באוווסטזיין און די שעפערישע ענערגיע פון די ארבעטנדיקע מאסן מיטן ציל צו פארפעסטיקן, פארטיפערן און אויסברייטערן די ביז איצטיקע סאציאלע דעראבערונג פון ארבעטנדיקן פאלק אין פוילן, מוז פירן די דאזיקע מאסן צו א ווייטערדיקער פאנאנדערבויונג און פארפעסטיקונג פון די פונדאמענטן פון סאציאליזם".

אין א פיר-שעהדיקן רעפעראט האט באלעסלאוו ביערוט פולשטענדיק צעקלאפט אלע פיינטלעכע, אנטיפאלקישע טעאריעס און טעאריעלעך וועגן די מכלומרשטע פארדינסטן פון פעפעסישן רעפארמיזם פאר דער אומאפהענגיקייט פון לאנד, אלע פאלשע אנשויונגען וועגן עפעס א „באזונדערן" פוילישן אנטוויקלונגס-וועג, וועלכער באזירט זיך אויף א דויערהאפטן צוזאמענלעבן אין די ראמען פון דער פאלקס-דעמאקראטיע פון צוויי געזעלשאפטלעכע סיסטעמען, דעם קאפיטאליסטישן און סאציאליסטישן. ער האט געגעבן א קלארע פארמולירונג פון דעם וועזן פון דער פאלקס-הערשאפט אין פוילן, זאגנדיק, אז די „פאלקס-דעמאקראטיע איז נישט די פארם... פון א דויערהאפטן צוזאמענלעבן פון צוויי פארשידענע געזעלשאפט-

לעכע סיסטעמען, נאָר די **פאָרם פון אַרויסשטויסן און שטופנווייזן ליקווידירן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן, און גלייכצייטיק די פאָרם פון אַנטוויקלען און פאַרשטאַרקן די יסודות פון דער קומענדיקער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט.** זי איז „אַ באַזונדערע פאָרם פון רעוואָלוציאָנערער מאַכט, וועלכע איז אַנטשטאַנען אין די נייע געשיכטלעכע באַדינגונגען פון אונדזער עפּאָכע — זי איז דער אויסדרוק פון אַ נייער פאַרהעלטניש פון די קלאַסן־כוחות אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַשטאַב.

דאָס אַנטשטיין פון דער דאָזיקער באַזונדערער פאָרם פון רעוואָלוציאָנערער מאַכט, די פאָרם פון פאָלקס־דעמאָקראַטיע, וועלכע פירט אויס די גרונטיקע פונקציעס פון דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, האָט דערמעגלעכט דער ראַטנפאַרבאַנד, „ווייל ער האָט דעצידירט וועגן דער מפּלה פון פאַשיזם אין אייראָפּע", „ווייל די דירעקטע אַנוועזנהייט פון דער סאָוויעטישער אַרמיי האָט געמאַכט אָנמעכטיק אונדזער קלאַסן־שונא."

צי באַדייט עס דאָך, אַז אונדזער וועג צום סאָציאַליזם ווייזט נישט אַרויס קיין שום אייגנאַרטיקע שטריכן?

באָלעסלאַוו ביערוט לערנט אין זיין רעדע אויפן קאָנגרעס, אַז אונדזער וועג איז אַן אַנדערשדיקע פאַרוואַנדלונג פון דעם אַלגעמיינעם מאַרקסיסטיש־לעניניש וועג, וועלכער איז פאַרווירקלעכט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט דורך דעם זיגערישן רוסישן פּראָלעטאַריאַט. די דאָזיקע אַנדערשקייט דרינגט אַרויס דערפון, וואָס פּוילן האָט נישט געדראַט קיין אימפּעריאַליסטישע אינטערווענץ, נאָר פאַרקערט — ביי דער זייט האָבן מיר געהאַט די ברידערלעכע סאָוויעטישע אַרמיי, וואָס פּוילן איז נישט געווען געצוווּנגען צו מאַכן זיך ווירטשאַפטלעך אָפּהענגיק (וואָס וואָלט אויך געפירט צו פּאָליטישער אונטערגעאָרדנטקייט) פון די אימפּעריאַליסטישע מלוכות, ווייל מיר האָבן געפונען אַן אָנשפּאַר אין ראַטנפאַרבאַנד און פון דער ערשטער מינוט האָבן מיר געקאָנט אין דער פולער מאָס גענייסן פון די דעראָבערונגען, דערגרייכונגען און דערפאַרונגען פון אַ סאָציאַליסטישער מלוכה.

„אַזוי אַרום — קומט באָלעסלאַוו ביערוט צום אויספיר — **פּונקט ווי אין יסוד פון זיג פון אונדזער פאָלקס־דעמאָקראַטיע ליגט די מסירת־נפשדיקע, העלדישע הילף פון ראַטנפאַרבאַנד, אַזוי אויך אין יסוד פון אונדזער אַנדערשקייט פון סאָוויעטישן וועג ליגט די אַלזייטיקע הילף און דאָס שטיצן זיך אויף די דערפאַרונגען און דער־**

גרייכונגען פון דער זיגערישער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אין ראַטנפאַרבאַנד. אַ דאַנק דעם קענען מיר אין די ראַמען פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע אַנדערש רעאַליזירן די פונקציעס פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט."

באָלעסלאַוו ביערוט וואָרנט קעגן דער נאַציאָנאַליסטישער באַגרענעצטקייט, וועלכע איז שעדלעך פאַר די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן און פאַר דעם קאַמף פון בויען דעם סאָציאַליזם. מע דאַרף ענערגיש דערציען די מיטגלידער פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיי אין גייסט פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, אין גייסט פון פאַרשטיין די גרויסע באַדייטונג, וועלכע עס האָט דאָס ענגער מאַכן די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונג פון די אַרבעטנדיקע מאַסן אויפן איצטיקן עטאַפּ, ווען דער אימפּעריאַליזם פאַרשטאַרקט דעם אַטאַק אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג, אויף די לענדער פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע, אויף דעם לאַנד פון סאָציאַליזם, אויפן ראַטנפאַרבאַנד. „די געשיכטע פון דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג — זאָגט ביערוט — די געשיכטע פון דעם רעוואָלוציאָנערן שטראָם, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער דאָזיקער באַוועגונג, ענדלעך די געשיכטע פון די באַפרייונגס־קאַמפן פון אונדזער פאָלק, דאָס איז קודם־כל דער אויסדרוק פון טיפן געפיל פון אינטערנאַציאָנאַלער פאַרבינדונג אין קאַמף פאַר פרייהייט אין פּראָגרעס, וועלכער איז געווען דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון אונדזערע גרעסטע קעמפער, אָנגעזעענסטע פּערזענלעכקייטן, מסירת־נפשדיקסטע פירער פון די פרייהייטס־באַוועגונגען".

די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט פון אַרבעטנדיקן פאָלק דרינגט אַרויס פון טיפער ליבע צום אייגענעם פאָלק, פון זיינע שטרעבונגען צו פרייהייט, פון זיין פּאַטריאָטיזם. „פּאַטריאָטיזם — זאָגט ביערוט — דאָס איז אַ הייס, אויפריכטיק, מסירת־נפשדיק געזעלשאַפטלעך געפיל, אַ געפיל פון צוגעבונדנקייט צו דער פּראָגרעסיווער פאַרגאַנגענהייט פון פאָלק, צו זיין קולטור, צו דער פאָטערלענדישער ערד, דאָס איז דער שטאָלץ מיט זיינע בעסטע טראַדיציעס, דאָס איז דאָס געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם בכבודיקן אָנטייל פון אייגענעם לאַנד אין דער פּראָגרעסיווער געשיכטע פון דער מענטשהייט... מע קען נישט ליב האָבן אויפריכטיק און הייס דאָס פאָטערלאַנד, ווען מע קעמפט נישט פאַר דער אַלגעמיינער מענטשלעכער פרייהייט און פּראָגרעס".

דער פאַראייניקונגס־קאָנגרעס האָט באַשטעטיקט אַ דאָקומענט פון אויסערגעוויינלעכער באַדייטונג, וועלכער דעפינירט די וועלט־אַנשוילעכע יסודות און צילן פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיי. דער דאָזיקער דאָקומענט — דאָס איז די אידעען־דעקלעראַציע פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי, וועלכע איז געוואָרן באַאַרבעט אונטער דער אָנפירונג פון באָלעסלאַוו ביערוט. סומירנדיק די אויספירן פון דער אידעאָלאָגישער דיסקוסיע אויפן קאָנגרעס, האָט באָלעסלאַוו ביערוט געגעבן אַ קורץ־געפּאַסטן אינהאַלט פון די וויכטיקסטע ריכט־ליניעס פון דער דעקלאַראַציע, וועלכע איז פון דאַן דאָס פּראָגראַם פון פּראַקטישער טעטיקייט פאַר מיליאָנען בוּיער פון סאָציאַליסטישן פּוילן. די דאָזיקע ריכט־ליניעס — ווי ביערוט האָט געזאָגט — שטעלן פעסט:

ערשטנס — דעם וועזן און כאַראַקטער פון אונדזער מלוכה, ווי אַ רעוואָלוציאָנערע מאַכט פון די פאָלקס־מאַסן מיטן אַרבעטער־קלאַס אין דער שפּיץ. די אייגנאַרטיקע פאָרם פון דער דאָזיקער מאַכט איז די פאָלקס־דעמאָקראַטיע. די פאָלקס־דעמאָקראַטישע מלוכה האָט צו דערפילן די זעלבע גרונטיקע פונקציעס, וועלכע עס פאַר־ווירקלעכט די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, דאָס הייסט:

א) די ליקווידאַציע פון די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן,
ב) דאָס אָרגאַניזירן די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט;
ג) די פאַרטיידיקונג קעגן אימפּעריאַליזם;

צווייטנס — דער געזעלשאַפטלעכער אינהאַלט און דער יסוד פון דער מאַכט אין דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער מלוכה איז דער אַר־בעטער און פּויערים־בונד ד. ה. דער בונד פון אַרבעטער־קלאַס מיט די וויניק־ערדיקע און מיטל־ערדיקע פּויערים. די פּאָליטישע פאָרם פון דעם דאָזיקן בונד איז די צוזאַמענאַרבעט פון די דעמאָקראַטישע ריכטונגען אונטער דער אָנפירונג פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי;

דריטנס — די באַדינגונגען פון דער טעטיקייט און אַנטוויקלונג פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער מלוכה, וואָס זייער אָנשפּאַר איז דער בונד און די ברידערלעכע פריינדשאַפט פון פּוילן מיטן ראַטנ־פאַרבאַנד און מיט די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער. דער דאָ־זיקער בונד איז אַ ווירקלעכע און זיכערע גאַראַנטיע פאַר דער פּו־לער סוווערעניטעט און אומאָפּהענגיקייט פון אונדזער לאַנד, פאַר

דער פֿאַרטיידיקונג פֿון אונדזערע גרענעצן אויף דער אָדרע, ניסע און באַלטיק, פֿאַר דער זיכערקייט פֿון פּוילן קעגן דער דראָונג פֿון אַגרעסיע מצד די אימפּעריאַליסטישע כוחות פֿון דרויסן;

פּערטנס — די אָרדענונג און די געזעלשאַפֿטלעך־פּאָליטישע און ווירטשאַפֿטלעכע באַדינגונגען, וועלכע פֿאַרזיכערן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פֿון פּוילן פֿון פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע צו סאָציאַליזם. די דאָזיקע באַדינגונגען זענען פֿאָלגנדיקע:

א) די שנעלע אַנטוויקלונג פֿון דער אינדוסטריאַליזאַציע פֿון לאַנד,

ב) אַן אַלץ ברייטערער און אַקטיווערער אָנטייל פֿון די מאַסן אין רעגירן מיטן לאַנד,

ג) דאָס באַגרענעצן, אַרויסשטויסן און שטופּנווייזע ליקווידירן פֿון די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אין שטאָט און אין דאָרף,

ד) די שנעלע אַנטוויקלונג פֿון דער ערד־ווירטשאַפֿט דורך מעכאַניזירן און מאָדערניזירן די באַאַרבעטונג פֿון דער ערד, דורך אונטערשטיצן די פֿאָרמען פֿון קאָלעקטיווער און קאָאָפּעראַטיווער ווירטשאַפֿט אין אַנשפּאַר אויף דער פּרייוויליקער איניציאַטיוו פֿון קליין־ און מיטל־ערדיקן פּויערטום,

ה) די פֿאַרטיפֿונג פֿון דער ווירטשאַפֿטלעכער און קולטורעלער צוזאַמענאַרבעט מיטן ראַטנפֿאַרבאַנד און מיט די פֿאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער,

ו) די פֿאַרשטאַרקונג פֿון אַנטי־אימפּעריאַליסטישן פֿראָנט פֿון קאַמף מיט דער אַגרעסיווער אָפּענסיווע פֿון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם.

דאָס באַשטעטיקן די גרונט־דעקלאַראַציע, דאָס אָננעמען דורכן קאָנגרעס דעם מאַרקסיסטיש־לענינישן סטאַטוט פֿון דער פּאַרטיי, ווי אויך דאָס באַשטעטיקן די ריכט־ליניעס פֿון דעם זעקס־יאָר־פּלאַן פֿון אויפֿבויען די פֿונדאַמענטן פֿון סאָציאַליזם — דאָס אַלץ איז געווען אַן אויסדרוק פֿון דער צעשמעטערונג פֿון די אַנטיפֿאָלקישע אַנשווייגונגען פֿון דער גאָמולקאַ־גרופּע און רעכטע פּפּס, האָט באַדייט דאָס צעקלאַפּן די האָפֿענונגען פֿון אימפּעריאַליזם אויף דער פֿאַרקריפּלונג פֿון דער אַנטוויקלונגס־ליניע פֿון פֿאָלקס־פּוילן דורך זיינע אַגענטורן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און אויף דעם אָפּרייסן פּוילן פֿון דעמאָקראַטישן וועלט־בלאָק מיטן ראַטנפֿאַרבאַנד אין דער שפּיץ.

באָלעסלאַוו ביערוט אויף דער טריבונע בעת דער ערשטמאַיקער דעמאָנסטראַציע אין יאָר 1951

דער פאראייניקונגס-קאנגרעס איז געווען פאר די ארבעטנדיקע מאסן, פארן פוילישן פאלק, פאר דעם ווייטערדיקן גורל פון פוילן א געשעעניש פון אן אויסערגעוויינלעכער באדייטונג. ער האט אויפגעעפנט — ווי דאס האט דייטלעך דעפינירט באלעסלאוו ביערוט אין לעצטן ארויסטריט אויפן קאנגרעס — א נייע בלאט אין דער געשיכטע פון פוילישן פאלק. „ווי מיט א פראכטפולער שיין פון דער זון — האט ער געזאגט — איז דורך דעם קאנגרעס געווארן באלויכטן דער וועג, אויף וועלכן די פוילישע פאראייניקטע ארבעטער-פארטיי וועט פירן די מיליאניקע פאלקס-מאסן. דאס איז דער אנטוויקלונגס-וועג פון פוילן צו ווילשטאנד, צו דער ליקווידירונג פון עקספלאטאציע, צו סאציאלער גערעכטיקייט, צו סאציאליזם".

אויף דער ערשטער זיצונג פון אויסגעוויילטן דורך דעם קאנגרעס צענטראל-קאמיטעט איז באלעסלאוו ביערוטן אנפארטרויט געווארן די פונקציע פון פארזיצער פון צענטראל-קאמיטעט. פון דעמלט אן פאראייניקט ער דאס אויספירן דעם העכסטן מלוכה-אמט, דעם אמט פון פרעזידענט, מיט דער העכסטער פונקציע אין דער פארטיי.

דאס פאלקס-פוילן איז ארייננגעטרעטן אין יאר 1949 אין א נייעם עטאפ — דעם עטאפ פון א פארשטארקטער סאציאליסטישער אפענסיווע אויף אלע אפשניטן פון לעבן. די דאזיקע אפענסיווע האט זיך אנטוויקלט אין די באדינגונגען פון א זיך פארשארפנדיקן קאמף צווישן צוויי קעגנזעצלעכע כוחות אויף דער וועלט: דעם לאגער פון שלום און פראגרעס מיטן ראטנפארבאנד אין דער שפיץ און דעם לאגער פון מלחמה און רעאקציע, מיט וועלכן עס פירט אן דער אמעריקאנער אימפעריאליזם.

דאס שליסן דעם אטלאנטישן פאקט אין מערץ 1949 האט באשטעטיקט אויסער יעדן ספק, אז די אמעריקאנער אימפעריאליסטן ווילן נישט שלום מאכן מיטן וווקס פון דער ראטנפארבאנדישער קראפט און מיט דער פרידלעכער בויונג פון סאציאליזם אין די פאלקס-דעמאקראטישע לענדער און פון מלחמה-דראונגען זענען זיי אריבער צו ארגאניזירן די מלחמה פאר דער הערשאפט איבער דער וועלט, פאר אנווארפן די פרייע פעלקער דעם יאך פון אימפעריאליזם. די פאליטיק פון באוואפנטער אינטערווענץ אין קארעע, כינע און אינדאנעזיע, דאס פאנאנדערבויען דעם מיליטאריזם אין מערב-דייטשלאנד, אין טיטאס יוגאסלאוויע און אין יאפאן, דאס כסדרדיקע אפווארפן אין דער ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער די

ראַטנפֿאַרבאַנדישע פֿאָרשלאָגן אין דער פֿראַגע פֿון פֿאַרבאָטן דאָס אַטאָמישע געווער און באַגרענעצן די באַוואָפֿענונגען, דאָס פֿאַנאַנדערבויען די קריגס־פּראָדוקציע און די פֿלי־באַזעס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, דאָס אָרגאַניזירן און פֿינאַנסירן די סאַבאָטאַזש־שפּיאָנישע אונטערערד אין די פּרייהייטס־ליבנדיקע לענדער, און צולעצט, דאָס באַנדיטישע אויסמאָרדן די העלדישע קאָרעישע באַפֿעלקערונג און די אַלץ־ברייטערע אָנווענדונג פֿון דעם פֿאַרברעכערישן באַקטעריאָלאָגישן געווער — אָט דאָס זענען די וויכטיקסטע פֿאַקטן וועלכע באַצייכענען אין די לעצטע יאָרן דעם וועג פֿון קריגס־צוגרייטונגען און פּראָוואָקאַציעס מצד די אַמעריקאַנער מענטשן־מערדער.

אָבער גלייכצייטיק, אין די זעלבע יאָרן, קומט פֿאָר אויף דער וועלט אַ ווייטערדיקע ענדערונג אין די כּוחות־פֿאַרהעלטענישן פֿון ביידע לאַגערן צום גונסטן פֿון לאַגער פֿון דעמאָקראַטיע און שלום.

די פֿאָרשריטן פֿון דער בויונג פֿון קאָמוניזם אין ראַטנפֿאַרבאַנד פֿאַרשטאַרקט נאָך מער די קראַפֿט פֿון דער סאָציאַליסטישער מלוכה, וועלכע שטייט אויף דער וואַך פֿון שלום און אומאָפּהענגיקייט פֿון די פֿעלקער. די פֿאָלקס־דעמאָקראַטישע מלוכות, גענייסנדיק פֿון דער באַדייטנדיקער הילף פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, אַנטוויקלען זייער ווירטשאַפֿט און בויען די יסודות פֿון סאָציאַליזם. יעדער ווייטערדיקער טראָט אויף דעם וועג איז אַ נייער טריומף פֿון געזעלשאַפֿטלעכן פֿאָרשריט איבער דעם צעשטערערישן כּוח פֿון אימפּעריאַליזם.

אַן אויסעראָרדנטלעך וויכטיק געשעעניש, וואָס האָט אויסערגעוויינלעך פֿאַרשטאַרקט די כּוחות פֿון דעמאָקראַטישן לאַגער, איז געווען דער נצחון פֿון פֿאָלקס־כינע איבער דער קאָמינטאַנגישער רעאַקציע און דאָס איינשליסן דאָס 500־מיליאָניקע כינעזישע פֿאָלק אין קאַמף קעגן די אַמעריקאַנער מלחמה־אונטערצינדער. אַ נייער שווערער קלאַפּ איז געווען פֿאַר זיי דאָס אַנטשטיין פֿון דער דייטשער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, וועלכע האָט אַן באַוואָרענישן אָנערקענט אונדזערע גרענעצן אויף דער אָדרע און ניסע און שטעלט זיך אַנטקעגן דער רעוואַנש־העצע, וועלכע ווערט אָנגערייצט אין טריזאָניע דורך די אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן. די פֿריינדשאַפֿט צווישן פֿאָלקס־פּוילן און דעם דעמאָקראַטישן דייטשלאַנד — איז אַ נייער מעכטיקער רינג אין וועלט־לאַגער פֿון שלום. עס וואַקסט דער אויטאָריטעט פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד און פֿון די פֿאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער צווישן די ברייטסטע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג

אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, די אָפּהענגיקע און קאָלאָניאַלע — עס שטאַרקט זיך דער ווידערשטאַנד פון די מאַסן קעגן דער עקספּלאָאַטאַציע. אויף דער גאַנצער וועלט וואַקסט דער קאַמף פאַר שלום און דער קאַמף אין פאַרטיידיקונג פון קאָרעישן פאָלק, וועלכער ווערט געפירט דורכן וועלט־ראַט פאַר שלום. די פעלקער פון דער וועלט הערן זיך צו מיט אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט און וואַקסנדיקער סימפּאַטיע צו דער שטים פון ראַטנפאַרבאַנד, צו דער שטים פון די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער, וועלכע דעמאַסקירן פון דער טריבונע פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער די אַגרעסיווע פּלענער פון די אַמעריקאַנער און ענגלישע אימפּעריאַליסטן. אונטער דעם דרוק פון די מעכטיקע כוחות פון שלום אַנטפּלעקן זיך אַלע מאָל נייע שפּאַלטן אין אימפּעריאַליסטישן לאַגער, ברעכן אויס קריגערייען, וועלכע זאָגן עדות וועגן די אינערלעכע קעגנזאַצן אין אימפּעריאַליסטישן סיסטעם.

דער באַנדיטישער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם וויל זיך דאָך נישט אָפּזאָגן פון זיינע פּלענער פּאַנאַנדערצובינדן אַ מלחמה קעגן ראַטנפאַרבאַנד און די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער. דורך פאַרגרעסערטע באַוואָפנונגען פּרובירט ער גובר זיין די שוועריקייטן פון דער באַנקראָטירטער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, אונטעראָרדענען אַנדערע פעלקער, און מיט מעטאָדן פון אָנשרעקן, פון געוואַלד און איבערקויפן אויסברייטערן דעם מלחמה־בלאָק. טרומאַנען הערט זיך נישט אויף צו חלומען די ראָל פון אַ נייעם היטלער.

אין אַזאַ־אַ אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע פירט זיך נאָכן פאַראייניקונגס־קאָנגרעס אין אונדזער לאַנד דער קאַמף פאַר אויספירן און איבערשטייגן די פּראָדוקציע־פּלענער, פאַר אויפהייבן אויף אַ העכערן ניוואָ די ערד־ווירטשאַפט, פאַר אַנטוויקלען די סאָציאַליסטישע בילדונג און קולטור, פאַר אויספירן דעם דריי־יעריקן פּלאַן פון ווידעראויפבוי און דערנאָך דעם זעקס־יעריקן פּלאַן פון אויפבויען די פונדאַמענטן פון סאָציאַליזם. אין פּראָצעס פון דער דאָזיקער גיגאַנטישער אַרבעט פירט דאָס פאָלק צוזאַמען מיטן גאַנצן לאַגער פון שלום אַ פאַרביסענעם קאַמף קעגן די מלחמה־אונטערצינדער פאַר שלום און פריינדשאַפט צווישן פעלקער. „די אַנטוויקלונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע — זאָגט באַלעסלאַוו ביערוט אויף דער פּלענאַרער זיצונג פון צענטראַל קאָמיטעט פון פּזפּר אין אַפּריל 1949 — קען נישט בלייבן אָן איינפלוס אויף די פּאָליטישע באַציונגען און פּאָליטישע אויפגאַבן, ווי אויך אויף די

װירטשאַפֿטלעכע פּראָצעסן אין באַזונדערע לענדער פֿון אײראָפּע. די לענדער פֿון דער פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע מוזן װאַכזאַם נאָכפֿאָלגן דעם פֿאַרלױף פֿון די געשעענישן און באַריקזיכטיקן נײַע מאָמענטן אין זײער טאָג־טעגלעכער אַרבעט".

פֿון דעמלט אָן פֿילט אױס יעדע אָרדנטלעכע זיצונג פֿון דער דאָזיקער העכסטער — אין דער צײַט פֿון צװישן צװײ צוזאַמענפֿאָרן — פֿאַרטײיִשער אינסטאַנץ די ראָל פֿון אַ מעכטיקן רעפֿלעקטאָר, װאָס באַלײַכט פֿאַר דער פֿאַרטײ און פֿאַר די אַרבעטנדיקע מאַסן דעם װעג פֿון סאָציאַליסטישער בױונג און װײַזט אָן די װײַטערדיקע אױפֿגאַבן.

מיט דער פֿעריזאָן פֿון באָלעסלאַװ ביערוט — מיט זײַנע אַרױסזאָגונגען, אַרטיקלען, אָנפֿירנדיקער אַרבעט — בינדן זיך אומצערײַסבאַר אַלע קאַמפֿן פֿון פּױלישן פֿאָלק פֿאַר שלום, פֿאָרשריט און סאָציאַליזם, אַלע דערגרײכונגען אין אונדזער פֿאַרטײיִשער, װירטשאַפֿטלעכער און קולטורעלער בױונג, אַלע װיכטיקסטע באַשלוסן פֿון דער פֿאַרטײ און פֿון דער רעגירונג, װעלכע צײכענען אָן די ריכטונג פֿון װײַטערדיקן מאַרש.

אין דער פּילזײַטיקער, אױסערגעװײנלעך רײַכער טעטיקײט פֿון באָלעסלאַװ ביערוט גײט אַדורך װי אַ רױטער פֿאָדעם די זאָרג פֿאַר דער באָלשעװיסטישער געשלאָסנקײט פֿון די פֿאַרטײיִשע רײען, פֿאַר דער טרײשאַפֿט צו דער לערע פֿון לענינען און סטאַלינען און פֿאַר דעם אומאױפֿהערלעכן אױפֿהײבן דעם מאַרקסיסטיש־לענינישן באַװוסטזײַן פֿון די פֿאַרטײ־מיטגלידער, די זאָרג װעגן דעם, אַז די פֿאַרטײ זאָל װערן די אַלץ מער באַהאַװונטע אָנפֿירערין פֿון פֿאָלק אין קאַמף פֿאַרן שלום און פֿאַר דער צוקונפֿט פֿון פּױלן.

אױף דער זיצונג פֿון צענטראַל־קאָמיטעט אין אַפּריל 1949 רעפֿערירט באָלעסלאַװ ביערוט די אױפֿגאַבן פֿון דער פֿאַרטײ אין פֿאַרבינדונג מיט די פֿאַרשטאַרקטע מלחמה־אינטריגעס פֿון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. אין קאַמף פֿאַר באַהערשן די װעלט הײבן אָן די אימפּעריאַליסטן אָנצװוענדן אַלץ מער כיטרע מעטאָדן פֿון דיװערסיע, סאַבאָטאַזש און שפּיאָנאַזש, באַדראָענדיק די אומאָפּהענגיקײט פֿון די פֿרײַע פֿעלקער. דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם — דאָס איז אַ טױט־פֿײַנט פֿון דער אומאָפּהענגיקײט אױך פֿון אונדזער פֿאָטערלאַנד. באָלעסלאַװ ביערוט גיט אױספֿירלעכע אָנװײַזונגען, װי מע באַדאַרף באַקעמפֿן די אונטערגראָבערישע אַרבעט פֿון אימפּעריאַליזם.

נעמלעך: מע דאַרף פֿאַרשטאַרקן די וואַכזאַמקייט לגבי די פֿיינט פֿון פֿאָלק און „פֿעסט רעאַליזירן די ליניע פֿון דער פּאַרטיי אין דער ריכטונג פֿון איזאָלירן, אַרויסשטויסן און עלימינירן די קלאַסן־פֿיינט־לעכע עלעמענטן". מע דאַרף נישט בלויז זאָרגן וועגן וווּקס פֿון דער פּראָדוקציע, נאָר „אַבסאָלוט און אומבאַדינגט היטן די דאָזיקע פּראָדוקציע פֿון פֿיינטלעכע קלעפּ, פֿון סאַבאָטאַזשניקעס און דיווער־סאַנטן". מע דאַרף „פֿאַרשטאַרקן דעם קאַמף מיט דער פֿרעמדער אַגענטור, פֿאַרשאַרפֿן און פֿאַרפֿולקאָמען די פֿאָרמען פֿון דעם קאַמף", אָפּגעבנדיק זיך אַ רעכענונג, אַז דער פֿיינט „וועט פֿאַרשטאַרקן דעם סאַבאָטאַזש און די דיווערסיע, וועט פּרוּוון אַריינדרינגען און זיך איינאָרדענען אין אונדזער מלוכהשן און ווירטשאַפֿטלעכן אַפּאַראַט אויף זיינע סאַמע פֿילבאַרסטע ערטער". מע דאַרף מער אַכט וויד־מען די פֿראַגן פֿון פֿאַרטיידיקונג פֿון אונדזער לאַנד, דעם פּראָבלעם פֿון פֿיזישער דערציִונג פֿון דער יוגנט. מע דאַרף אויף דער פּלאַט־פֿאָרם פֿון קאַמף פֿאַר דער פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון שלום אויסברייטערן דעם פֿאַרנעם פֿון אונדזער באַווירקונג אויף די ברייטסטע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג. מע דאַרף פֿאַרפֿעסטיקן און פֿאַרטיפֿן אין די ברייטסטע מאַסן די ברידערלעכע פֿריינדשאַפֿט מיטן ראַטנפֿאַרבאַנד און ווי צום ברייטסטן פּאָפּולאַריזירן די באַדייטונג פֿון דעם דאָזיקן בונד און פֿריינדשאַפֿט מיטן ראַטנפֿאַרבאַנד פֿאַר דער זאַך פֿון פֿאַר־פֿעסטיקן דעם שלום, פֿאַר אונדזער זיכערקייט און פֿאַר דער אַנטוויק־לונג און אומאָפּהענגיקייט פֿון פּוילן".

שטיצנדיק זיך אויף זיכערע פֿאַקטן, ווייזט אָן באָלעסלאַוו ביע־רוט אויף דער שענדלעכער ראָל פֿון די מיקאָלאַיטשיקס, זאַרעמבעס, ביעלעצקיס, מאַצקיעוויטשעס און אַנדערע עמיגראַנטישע משרתים פֿון אימפּעריאַליזם, וועלכע האָבן פֿאַראַטן דאָס פֿאָלק און זענען אײַ־בערגעגאַנגען אויף דינסט פֿון אימפּעריאַליסטישן קאָסמאָפּאָליטיזם. „אָדער מיר וועלן זיין די עקספּאָזיטור פֿון אַמעריקע, אָדער גאָרנישט" — חזרן איבער מאַצקיעוויטשעס ווערטער אַלע פֿאַרעטער פֿון פֿאָלק.

„די אַלע געשפּענסטיקע אויסגעקראָכענע לייבן, היענעס און קראָקאָדילן — זאָגט ביערוט — וועלכע האָבן געשראָקן פּוילן אין משך פֿון צוואַנציק יאָר, עסן היינט געהאָרכזאַם פֿאַר אַ פּאָר דאָלאַר פֿון די הענט פֿון ערשטן בעסטן פּראָווינציעלן אַמעריקאַנער שפּיאָן און שפּרינגען לויט זיינע אָנווייזונגען." דאָס איז די „געמיינע פּאָליטי־שע אָפּפֿאַלעכץ", וואָס האָט זיך פֿאַרקויפֿט דעם אַמעריקאַנער אימ־פּעריאַליזם און פֿירט אויס אויף זיין באַפֿעל און פֿאַר זיין געלט

שפיאָנאַזש־ און דיווערסיע־אַקטן אין אונדזער לאַנד, באַמיִענדיק זיך אָנטקעגנצווווירקן דער וואַקסנדיקער בויונג פון די פונדאַמענטן פון סאָציאַליזם. מיט דעם ציל ווערן אויך באַניִט אין לאַנדאָנער עמי־גראַנטישן צענטער פון פאַרעטער די באַנקראָטירטע טעאָריעס פון דער סאַנאַציע און ענדעציע, פון די סאָציאַליסטן און פסידאָ־לודאָווצעס, פון די כאַדעקעס און וואַטיקאַן, ווערן געמאַכט פרוון אויסצובריִטערן דעם פיינטלעכן קאָסמאָפּאָליטיזם, אַריינדרינגען אין די דעמאָקראַטישע פּאַרטייען פון לאַנד.

„און די דאָזיקע פרוון — זאָגט באָלעסלאַוו ביערוט — טאָרן מיר נישט גרינגשעצן אַזוי לאַנג, ווי די נישט אויסגעקאַרטשעוועטע פלאַסטן פון פרעמדער און פיינטלעכער אידעאָלאָגיע שווערן נאָך אויף דעם קליינבירגערטום, שווערן נאָך אויף שטאַרק אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער־גרופּן, אַזוי לאַנג ווי די פיינטלעכע אידעאָלאָגיע וועט נאָך אַלץ באַוויַיזן צו פאַרטשאַדען די מוחות פון אַ באַשטימטער צאָל יוגנט פון די קליינבירגערלעכע קרייזן...”

פונדאַנען וויכטיקע אויפגאַבן, וועגן וועלכע מע דאַרף שטענדיק געדענקען.

„אונדזער פּאַרטיי — פאָרמולירט די דאָזיקע אויפגאַבן באָלעסלאַוו ביערוט — שטעלט אַנטקעגן דעם קאָסמאָפּאָליטיזם און נאַציאָנאַליזם דעם עכטן פּאַטריאָטיזם און פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם. אין דעם ליכט באַקומט אַ באַזונדערע באַדייטונג די קריטישע באַאַרבעטונג פון אונדזער קולטור־ירושה, די אַנטפּלעקונג און פּאָפּולאַריזירונג פון דעם גאַנצן רייכטום פון אונדזער נאַציאָנאַלן פאַרמעגן, פון אונדזער צושטייער דער אַלמענטשלעכער קולטור, פון אונדזערע רעוואָלוציאָנערע קאַמפן און אונדזערע גייסטע דערגרייכונגען.

די אידעאָלאָגיע פון סוווערעניטעט און סאָציאַליסטישן פאָלקס־פּאַטריאָטיזם, וועלכער באַזירט זיך אויף פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, פירט צו דער מאַקסימאַלער אַנטוויקלונג פון די שעפערישע כוחות, צו דער פּאָפּולאַריזירונג און דעם פאַנאַנדערבלי פון דער נאַציאָנאַלער קולטור, צו דער אַלזייטיקער אַנטוויקלונג פון אַלע שעפערישע כוחות פון פאָלק. אין דער דאָזיקער קעגנשטעלונג איז אַנטהאַלטן דער עיקר פון אידעאָלאָגישן קאַמף פאַר שלום קעגן דער אימפּעריאַליסטישער פאַרבאַפערישקייט און אַגרעסיע”.

אין נאָוועמבער 1949 נעמט זיך נאָכאַמאָל צונויף דער פּלענום פון צ. ק., כדי צו מאַכן אויספירן פון די געשעענישן פון פאַרגאַנגע־

נעם האַלב־יאָר און ווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון דער פאַרטיי אויף דער נויטווענדיקייט צו פאַרשטאַרקן די רעוואָלוציאָנערע וואַכזאַמקייט. די נייע אויפגאַבן זענען אַ פאָרזעצונג און ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די ריכטליניעס, וועלכע עס האָט אַנטהאַלטן אין אַן עמבריאָנעלער פאָרם די רעדע פון באָלעסלאַוו ביערוט אויף דעם אַפּריל־פּלענום. וואָס האָט באַוויגן דעם צענטראַל־קאָמיטעט צו שטעלן די דאָזיקע אויפגאַבן אויף אַ ברייטערער פּלאַן?

דער פּראָצעס פון פאָלקס־פאַרעטער ראַיק אין אונגאַרן האָט אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט די גאַנצע עקלדיקייט פון די דיווערסיע־מעטאָדן, וועלכע ווערן אָנגעווענדט דורך די אַמעריקאַנער און ענגלישע אימפּעריאַליסטן אין קאַמף קעגן די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער. די דיווערסאַנטן פון ראַיקס גרופּע, וועלכע האָבן געשטרעבט אומצוּוואַרפן די פאָלקס־מאַכט אין אונגאַרן, האָבן געהאַנדלט אין פאַרבינדונג און אויפן באַפעל פון דער שפּיאָנאַזש־פּראָוואָקאַטאָרישער טיטאָ־קליקע אין בעלגראַד, צוזאַמען מיט וועלכער זיי האָבן פאָרגעשטעלט אַן אָפּצווייגונג פון אַ דיווערסיע־אַרבעט פון אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם, פּלאַנירט אין אַ גרויסן פאַרנעם. אַ דאַנק דער וואַכזאַמקייט פון דער אָנפירנדיקער פאַרטיי פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי פון ספּס"ר, איז שוין פריער געוואָרן דעמאַסקירט די אַגענטוראַל פון טיטאָס פאַרבינדעטע פון אימפּעריאַליזם, די פיינט פון דער דעמאָקראַטיע און פאַרעטער פון אייגענעם פאָלק — די וואַכזאַמקייט פון די אונגאַרישע חברים האָבן דאָס מאָל געמאַכט אומשעדלעך די אַנטיפאָלקישע פאַרשווערונג פון דער ראַיק־גרופּע. עס וועלן זיך נישט איינגעבן די פאַרעטערישע פּלענער פון אימפּעריאַליזם. געניסנדיק פון די רייכע דערפאַרונגען פון ראַטנפאַרבאַנד אין קאַמף מיט די פיל אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים, וועלן די קאָמוניסטישע און אַרבעטער־פּאַרטייען וואַכזאַם אָפּהיטן די אומאָפּהענגיקייט פון זייערע לענדער און די דערגרייכונגען פון זייערע פעלקער קעגן די פאַרשווערונגען פון אימפּעריאַליזם.

אויף דער טריבונע אין זאַל פון מלוכה־ראַט, ווי עס קומט פאָר די נאָוועמבער־זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט, שטייט באָלעסלאַוו ביערוט. צום דריטן מאָל, אָנהייבנדיק פון די זיצונגען פון צ.ק. פּפּר אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע, טרעט ער אַרויס פאַר די אָנפירנדיקע פאַרטיי־אינסטאַנצן אין פאַרטיידיקונג פון דער ליניע פון פאַ-

ליטישער און אידעאָלאָגישער ריינקייט פון דער פּאַרטיי קעגן די רעכט-נאַציאָנאַליסטישע אָפּנייגלער מיט גאָמולקאָן אין דער שפּיץ.

דאָס יאָר, וואָס איז כמעט פאַריבער פון דעם קאָנגרעס פון פּוזפּ, האָט אויפגעדעקט אַ סך שטראָפבאַרע פאַקטן, וועלכע זאָגן עדות וועגן אַ לאַנגיעריקער אַנטיפּאַרטייאישער און אַנטיפאָלקישער אַרבעט פון דער גרופּע. אַזוי אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע, ווי אין די ערשטע יאָרן פון פאָלקס-פּוילן, האָבן גאָמולקאָ מיט ספּיכאַל-סקין פּאַוואָרייזירט שפּיצלעס, „דוואָיקאַזשעס" און אָפיצירן פון פאַר-מלחמהדיקן אויסשפּיר, און — קעגן די באַשלוסן פון דער פּאַרטיי — זיי רעקאָמענדירט אויף הויכע שטעלעס. אַ סך שאָדנס, וועלכע לאָזן זיך נישט פאַרגיטיקן, האָבן זיי אַזוי אַרום גורם געווען דעם אַרבעטער-קלאַס און דעם גאַנצן פאָלק.

באָלעסלאַוו ביערוט גיט אַ גאַנצע ריי קאָנקרעטע ביישפּילן, וועלכע באַשטעטיקן, אַז די „דוואָיקאַרסקע" דיווערסיע-עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך אַריינבאַקומען אין פאַראַנטוואָרטלעכע רינגען פון דער אונטערערדישער באַוועגונג, האָבן אויסגעגעבן אין די הענט פון געסטאַפּאָ, מיטן ווייסן און אויפן באַפעל פון דער לאָנדאָנער דעלעגאַטור, אָנפירנדיקע טוער פון דער אַנטיהיטלערישער באַפריי-אונגס-באַוועגונג. און נאָך דער אָקופּאַציע? אויפן נאָוועמבער-פּלע-נום פון 1949 האָט ביערוט געזאָגט: „די אַלטע קאַדרען פון געניטע סאַנאַציע-„דוואָיקאַזשעס", אינפאָרמאַטאָרן, קאָנפידענטן און שפּיצ-לעס פון דער באַרימטער דעפענסיווע זענען נישט בלויז נישט גע-וואָרן אַרויסגעשליי־ערט איבערן באָרט פון אונדזער געזעלשאַפט-לעך לעבן, נאָר זיי זענען זיך צעקראָכן ברייט איבערן לאַנד און זיך אַפילו אייפריק באַזאָרגט מיט לעגיטימאַציעס פון דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, נישט אויסגעשלאָסן צום באַדויערן אונדזער פּאַר-טיי...".

וועגן דער שפּיאָנאַזש-און דיווערסיע-אַרבעט פון די טאַטאַרס, קירכמייערס, הערמאַנס קעגן דער פאָלקס-מאַכט, קעגן דער אומאָפּ-הענגיקייט פון אונדזער פאָטערלאַנד, אויסגעפירט אין פאַרשטענ-דיקונג און אויפן באַפעל פון אַמעריקאַניש-ענגלישן אויסשפּיר, האָבן זיי אַליין אונדז דערציילט נישט לאַנג צוריק אין וואַרשעווער גע-ריכט. פון דעם פאָלקס-געריכט האָבן זיי אויך באַקומען די פאַר-דינטע שטראָף פאַרן פאַראַטן דאָס פאָלק. אָבער טאַקע צוליב דער פּראָטעקציע פון דער רעכטער גרופּע האָבן זיי, ווי אויך פיל אַנדערע פּראָוואָקאַטאָרן, פאַרבונדענע מיט דער אַנטיפּאַרטייאישער גרופּע

פון גאָמולקאָן, געקאָנט פירן אין משך פון אַ סך יאָרן אַ שפּיאָנאַזש־און דיווערסיע־אַרבעט לטובֿת דעם אימפּעריאַליזם און צום שאָדן פון פּוילישן פאָלק. היינט איז שוין פולשטענדיק קלאָר, אַז די צוויי־פּנימ־דיקייט, דאָס מאַסקירן זיך פאַר דער פּאַרטיי, דער אָפּאָרטוניזם, די פיינטשאַפט לגבי דעם ראַטנפאַרבאַנד און דער סאָציאַליסטישער בוי־אונג אין אונדזער לאַנד — אָט דאָס איז דער הינטערגרונט, וועל־כער האָט פאַראייניקט גאָמולקאָן און ספּיכאַלסקין מיט די אַגענ־טורן פון אימפּעריאַליזם אין בעלגראַד און בודאַפּעשט און זיי באַ־וויגן צו פאַרמיסטיקן דעם מלוכה־אַפּאַראַט פון פאָלקס־פּוילן, אָפּ־שוואַכן די אָנפירנדיקע ראָל פון דער פּאַרטיי און קעגנווירקן דער סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונג פון לאַנד אין אָנשפּאַר אויף דער הילף און פריינדשאַפט פון ראַטנפאַרבאַנד.

„פון דעם ביישפּיל אין יוגאָסלאַוויע — האָט געזאָגט ביערוט אויפן פּלענום — דרינגט די נויטווענדיקייט צו פאַרגרעסערן די וואַכ־זאַמקייט לגבי די פּראָוואָקאַטאָרישע מאַנעווערן און דיווערסיע־אַק־ציעס פון אימפּעריאַליזם אַזוי אויפן אינטערנאַציאָנאַלן געביט, ווי אין דער אינערלעכער פּאָליטיק פון די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענ־דער. עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז די פּראָוואָקאַציע און טיף פאַרקאָנספּירירטע פאַרשווערונג פון די אימפּעריאַליסטישע אַגענ־טורן זענען היינט געוואָרן איינע פון די הויפּט־מיטלען פון פיינט אין זיין שטרעבונג אומצוואַרפן די פאָלקס־מאַכט. דעריבער איז די צוויי־פּנימדיקייט און דאָס פערפידע מאַסקירן זיך פאַר דער פּאַרטיי געוואָרן אַזאַ אָפּטער מעטאָד פון שונא".

באָלעסלאַוו ביערוט האָט אַוועקגעשטעלט פאַר דער גאַנצער פּאַר־טיי די אויפגאַבע אָפּצורייניקן אַלע ריינגען פון מלוכה־אַפּאַראַט פון שונאים און צבֿועקעס, באַזייטיקן די פרעמדע עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך אַריינגעגליטשט אין דער פּאַרטיי און אין די דעמאָקראַ־טישע אָרגאַניזאַציעס, צואייגענען זיך די באָלשעוויסטישע קענט־שאַפט אַוועקצושטעלן די געהעריקע מענטשן אויף די שליסל־פּאָ־זיציעס און צו דערקענען דעם שונא נישט געקוקט דערויף, הינטער וואָס פאַר אַ מאַסקע ער באַהאַלט אוים זיין פאַרעטעריש געזיכט.

אויף וואָס פאַר אַן אופן קאָן מען זיך אויסלערנען די דאָזיקע קענטעניש — פרעגט באָלעסלאַוו ביערוט און ער ענטפערט:

„דער איינציקער אופן איז אויפצוהייבן די גאַנצע אונדזערע פּאַר־טייאישע אַרבעט אין אַלע אירע ריינגען פון אויבן ביז אַראָפּ אויף אַ העכערן פּאָליטישן ניוואָ, דורכצופירן אַ דעצידירטן איבערבראָך אין

די ביז־איצטיקע מעטאָדן פון דער דאָזיקער אַרבעט, אויף וועלכע עס שווערט די ירושה פון אָפּאָרטוניסטישע געוווינהייטן. דער איינציקער אופן איז צוזאַיילן דעם טעמפּ פון דערציִען און אויסבילדן אונדזער פּאַרטייאישע, אַדמיניסטראַטיווע און ווירטשאַפטלעכע קאַדרען דורך הייבן זייער פּאָליטיש וויסן און אידעאָלאָגישע אויסגעהאַלטנקייט. די פּאָליטיש־אידעאָלאָגישע דערציִונג דאַרף ווערן אַ וויכטיקע שלאַג־אָפּגאַבע פון דער גאַנצער פּאַרטיי און פון איר יעדן מיטגליד".

אונטער דער אָנפירונג פון באָלעסלאַוו ביערוט האָט די פּאַרטיי, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף די ריכטליניעס פון נאָוועמבער־פּלענום, געמאַכט אַ נייעם ריזיקן שריט פאָרויס אויף דעם געביט פון פאַרשטאַרקן אירע רייען, אויפן געביט פון פאַרשטאַרקן די פּאָלקס־מאַכט. די אויסרעכענונגען פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם אויפצורייסן פון אינעווייניק די געאייניקטקייט פון פּאָלקס־פּוילן מיט דער הילף פון שפּיאָנאַזש־אַגענטורן און דיווערסאַנטן זענען פולשטענדיק דורכגעפאַלן. די פאַרגרעסערטע וואַכזאַמקייט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן האָט מיט דערפאָלג פּאַראַליזירט און אומשעדלעך געמאַכט די דערשיינונגען פון פיינטלעכער טעטיקייט.

אויף דער נעכסטער פּלענאַרער זיצונג פון צ. ק. אין מאַי 1950 האָט באָלעסלאַוו ביערוט פעסטגעשטעלט:

„די דערפאַרונג האָט באַוויזן, אַז דאָס פאַרגרעסערן די וואַכזאַמקייט און אַקטיווקייט פון אַלע פאַקטאָרן, און פאַר אַלעמען פון די אַרבעטער־קאָלעקטיוון, פירט צום אויפדעקן די שונאים, וועלכע זענען אָנגעשיקט דורך פרעמדע שפּיאָנאַזש־אַגענטורן און לויערן אויף די דערגרייכונגען און אויף דער זיכערקייט פון אַרבעטנדיקן פּאָלק און פון אונדזער פּאָלקס־מלוכה. דאָס זעלבע האָט אַ שייכות צו די שפּיאָנאַזש־נעצן און לאַנגכוואַליקער דיווערסיע, וועלכע באַמיט זיך איינצונעסטן אין פאַרשידענע רינגען פון אונדזער מלוכהשן און ווירטשאַפטלעכן אַפּאַראַט."

די ברייטע שיכטן פון פּאָלק האָבן זיך באַהאַפטן אַלץ שטאַרקער אַרום דער ריכטיקער פּאָליטישער ליניע פון דער פּאַרטיי, עס איז געוואַקסן די אַקטיווקייט פון די מאַסן אין קאַמף מיטן קלאַסן־שונא, אין קאַמף פאַר איבערברעכן די שוועריקייטן, וועלכע זענען צוזאַמען מיט די ווייטערדיקע פאָרטשריטן אויפגעקומען פאַרן לאַנד אויף דעם וועג פון דער סאָציאַליסטישער בויונג.

איינע פון די וויכטיקסטע שוועריקייטן — איז דאָס פעלן פון קאַדרען, דאָס פעלן פון דער געהעריקער צאָל אויסקוואַליפיצירטע אַרבעטער, די נישט־גענוגנדיקע נאָך קענטשאַפט פון די אָנפירער פון אונדזערע אינסטיטוציעס אויסצוגעפינען און אַרויסרוקן פעיקע מענטשן, אָפשטאַמיקע פון אַרבעטער־קלאַס. באָלעסלאַוו ביערוט זאָגט כסדר וועגן דער דערציונג פון נייע אַרבעטער־קאַדרען, וועגן ברייטער אַריינציען אין דער פּראָדוקציע פרויען און יוגנט, וועגן שנעלער מאַכן אַ וועג פאַר די אַרבעטער און פּויערים צו אַלע שטע־לעס אין דער פאָלקס־מלוכה.

„די סיטואַציע איז שוין רייף געוואָרן אויך דערצו — זאָגט באָלעסלאַוו ביערוט אויף דער זעלבער זיצונג — אַז אויפן געביט פון אַרויסרוקן אויף אָנפירנדיקע שטעלעס זאָל שוין געמאַכט ווערן אַ טריט פאָרויס. ביז איצט האָבן מיר אַרויסגערוקט אַרבעטער אויף שטעלעס אַזש ביז דירעקטאָרן פון אונטערנעמונגען איינשליסלעך. אויב עס גייט אין אַרויסרוקן אַרבעטער אויף שטעלעס פון אַ העכע־רער מדרגה, האָט עס געהאַט אַן אָרט בלויז אין איינציקע פאַלן. אין דער צייט, ווען עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז פיל אַר־בעטער, ביי אַ ריכטיקן אָפּקלייב און פריערדיקער אויסבילדונג, וואָלטן מיט דערפאָלג געקענט פאַרנעמען אַ גאַנצע ריי אָנפירנדיקע שטעלעס אין די פאַרבאַנדן, צענטראַלע פאַרוואַלטונגען און אינס־טיטוציעס".

כדי צו שטילן די וואַקסנדיקע באַדערפענישן פון דער פּאַרטיי, פון דער מלוכה־אַדמיניסטראַציע און פון אַלע געביטן פון דער פאָלקס וווירטשאַפט, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי באַ־אַרבעט אונטער דער אָנפירונג פון באָלעסלאַוו ביערוט אַ גענויעם פּלאַן פון אַ ברייטער שולונג פון נייע קאַדרען און פון אַ שנעלער אַוואַנסירונג — דורך צולערנען און טעגלעכער זאָרגפולער הילף — פון די סאַמע פעיקסטע יחידים פון אַרבעטנדיקן פאָלק. „לאָמיר זיך לערנען — זאָגט באָלעסלאַוו ביערוט ביים סוף פון זיין אויסשעפּנ־דיקן רעפעראַט אויפן 5־טן פּלענום פון צ. ק. פון פּזפּר אין מאַי 1950 — פאַרמירן און דערציען די דאָזיקע קאַדרען אין פּראָצעס פון דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט, אַרויסבאַקומען נייע טאַלאַנטן און נייע שעפערישע כוחות פון אָפּפרישנדיקן און אומאויסשעפּלעכן קוואַל — פון דער טיף פון די פאָלקס־מאַסן. לאָמיר געדענקען, אַז אונדזער פּאַרטיי און אונדזער מלוכה פאַרשטאַרקן זייערע כוחות אַ דאַנק דעם אומצעררייסבאַרן בונד מיט די אַרבעטנדיקע מאַסן".

צוזאַמען מיט די אַרבעטנדיקע מאַסן, און אין זייער שפּיץ פּאַרווירקלעכט די פּאַרטיי אונטער דער אָנפירונג פון באָלעסלאַוו ביערוט די ריזיקסטע פּלענער פון איבערבויען דאָס לאַנד. מיר האָבן שוין פונלאַנג אויסגעפירט די אויפגאַבן, וועלכע זענען געווען אָנגעצייכנט אין ווירטשאַפטלעכן דריי־יאָר־פּלאַן. שוין אין נאָוועמבער 1949 האָט באָלעסלאַוו ביערוט געקאָנט מעלדן אין זיין רעדע אויף דער זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט די פרייידיקע ידיעה וועגן פּאַרטערמיניקן פאַרענדיקן פון דריי־יאָר־פּלאַן. אין רעזולטאַט דערפון איז שטאַרק אויסגעוואַקסן די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע, באַדייטנד איבערשטייגנדיק דעם פּאַרמלחמהדיקן ניוואָ, עס איז אויסגעוואַקסן דער אַנטייל פון דער שווער־אינדוסטרי אין דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע, שאַפנדיק די באַזע פאַר דער ווייטערדיקער ברייטער אינדוסטריאַליזירונג פון לאַנד. עס האָט זיך געענדערט גרינטלעך די קלאַסן־סטרוקטור פון דער באַפעלקערונג, ס'איז באַדייטנד געשטיגן דער לעבנס־ניוואָ פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, אַריבערשטייגנדיק דעם פּאַרמלחמהדיקן ניוואָ. פּוילן איז פעסט אַרויף אויפן וועג פון סאָציאַליסטישער בוייונג.

די דאָזיקע ריזיקע דערפאָלגן זענען געווען מעגלעך אַ דאַנק דער ברייטער אַנטוויקלונג פון אַרבעטס־געווענט און דעם וווקס פון פּראָדוקטיוויקייט, אַ דאַנק דעם אָנווענדן אין אַלץ גרעסערן פאַרנעם די פּרינציפּן פון שפּאָרזאַמקייט אין דער פּראָדוקציע, אַ דאַנק דער ראַציאָנאַליזאַציע פון אַרבעט און דערפינדערישקייט, אַ דאַנק דעם, וואָס די אַרבעטער־מאַסן אונטער דער פעסטער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי מיט באָלעסלאַוו ביערוטן אין דער שפּיץ האָבן געבראָכן דעם ווידערשטאַנד פון דעם קלאַסן־פיינט, באַזיגט די אָנגעטראָפענע שוועריקייטן און ענגער געמאַכט די ברידערלעכע אייניקייט מיטן ראַטנפאַרבאַנד און פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער אין שוץ פון שלום און פון דער אומאָפּהענגיקייט פון לאַנד קעגן די פּרוּוון פון אימפּעריאַליזם. אויפן גרונט פון די דערגרייכונגען פון דריי־יאָר־פּלאַן האָט דאָס פאָלקס־פּוילן געקאָנט זיך אָנצייכענען אין זעקסיאָר־פּלאַן נאָך דרייסטערע צילן פון אויפבויען די פונדאַמענטן פון סאָציאַליזם, די פונדאַמענטן פון אַ גליקלעך לעבן פון פאָלק.

די אויספירונג פון דעם דאָזיקן פּלאַן וועט אויפהייבן די שעפערישע כוחות פון אונדזער פאָלקס־מלוכה אויף אַן אויסערגעוויינלעך הויכן ניוואָ און וועט פאַרוואַנדלען פּוילן אין איינס פון די צומערסטן אינדוסטריעלע לענדער אין אייראָפּע. די דאָזיקע אַנט־

וויקלונג וועט פאַרשטאַרקן אונדזער שוץ־קראַפט און אומאָפּהענ־
גיקייט. פּוילן וועט ווערן נאָך אַ שטאַרקערער רינג פון דעם וועלט־
לאַגער פון שלום. דאָס פאָדערט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן גרויסע
אָנשטרענגונגען אין קאַמף פאַר פאַרגרעסערן די אַרבעטס־פּראָדוק־
טיווקייט און פאַרקלענערן די קאָסטן פון דער פּראָדוקציע, עס פאָ־
דערט אויסדויער אינעם באַזיגן אַלע שוועריקייטן, וועלכע באַגלייטן
אַזאַ שפּעדיקע אַנטוויקלונג פון לאַנד.

„פאַרווירקלעכנדיק אין לעבן אונדזער זעקסיאָר־פּלאַן — האָט
באָלעסלאַוו ביערוט געזאָגט אין זיין סוף־רעדע, וועלכע ער האָט
געהאַלטן אויף דער פּלענאַרער זיצונג פון צ. ק. פון פּזפּר אין יולי
1950 — בויענדיק די פונדאַמענטן פון סאָציאַליסטישן פּוילן, פירן
מיר אויס די צוואה און פאַרווירקלעכן די חלומות פון גאַנצע דורות
פּאָליאַקן־רעוואָלוציאָנערן, פּאָליאַקן־קעמפער פאַר פרייהייט און סאָ־
ציאַלער גערעכטיקייט — די בעסטע זין פון פּוילישן פאָלק, וועלכע
זענען אומגעקומען אויף די שיפּועים פון ציטאַדעל, אויף די באַרי־
קאַדן פון די פּוילישע שטעט, אין די קאַמפן מיטן פּוילישן פאַשיזם,
אין די שלאַכטן מיט דעם היטלעריסטישן איבערפאַלער, אין די צו־
זאַמענשטויסן מיט דער פאַשיסטישער אונטערערד און אימפּעריאַ־
ליסטישער אַגענטור...“

באָלעסלאַוו ביערוט זאָרגט דערפאַר, אַז צוזאַמען מיט דער אַל־
געמיינער אַנטוויקלונג פון פאָטערלאַנד זאָל אויך גיין האַנט ביי האַנט
די שנעלע אַנטוויקלונג פון דער הויפּטשטאָט פון לאַנד. ער פאַרגעסט
קיינמאָל נישט דעם צוזאָג, וועלכן ער האָט אין נאָמען פון דער
פאָלקס־רעגירונג געגעבן די איינוווינער פון וואַרשע אין יאָר 1945.
אונטער זיין אוממיטלבאַרער אָנפירונג איז געוואָרן באַאַרבעט דער
פּלאַן פון איבערבויען די הויפּטשטאָט, וועלכער טוט אָן רעאַלע גע־
שטאַלטן פון מעכטיקע געביידעס, גאַסן און פּלעצער, גערטנער און
פאַבריקן. בויען דאַרף מען נישט בלויז שנעל און דויערהאַפט, נאָר
די נייע געביידעס און פּלעצער פון דער סאָציאַליסטישער הויפּט־
שטאָט דאַרפן זיך אויסצייכענען מיט זייער שיינקייט, באַזירט אויף
אונדזערע נאַציאָנאַלע טראַדיציעס. פון דער איניציאַטיוו פון ביערוטן
האָבן זיך נישט איינמאָל צונויפגענומען די אָנפירנדיקע אַרכיטעקטן
פון לאַנד, באַראַטנדיק זיך וועגן דעם, ווי צו פאַרווירקלעכן די דאָזי־
קע אויפגאַבן. באָלעסלאַוו ביערוט העלפט זיי, גלייכט אויס פעלער־
האַפטע אָנשווינגען און ווייזט אָן דעם וועג... עס דויערט, פאַר־

שטאַרקט זיך און ווערט מעכטיקער די באַוועגונג פון וואַרשע, די גאַנצע באַוועגונג פון פאָלקס-פוילן.

באָלעסלאַוו ביערוט קלערט אויף אומאויפהערלעך די אַרבעטנדיקע מאַסן ווי גרויס און אַלזייטיק עס איז די הילף, וואָס פוילן באַקומט פונעם ראַטנפאַרבאַנד, וואָס פאַר אַן אומבאַזיגבאַרע קראַפט עס ווערט דער גאַנצער וועלט-לאַגער פון שלום און פראָגרעס, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך דער געניטער האַנט פון גרויסן פירער פון די פעלקער, דורכן חבר סטאַלין. „די פריינדשאַפט, דער ביישפיל און די הילף פון ראַטנפאַרבאַנד — דאָס איז דער קוואַל פון אונדזערע דערפאָלגן" — זאָגט באָלעסלאַוו ביערוט אין יאָר 1949. און פון דעם מאָמענט ווערט דער דאָזיקער אַרויסזאָג דער פאָפולערסטער לאָזונג אין פאָלקס-פוילן, אַ לאָזונג, וואָס רעגט אָן די אַרבעטער, די אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ, די פויערים און יוגנט צו געדולדיקער מי פאַרן גוטס פון פאָטערלאַנד, צו גובר זיין זיגרייך שוועריקייטן, צו נעמען אַ ביישפיל פון די פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד און שליסן מיט זיי פריינדשאַפט.

אין דעצעמבער 1949 האָט די פראָגרעסיווע מענטשהייט געפייערט דעם זיבעציקסטן געבוירן-טאָג פון גרויסן סטאַלין. פון אַלע עקן וועלט זענען אָנגעקומען קיין מאָסקווע מתנות, באַגריסונגען און ווונטשן פון מיליאָנען פשוטע מענטשן, פאַר וועלכע דער נאָמען סטאַלין איז געוואָרן אַ פאָן פון באַפרייונג פון די קייטן פון אימפעריאַליזם און אַ סימבאָל פון אַ בעסערן מאָרגן. אין געמיינזאַמער באַגייסטערונג מיט די פעלקער פון פסרר, פאָלקס-דעמאָקראַטישע לענדער און די אַרבעטנדיקע מאַסן פון דער גאַנצער וועלט האָט אויך דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק פון פוילן אויסגעדריקט זיין טיפע צוגעבונדנקייט צום ראַטנפאַרבאַנד, צו סטאַלינען. דאָס פאָליטישע ביוראָ פון צ. ק. פון פזפר האָט אָנגענומען אַ ספּעציעלן באַשלוס אין דער פראַגע פון פייערן דעם זיבעציק-יעריקן געבוירן-טאָג פון סטאַלינען און געשאַפן אַן אַל-לאַנדישן פייערונגס-קאָמיטעט אונטער דעם פאָרזיץ פון באָלעסלאַוו ביערוט.

אין אַ פאַרטיפטן אַרטיקל וועגן דעם לעבנס-וועג פון זיגרייכן פירער פון דער נייער עפּאָכע, וועלכער איז געווען פאַרעפנטלעכט אין „נאָווע דראָגי", באַקענט ביערוט די ברייטסטע שיכטן פון דער פוילישער באַפעלקערונג מיט דער הילף, וועלכע דער גרויסער אינטערנאַציאָנאַליסט סטאַלין האָט אַרויסגעוויזן אין דער צווישן-מל-

חמה־צייט דער רעוואָלוציאָנערער וועלט־באַוועגונג, אין דער צאָל אויך דער באַפרייערישער באַוועגונג אין פּוילן.

באָלעסלאַוו ביערוט שרייבט:

„די פּוילישע ארבעטער־באַוועגונג, וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן דורך דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן און אין דער צייט פון מלחמה — דורך פּפּר, האָט א סך צו פאַרדאַנקען די טיפע, זאָרגפולע עצות און דער הילף פון חבר סטאַלין. אין פּראַצעס פון איר אידעאָלאָגישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער אויסרייפונג האָט די קפּפּ, אָנפירנדיק מיטן העלדישן קאַמף פון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט, נישט אויסגעמיטן קיין ערנסטע קריזיסן אין רעזולטאַט פון די אָפּנייגונגען אין דער פּאַרטיי־אָנפירערשאַפט פון דער פּאָליטישער ליניע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. דער חבר סטאַלין האָט עטלעכע מאָל גענומען אָנטייל אין דער פּוילישער קאָמיסיע, געגרופן דורך דעם עקזעקוטיוו פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, בכדי צו לייזן די פּראָבלעמען, וועלכע זענען אָנטשטאַנען. זיינע באַמערקונגען האָבן געוויינלעך געטראָגן דעם כאַראַקטער פון פּרינציפּיעלע טעאָרעטישע אָדער אָרגאַניזאַציאָנעלע באַטראַכטונגען, זיי זענען געווען די אָנווענדונג פון דער לערע פון מאַרקסיזם־לעניניזם צו קאָנקרעטע פראַגן, וועלכע דאָס לעבן האָט אַרויסגערוקט. אַזאַ אַרט הילף האָט געהאַט א גרויסע באַדייטונג פאַר דעם אַנטוויקלען זיך פון דער פּאַרטיי אין א קעמפערישע אָרגאַניזאַציע פון נייעם טיפּ, אַזאַ, ווי ס'איז געווען די קפּפּ(ב), אין אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אָנטשלאָסן און ביז איין סוף טריי די פּרינציפּן פון מאַרקסיזם־לעניניזם”.

אין ווייטערדיקן המשך פון אַרטיקל רעדט ביערוט נאָכאַמאָל אַרום די באַציונג פון סטאַלינען צו פּוילן, פעסטשטעלנדיק, אַז פאַרן אויפלעבן פון פּוילן, ווי אויך פאַר די פאַרזיכערונג פון פּוילנס אַנטוויקלונג, קראַפט און פּאַנאַנדערבלי וועלן סטאַלינס פאַרדינסטן בלייבן אויף אייביק.

א דאַנק סטאַלינען איז דאָס אויפגעלעבטע פּוילן אין די נייע גרענעצן, אָנגעשפּאַרט אויף דער אָדער, ניסע און באַלטיק, א מלוכה־אָרגאַניזם מיט א געזונטער ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור און גרויסע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן. א דאַנק אים האָט דאָס פּוילישע פאָלק זיך באַפרייט פון די פּענטעס פון אימפּעריאַליזם, וועלכע האָבן געהאַמעוועט די אַנטוויקלונג פון פּוילן, איז געמאַכט געוואָרן א סוף צו דער אָפּהענגיקייט פון אימפּעריאַלים, וואָס איז געווען א סטאַ־

בילע דראָנג פאַר פוילנס אומאָפּהענגיקייט. איצט איז די סוווערע־ניטעט פון פוילן פאַרזיכערט.

דעריבער — שטעלט פעסט דער חבר ביערוט — איז דער חבר סטאַלין אַרומגערינגלט אין פוילן מיט אַזאַ טיפער אַכטונג און ליבע פון אַלע אַרבעטס־מענטשן, פון אַלע אויפריכטיקע פּאַטריאָטן.

עס פאַרשווונדן די פאַרדרוסן לגבי רוסלאַנד, פאַרבונדענע מיט דער צייט פון דער צאַרישער אונטערדריקונג און אונטערגעהעצטע נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע דורך די פּריצים און בורזשואַזיע, באַזונדערס דורך די פּילסודטשיקעס און זייערע פאַרברעכערישע פאַשיסטישע רעגירונגען. היינט איז די סאָציאַליסטישע קולטור פון די סאָוויעטישע פעלקער, און פאַר אַלעמען פון רוסישן פאָלק, אַ סטימול פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער פוילישער קולטור, וועלכע באַזירט זיך אויף די בעסטע טראַדיציעס פון פּוילישן פאָלק.

אַ דאַנק אַזאַ טיפן איבערברוך, ווי אויך אַ דאַנק די פאַרגעקומענע פּאָליטישע, ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע פאַרוואַנדלונגען, האָט זיך אָנגעפאַנגען די איבערגעשטאַלטיקונג פון פּוילישן פאָלק פון אַ פּריציש־בורזשואַז פאָלק אין אַ סאָציאַליסטיש, אַ פאָלק, וואָס איז פיל מער געאייניקט ווי פריער, פיל מער עלאַסטיש, שעפעריש צוליב דעם ליקווידירן פון די קלאַסן־קעגנזאַצן — אַ פאָלק וואָס שאַפט אַ רעפּובליק אַ מער אַלגעמיינע און מער פּראַכטפולע ווי ווען עס איז אין זיין געשיכטע".

דער וואַלד פון רושטאָוואַניעס, וועלכער האָט באַדעקט די פּויל־ישע ערד אין דער ברייט און אין דער לענג, איז געוואָרן דער אויסערלעכער אויסדרוק פון די גרונטיקע ענדערונגען, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין ווירטשאַפטלעך־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון פוילן, ענדערונגען אויסגעקאָוועטע דורך דעם מעכטיקן ווילן פון פוילישן פאָלק אונטער דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי מיט באָלעסלאַוו ביערוטן אין דער שפּיץ — ביי דער כסדרדיקער באַדייטנדיקער הילף פון ראַטנפאַרבאַנד און פון סטאַלינען.

X

נאָווא הוטאַ און זשעראַן. וויזווו און גאָזשווו. „קאַשציושקאָ" און „טשענסטאָכאָווא". די ליכטנדיקע ווארשע מיט אירע צוריק־אויפ־געבויטע קונסט־דענקמעלער, נייע קאַווארטאַלן און גאַסן. הונדערטער נייע פאבריקן, ישובים, שולן, קולטור־אינסטיטוציעס האַלטן ביים פאַרענדיקט ווערן, אָדער זענען אין מיט צי אין אָנהייב פון בויען. עס דויערט און שטאַרקט זיך דער עקשנותדיקער קאַמף פאַר אויפ־הייבן דאָס לאַנד פון דורות־לאַנגער אָפּגעשטאַנענקייט אויף די הייכן פון קולטור און וווילשטאַנד, דער קאַמף פאַר אַן אינדוסטריעל, לאַנדווירטשאַפטלעך, שטאַרק און סאָציאַליסטיש פוילן. עס קומען אָן די מיטרייסנדיקע יאָרן פון זעקס־יאָר־פלאַן...

שנעל ענדערט זיך דאָס אויסזען פון לאַנד — עס ענדערט זיך אויך אין פייער פון קלאַסן־קאַמף דאָס אויסזען פון דער געזעלשאַפט, וואָס הייבט אויף קרבנותפול איר ווירטשאַפט אַלץ העכער. דער קלאַס פון די קאַפּיטאַליסטן און פּריצים, וועלכער איז אין דער בור־זשואַזער אָרדענונג אַרויסגעטראָטן ווי דער זייל פון פוילן — פון בורזשואַזן פוילן — איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון אונדזער ווירט־שאַפט. ווען די אנטאַייגנטע קאַפּיטאַליסטן און פּריצים פאַרקאָכן עפּעס און מאַכן פאַרשווערונגען קעגן פאָלק, דאַן באַקומען זיי און וועלן באַקומען אַ פאַרדינטע שטראָף. זייער איינפלוס אויף דעם גורל פון פוילן האָט זיך געענדיקט אויף שטענדיק. די באַדייטונג פון דעם נאָך איבערגעבליבענעם קולאַקישן שיכט וועט אויך אַלץ קלענער ווערן אין דער מאָס, ווי עס וועט זיך אַנטוויקלען די סאָ־ציאַליסטישע בויונג. די דאָזיקע אַנטוויקלונג וועט אַלץ שטאַרקער

בינדן די קליינע פויערישע ווירטשאַפטן מיט דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט, וועט איבערצייגן די ווייניק־ערדיקע און מיטל־ערדיקע פויערים וועגן דער העכערקייט פון דער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט, צואיילנדיק די פרייוויליקע קאָלעקטיוויזירונג פון די פויערישע ווירטשאַפטן.

אונטער דער ווירקונג פון אַלע ענדערונגען, וועלכע זענען דורכגעפירט געוואָרן דורך דער פאָלקס־מאַכט, זעט אויס די פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון דער פּוילישער באַפעלקערונג אינגאַנצן אַנדערש ווי פאַר דער מלחמה. אין פאַרגלייך מיט 1938 איז דער פּראָצענט פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג אויסער דער לאַנדווירטשאַפט און וואַלדווירטשאַפט געוואַקסן מער ווי אויף צוויי און אַ האַלב מאָל. צום סוף פון יאָר 1951 איז 52 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג באַשטאַנען פון אַ באַפעלקערונג אויסער דער לאַנדווירטשאַפט. עס האָט זיך באַדייטנד פאַרגרעסערט דער אַרבעטער־קלאַס, די אָנפירנדיקע קראַפט פון פאָלק. מיט יעדער וויטערדיק יאָר פון סאָציאַליסטישער בויונג וועלן זיך נייע הונדערטער טויזנטער מענטשן איינשליסן אין שטראָם פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע, העלפנדיק איבערצוגעשטאַלטיקן די לאַנדווירטשאַפט און אויפהייבן זי אויף אַ העכערן ניוואָ. די אַרבעטער און אַרבעטנדיקע פויערים, וועלכע זענען פאַראייניקט אינעם קאַמף פאַר באַגרענעצן, אַרויסשטויסן און ליקווידירן די עלעמענטן, וועלכע לעבן פון עקספּלאָאַטאַציע, פאַרן זיג פון דער סאָציאַליסטישער בויונג, די ברייטע אַרבעטנדיקע מאַסן — זענען דער פולבאַרעכטיקטער באַלעבאָס פון לאַנד און פון זיינע רייכטימער.

ראַדיקאַל האָבן זיך פאַרבעסערט די שטייגער־באַדינגונגען פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, און זייער באַציונג צו דער אַרבעט ווערט אַ באַוווסטזיניקע, אַ סאָציאַליסטישע. דער אַלגעמיינער וווּקס פון אַרבעט־געוועט זאָגט עדות וועגן דעם, אַז די אַרבעט ווערט אַלע מאָל מער אַ זאַך פון כבוד פון יעדן אַרבעטער. „עס עקזיסטירן נאָך ביי אונדז, אמת, קלאַסן־קעגנזאַצן — שטעלט פעסט באָלעסלאַוו ביערוט — אָבער ס׳איז אַ פאַקט נישט צום פאַרלייקענען, אַז מיר האָבן זיך שוין באַדייטנדיק אַ רוק געטאָן אויפן וועג פון איבערגעשטאַלטיקן זיך אין אַ סאָציאַליסטיש פאָלק. דעריבער איז דאָס איצטיקע פּוילישע פאָלק, רעדנדיק מיט די ווערטער פון חבר סטאַלין, פיל מער אַלגעמיין־נאַציאָנאַל, איידער ווי דאָס פּוילישע פאָלק איז ווען נישט איז געווען אין דער בורזשואַזער צייט״.

יאַנואַר 1951. אין וואַרשע קומט פאָר די אָרדנטלעכע פּלענאַרע זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פּזפּר. אויף דער טאָג־אָרדענונג אַ פראַגע פון אויסערגעוויינלעכער וויכטיקייט, די פראַגע פון קאַמף פון פוילישן פאָלק פאַרן שלום און זעקסיאָר־פּלאַן.

די אימפּעריאַליסטן ברייטערן אוים אין אַ פאַרשטאַרקטן טעמפּ זייערע באַוואָפענונגען. אין קאָרעע פאַרניכטן די אַמעריקאַנער מענטשנפרעסער טאָג נאָך טאָג שטעט און דערפער, פאַרפייניקן אויף אַ באַרבאַרישן אופן דאָס העלדישע לאַנד און ווענדן אָן אַלץ ברייטער די פאַרברעכערישע מיטלען פון מאַסן־אומקום. אין אייראָפּע באַוואָפנט דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם טריזאַניק מיט דער הילף פון די היטלעריסטישע גענעראַלן און באַדראָט די פרייהייט פון פעלקער, באַדראָט די אומאָפּהענגיקייט פון פוילן, באַדראָט אונדזער פרידלעכע בויונג.

דער פּלענום פון צענטראַל־קאָמיטעט הערט אוים מיט דער גרעסטער שפּאַנונג די רעדע פון פאָרזיצער.

באָלעסלאַוו ביערוט צייכנט דעם וועג, וועלכן עס האָט דורכגעמאַכט דאָס פוילישע פאָלק אונטער דער אָנפירונג פון דער פאָלקסמאַכט, אַ העלדישן וועג פון קאַמף פאַר די יסודות פון דער נייער אָרדענונג, אַ וועג פון געשטאַלטיקן — אין דער מאָס ווי עס אַנטוויקלט זיך די סאָציאַליסטישע בויונג — נייע אייגנשאַפטן אין פאָלק, פון שטופנווייזן איבערגעשטאַלטיקן דאָס פוילישע פאָלק אין אַ סאָציאַליסטיש פאָלק. דאָס פוילישע פאָלק איז שטאָלץ מיט זיינע פּראָגרעסיווע טראַדיציעס, מיט זיינע יאָרצענדליקער פון קאַמף פאַר פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט, מיט זיינע מעכטיקע דערגרייכונגען אין דער בויונג פון אַ ניי לעבן. דאָס פאָלק וועט נישט לאָזן אַרויסרייסן פון זיך די דאָזיקע דערגרייכונגען, וועט זיך נישט אונטערגעבן די מלחמה־דראָונגען פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, דעם שונא פון דער אומאָפּהענגיקייט פון פעלקער. מער געאייניקט און געשלאָסן ווי ווען נישט איז וועט עס אַנטקעגנשטעלן די אימפּעריאַליסטישע מלחמה־אונטערצינדער דעם אַלנאַציאָנאַלן קאַמף פאַר שלום און זעקסיאָר־פּלאַן.

„פאַרשטאַרקנדיק — זאָגט באָלעסלאַוו ביערוט — דעם נאַציאָנאַלן פראָנט פון קאַמף פאַר שלום און פאַר דער רעאַליזירונג פון זעקסיאָר־פּלאַן, פאַרשטאַרקן מיר אויף דעם ווירקזאַמסטן אופן די כוחות פון פאָלק, פאַרזיכערן מיר אים די גינסטיקע באַדינגונגען פון פאַנאַנדערבלי און אָנשפּאַר אויף זיין רייכער דורותלאַנגער און רומפולער

ירושה און דורך דעם אומאויפֿהערלעכן באַרייכערן אונדזער נאַציאָנאַלן אוצר, אונדזער צושטייער צו דער אַלמענטשלעכער זאַך פֿון שלום און פּראָגרעס... אונדז גייט נישט אין קיין „היילִיקן פֿרידן", נישט אין קיין קלאַסן־אחדות, נישט אין פֿאַרטושן די קעגנזאַצן און דעם קלאַסן־קאַמף, נישט אין פֿאַרקלענערן דעם טעמפּ פֿון בויען די קלאַסנלאָזע געזעלשאַפֿט, נאָר עס גייט אין דעם, אַז מיר קעמפֿן פֿאַר שלום, מיר קעמפֿן קעגן דעם פֿאַראַנדערבינדן אַן אַגרעסיווע אימפּעריאַליסטישע מלחמה, מיר שאַפֿן אַ נאַציאָנאַלן פֿראָנט ווי אַ הויבער פֿאַר רעאַליזירן דעם זעקסיאָר־פּלאַן, וועלכער איז פֿאַר אונדזער פֿאָלק דער יסוד פֿון קאַמף פֿאַר דער פֿאַרזיכערונג פֿון אונדזער אומאָפּהענגיקייט און פֿרידלעכער אַנטוויקלונג."

דער לאָזונג פֿון נאַציאָנאַלן פֿראָנט אין קאַמף פֿאַר שלום און זעקסיאָר־פּלאַן, וועלכער איז אַרויסגערוקט געוואָרן דורך באָלעסלאַוו ביערוטן, איז מיט ענטוזיאַזם באַגריסט געוואָרן דורכן גאַנצן פּוילישן פֿאָלק און געוואָרן אַ מעכטיק געווער פֿון פֿאָלקס־פּוילן אין דעם זיך אַנטוויקלענדיקן קאַמף. דער אַלנאַציאָנאַלער פֿראָנט — דאָס איז דער פֿעסטער יסוד פֿון אַלע אונדזערע דערפֿאָלגן אין קאַמף פֿאַר שלום און אויספֿילן די פּראָדוקציע־פּלענער, פֿאַר דער ווייטערדיקער דעמאַסקירונג פֿון די פֿאָלקס־שונאים און ווייטערדיקן אַרויסשטויסן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן פֿון אונדזער ווירטשאַפֿט, פֿאַר דער פֿאַרשטאַרקונג פֿון בונד צווישן די אַרבעטער און פּויערים.

וואָס גרעסער עס זענען געווען די דערגרייכונגען פֿון דער סאָציאַליסטישער בויונג אין שטאָט, אַלץ ווייטיקלעכער האָט דאָס לאַנד דערפֿילט ווי דאָס דאָרף קאָן נישט אָניאָגן דעם טעמפּ פֿון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג.

אין די יאָרן פֿון דער פֿאָלקס־מאַכט האָט דאָס דאָרף אַ סך געווונען. די ווייניקערדיקע און מיטלערדיקע פּויערים האָבן באַקומען ערד און גענומען פֿון יעדער הילף פֿון דער מלוכה, וועלכע האָט זיי גאַראַנטירט סטאַבילע, גוטע פּרייזן אויף די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פּראָדוקטן, שכנישע הילף, ביליקע קינסטלעכע באַמיסטיקונגען און די מעגלעכקייט צו באַנוצן זיך מיט די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע מאַשינען פֿון די מלוכהשע מאַשינען־צענטערן (פּאָם). ס'איז געוואַקסן דער וווילשטאַנד און די קולטור פֿון פּוילישן דאָרף. ס'האָט אויפֿשטענדיק אויפֿגעהערט צו מאַטערן די אַרבעטנדיקע פּויערים דאָס געשפּענסט פֿון נויט, הונגער און איבערבאַפֿעלקערונג. הונדערטער טויזנטער פֿון דער פּויערישער יוגנט געפֿינט באַשעפֿטיקונג אין די

ניי־אויסגעבויטע ארבעטס־ווארשטאטן, אדער בילדעט זיך אין די שולן און העכערע לער־אנשטאלטן.

אבער די זיך פאנאנדערוואקסנדיקע שטעט און ישובים האבן געפאדערט און פאדערן צו פארגרעסערן דעם סכום פון שפייז־פראדוקטן, און די אינדוסטרי — פון רויזשטאפן. דאס דארף שטעלט נישט צו דאס אלץ אין א גענוגנדיקער מאס. שטעלט נישט צו קודם־כל דערפאר, וואס די אינדיווידועלע פויערישע ווירטשאפט איז נישט אימשטאנד אויף אירע צעברעקלטע שטיקלעך ערד באדייטנד צו פארשטארקן די פראדוקטיוויקייט פון דער לאנדווירטשאפט. שטעלט נישט צו אפט אויך דערפאר, ווייל די קולאקן־ספעקולאנטן, וועלכע באזיצן צוממיינסטן תבואה און פי, פרווון זיך ארויסדרייען פון דער פליכט צו פארקויפן דער מלוכה זייער עודף, שטרעבן צו רייסן פון דער שטאטישער באפעלקערונג העכערע פרייזן ווי די, וועלכע עס האט איינגעשטעלט די מלוכה, באמיען זיך צו ברענגען שאדן דער פאלקס־מאכט. דער לעצטער אין פוילן שיכט פון עקספלאאטאטארן פארטיידיקט זיינע פאזיציעס און באמיט זיך צו אטאקירן דעם יסוד פון דער פאלקס־מאכט, דעם בונד צווישן די ארבעטער און פויערים.

די אנפירונג פון דער פארטיי און די פאלקס־רעגירונג שענקען אלץ מער אויפמערקזאמקייט די פראגן, וועלכע זענען פארבונדן מיט די שוועריקייטן אין באזארגן די שטעט, וועלכע זענען אויפגעקומען אין דער לעצטער צייט אויף דעם גרונט פון ווירטשאפטלעכן וווקס, שענקען אלץ מער אויפמערקזאמקייט דער פראגע פון דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון פוילישן דארף.

דאס געזעץ וועגן פארפליכטנדיקן פארקויף פון תבואה, קארטאפל און פי האט געהאלפן איבערצוברעכן דעם סאבאטאזש פון די קולאקישע עלעמענטן און געשאפן נייע באדינגונגען, וועלכע זענען נויטיק פאר דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון דער לאנדווירטשאפט, פאר דער באגרענעצונג פון קולאק.

באלעסלאוו ביערוט קען אויסגעצייכנט די דארפישע פראגן, קען דאס לעבן פון פויער. אין משך פון די צענדליקער יארן פון זיין ארבעט לטובת דעם פאלק בויט ער און פארשטארקט פלייסיק דעם בונד צווישן ארבעטער און פויער. אין פוילן פון פאר סעפטעמבער — קעגן די סאנאטארישע אונטערדריקער פון פאלק. אין די יארן פון אקופאציע — קעגן דער היטלערישער קנעכטשאפט. אין די יארן פון דער פאלקס־הערשאפט — קעגן די אימפעריאליסטן און זייערע

אגנעטורן, אין פאַרטיידיקונג פון שלום, אומאָפּהענגיקייט און סאָציאַליסטישער בויונג. דער אַרבעטער- און פּויערים-בונד איז דאָך דער יסוד פון דער פאָלקס-מאַכט, די ברייטסטע באַזע פון אַלנאַציאָנאַלן פראָנט.

פון דער ערשטער מינוט פון אַנטשטיין פון דער פאָלקס-מאַכט האָט באָלעסלאַוו ביערוט אַרומגענומען מיט אומאויפהערלעכער זאָרג די אַנטוויקלונג פון אַרבעטנדיקן דאָרף, אָפּגעבנדיק זיך אַ רעכענונג פון דער ריזיקער אָפּגעשטאַנענקייט, וועלכע ס'האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך די סאַנאַציע-רעגירונג אין גאַנץ פּוילן, באַזונדערס אויפן דאָרף. ער פרייט זיך מיט יעדן פאַקט, וועלכער זאָגט עדות וועגן פאָרשריט — פאַראורטיילט שטרענג יעדע דערשיינונג פון אומגערעכטיקייט, וועלכע ווערט געטאָן דעם פּויער דורכן טעמפּן ביוראָקראַטיזם. ער פאָרשט דורכדרינגלעך די אַנקלאַגעס און שרייבט אייגנהענטיק אָן אויף די בריוו, וועלכע קומען אָן צו די אָנפירנדיקע פּאַרטייאישע און מלוכהשע מאַכט-אָרגאַנען, אָנווייזונגען, ווי אַזוי צו פאַרריכטן די עוולות, ווי צו פאַרזיכערן אַן אייזערנע געזעצלעכקייט אין דער פאָלקס-מלוכה. פון זיין איניציאַטיוו ווערט אָנגענומען דער באַשלוס וועגן באַטראַכטן אַלע טענות און אַנקלאַגעס און דערמעגלעכן יעדן בירגער צוצוקומען צו אַלע מלוכהשע און פּאַרטייאישע מאַכט-אָרגאַנען, צו אַלע אינסטיטוציעס. זיין האַנדלונג כאַראַקטעריזירט שטענדיק אַן אומאויפהערלעך די טיפע זאָרג וועגן אַלע מענטשן פון אַרבעט, וועגן יעדן אַרבעטער, אָנגעשטעלטן, פּויער.

ווי נאָך ענגער מאַכן דעם אַרבעטער און פּויערים-בונד? ווי אויפהייבן אויף אַ העכערן ניוואָ די לאַנדווירטשאַפט, אַז זי זאָל קאָנען ווערן אַ שפעדיקער קוואַל פון אַלערליי פּראָדוקטן און רוישטאָפן, וועלכע זענען נויטיק די שטעט און דער זיך אַנטוויקלענדיקער סאָציאַליסטישער אינדוסטרי פאַר דעם געמיינזאַמען ווױלזיין פון די אַרבעטער און פּויערים, פאַר דעם ווױלזיין פון גאַנצן פּוילישן פאָלק?

באָלעסלאַוו ביערוט האָט שוין נישט איינמאָל איניציאירט אַנטשפּרעכנדיקע באַשלוסן פון דער פאָלקס-רעגירונג און אין די רעדעס צו די פּויערים האָט ער אָפט אויפגעקלערט זיין פּאָליטיק.

„די אינדוסטרי אין די הענט פון די אייגענע און אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן — האָט ער געזאָגט אויף דעם אַלפּוילישן יום-טוב פון שניט אין סעפּטעמבער 1951 אין פּויזן — פאַרטיפט די נויט פון די פּויערים-מאַסן, די אינדוסטרי אין די הענט פון דער פאָלקס-רעגירונג, די סאָציאַליסטישע אינדוסטרי, ווערט אַ קוואַל פון

קראפט און וואקסנדיקן וווילשטאנד נישט בלויז פאר דעם ארבעטער־קלאס און ארבעטנדיקער אינטעליגענץ, נאר אויך פאר אלע ארבעטנדיקע פויערים, פארן גאנצן פאלק. דעריבער ליגט די ווייטערדיקע שנעלע אינדוסטריאליזירונג פון אונדזער לאנד, וועלכע פארשטארקט אונדזער זיכערקייט און אונדזער אומאפהענגיקייט, אין די אינטערעסן פון גאנצן פאלק."

אויף אונדזערע פעלדער ארבעטן שוין 25 טויזנט טראקטארן. אבער דאס אויסנוצן אין דער פולער מאס טראקטארן און לאנדווירטשאפטלעכע מאשינען, דאס אנווענדן אין ברייטערן פארנעם די נייסטע מעטאדן פון באארבעטן די ערד איז פארלייכטערט און צוטריטלעך ערשט אויף גרעסערע ערד־שטחים. אין די קאלעקטיווע פארמען פון ווירטשאפט האבן די ארבעטנדיקע פויערים איצט די מעגלעכקייט צו געניסן פון דער העכערקייט פון גרויסע ווירטשאפטן איבער קליינע. „די פאלקס־רעגירונג שאצט אפ הויך די שווערע מי פון יעדן פויער, אזוי פון דעם, וואס ארבעט אינדיווידועל, ווי קאלעקטיוו — האט באלעסלאוו ביערוט געזאגט אויף דעם יום־טוב פון שניט אין פויזן — נאר קלאר, אז ערשט די אנטוויקלונג פון די פראדוציר־קאאפעראטיוון שאפט די באדינגונגען פאר פולער און באדייטנדיקער הילף דער מלוכה אין געביט פון מעכאניזירן די לאנדווירטשאפט און פארהיינטצייטיקן די מעטאדן פון באארבעטונג".

די שנעלע אינדוסטריאליזירונג פון אונדזער לאנד און דער וווקס פון ארבעטער־קלאס, דער וווקס פון דער שטאטישער באפעלקערונג, פאדערט א הויכע פראדוקטיווקייט פון דער לאנדווירטשאפטלעכער ארבעט. דאס קאן ווערן דערגרייכט — לערנט ביערוט די פויערים — דורך א בעסער אויסנוצן די ערד און מער ראציאנעלער באארבעטונג, דורך אנווענדן דאס היינטצייטיקע לאנדווירטשאפטלעכע וויסן, קודם־כל אבער דורך פארהיינטצייטיקן די באלעבאטישקייט אין דער ווירטשאפט, דורך א ברייטערע אנטוויקלונג פון די פראדוציר־קאאפעראטיוון.

די דערגרייכונגען פון איבער דריי טויזנט יונגע פראדוציר־קאאפעראטיוון, וועלכע האבן שוין א סך בעסערע רעזולטאטן איידער ווי די אינדיווידועלע ווירטשאפטן, וועלן אויסשטראלן זייער ווירקונג אויף דעם ארבעטנדיקן דארף, צונייגנדיק די וויניק־ און מיטל־ערדיקע פויערים צו קאלעקטיווער ווירטשאפט, פארשטארקנדיק זייער קאמף מיט דעם קולאקנטום.

די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון — איז איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון אונדזער סאָציאַליסטישער בויונג. באָלעסלאַוו ביערוט, דער טרייער שילער פון סטאַלינען, שרייבט:

„מיר וועלן נישט באַוויזן גובר צו זיין די שוועריקייטן, וועלכע קומען אויף אין אונדזער פּלאַנירטער בויונג, אויב מיר וועלן טיף זיך נישט צואייגענען די ריכטליניעס פון דער לערע פון חבר סטאַלין וועגן דער נויטווענדיקייט פון דער ענגסטער פאַרבינדונג פון אונ־דזער לאַנדווירטשאַפט מיט דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע, וועגן דער נויטווענדיקייט צו ליקווידירן אויך אויפן דאָרף די עקס־פּלאָאַטאַציע. דער איינציקער וועג צו דעם ציל איז די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון...“

די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון און די פאַר־היינטצייטיקונג פון דער גאַנצער לאַנדווירטשאַפט פאָדערן פון זייער זייט — און וואָס ווייטער, וועלן זיי עס אַלץ מער פאָדערן — הילף מצד דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע. היינטצייטיקע מאַשינען, קינסטלעכע באַמיסטיקונג, לאַנדווירטשאַפטלעכער אינווענטאַר — אָט וואָס עס וועט זיין נויטיק דער לאַנדווירטשאַפט. כדי דאָס אַלץ קאָנען פּראָדוצירן, איז נויטיק קודם־כל פאַנאַנדערצובויען די שווער־אינדוסטריע, וועלכע וועט צושטעלן די נויטיקע איינריכ־טונגען פאַר אַנדערע צווייגן פון דער אינדוסטריע, פאַר דער אויס־ברייטערונג פון דער פּראָדוקציע פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשי־נען, אויטאָס, טראַקטאָרן, טעקסטיל־אויסאַרבעטונגען א. א. וו. באָ־לעסלאַוו ביערוט שטרייכט שטענדיק אונטער די שליסל־באַדייטונג פון דער אַנטוויקלונג פון דער שווער־אינדוסטריע פאַר דער אינדוסט־ריאַליזאַציע פון לאַנד, פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון די פּראָדוקציע־כוחות אין שטאָט און אויפן דאָרף, פאַר דער פאַרפעסטיקונג פון דער שוץ־פעיקייט פון אונדזער פאָטערלאַנד, פאַרן וווקס פון וווּל־שטאַנד און קולטור. מע טאָר נישט אָפּשוואַכן דעם טעמפּ פון אינ־דוסטריאַליזירונג, דעם טעמפּ פון בויען דעם בנין פון סאָציאַליסטישן פּוילן — האָט געשריבן ביערוט — „ביז מיר האָבן אים נישט אַנגע־לענט אויפן פעסטן פונדאַמענט פון הויכער אינדוסטריאַליזאַציע און היינטצייטיקער טעכניק אויף דעםווירטשאַפטלעכן געביט, ביז מיר האָבן אים נישט פאַרזיכערט מיט דעם אומבאַזיגבאַרן פאַנצער פון סאָציאַליסטישן באַוווסטזיין, פון קולטור און מאָראַליש־פּאָליטישער איינקייט פון גאַנצן פאָלק“.

* * *

צוויי יאָר פון זעקסיאָר־פּלאַן זענען שוין הינטער אונדז. די אַר־בעטנדיקע מאַסן האָבן געגעבן אַ סך באַווייזן פון זייער איבערגע־געבנקייט פאַר דער זאַך פון סאָציאַליסטישער בוּיונג, פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון דער פאָלקס־מלוכה.

אין טויזנטער פּשוטע, צוטריטלעכע ברייוו צו באָלעסלאַוו ביע־רוטן רימען זיך די אַרבעטער, פּויערים, אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ, יוגנטלעכע, פּרויען און מענער מיט אַלץ בעסערע רעזולטאַטן פון אַרבעטס־געווענט, מיט אַ וואַקסנדיקער פּראָדוקטיווקייט פון אַרבעט, מיט מער שפּאָרזאַמע אויסגאַבן פון רוישטאָפן, פון ברען־ און הילף־מאַטעריאַלן, מיט אַ גרעסערער קוואַנטיטעט און בעסערער קוואַלי־טעט פון דער פּראָדוקציע.

דער אַלגעמיינער וווּקס פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע אין יאָר 1950 האָט אויסגעמאַכט 30,8 פּראָצענט אין פאַרגלייך מיטן פריערדיקן יאָר, אין יאָר 1951 — 24 פּראָצ. די אויפגאַבן פון די ערשטע צוויי יאָר זענען געוואָרן אויסגעפירט מיט אַ גרויסן עודף. אויב אין די קומענדיקע יאָרן וועט דער פּלאַן אויך אויסגעפירט ווערן מיט דעם זעלבן עודף, דאַן וועט אונדזער זעקסיאָר־פּלאַן פאַר־ענדיקט ווערן מיט צען אָדער אַפילו מער חדשים פאַר דעם טערמין. ווי שטאַרק דאָס וועט פאַרפעסטיקן די כוחות פון פאָלקס־פּוילן און פון דעם גאַנצן לאַגער פון שלום, וואָס פאַר אַ שטאַרקע וואָרענונג דאָס וועט זיין פאַר די אימפּעריאַליסטישע מלחמה־אונטערצינדער, ווי דאָס וועט צואיילן די אַנטוויקלונג פון וווילשטאַנד, פון דער קול־טור, פון דער בילדונג!

„קיין שום זאַך קאָן נישט געבן מער פרייד — לייענען מיר אין דער פייערלעכער ניי־יאָר ווענדונג פון פּרעזידענט — ווי דאָס אויסוואָרצלען פון דער פּוילישער ערד די אַלטע ירושה פון אָרעמ־קייט און פינצטערניש, ווי דאָס בויען נייע שטעט און פאַרטן, נייע הוטעס און פאַבריקן, וועלכע זענען נישט קיין קוואַל פון רווחים פאַר אַ הייפל קאַפּיטאַליסטן, נאָר דאָס אייגנטום פון אַרבעטנדיקן פאָלק, די גאַראַנטיע פון זיין וואַקסנדיקן וווילשטאַנד.

צי וואַקסט נישט יעדן פון אונדז דאָס האַרץ אויף דעם אָנבליק פון צענדליקער און הונדערטער טויזנטער יוגנטלעכע, וואָס אַמאָל זענען זיי געווען פאַרמשפּט אויף האָפענונגסלאָזער וועגעטאַציע, און היינט פּילן זיי אוים די פאַבריקן פון מאַשינען און אויטאָס, אונדזערע

הוטעס און קוילנגרובן, אונדזערע וועבערייען און צעמענט-פאבריקן, פירן אונדזערע באנען און ווייט-ימיקע שיפן.

צי וואקסט נישט יעדן פון אונדז דאס הארץ אויפן אנבליק פון צענדליקער און הונדערטער טויזנטער פון אונדזער יוגנט, וועלכע איילן אין אונדזערע שולן, ליצעומס, פאליטעכניקומס און אוניווערסיטעטן, וואס זייערע טויערן זענען פאר זיי אמאל געווען פארשלאסן אויף דריי שלעסער.

דער באוווסטזיין דערפון גיט אונדז צו נייע כוחות אין אונדזער טאג-טעגלעכער ארבעט, דערמעגלעכט אונדז צו פארשטיין און איבערהאלטן די אומפארמיידלעכע, פארגענגלעכע שוועריקייטן, שוועריקייטן וועלכע זענען פארבונדן מיט דעם שנעלן און נויטווענדיק נישט גלייכמעסיקן וווקס פון אונדזער פאלקס-ווירטשאפט".

באלעסלאוו ביערוט נעמט זיך טיף איבער מיט די באדערפענישן פון קולטור, בילדונג און וויסן, וועלכע וואקסן צוזאמען מיט דער ווירטשאפטלעכער אנטוויקלונג. פון דער ערשטער מינוט פון אנטשטיין פון דער פאלקס-מאכט זארגט ער אומאויפהערלעך וועגן דער אנטוויקלונג פון די שולן, וויסנשאפטלעכע אנשטאלטן, ביבליאטעקן, לייענער, סטימולירט צו א קולטור-אפענסיווע, וועלכע זאל ארומנעמען וואס ברייטערע שיכטן פון דער באפעלקערונג. היינט איז דאס פאלקס-פוילן שוין אימשטאנד צו אנטוויקלען א באדייטנדיק ברייטערע טעטיקייט אויף דעם געביט, ברייטער באקענען די פאלקס-מאסן מיט דעם שיינעם פארמעגן פון פוילישן פאלק אין געביט פון קונסט, ליטעראטור, מוזיק און וויסנשאפט, ארומנעמען מיט זארג די שאפונגען פון די וויסנשאפטלער, שרייבער, ארטיסטן און מוזיקער, שאפונגען, וועלכע באזירן זיך אלץ מער אויף דער וויסנשאפטלעכער וועלט-אנשויונג פון מארקסיזם-לעניניזם.

אנטהילנדיק אין יאר 1950 אין ווארשע דעם דענקמאל פון גרויסן פאלקס-פאעט, אדאם מיצקעוויטש, דעם דענקמאל, וואס איז געווארן צעשטערט דורך די היטלערישע בארבארן און צוריק אויפגעשטעלט דורך דער פאלקס-מאכט — האט באלעסלאוו ביערוט געזאגט: „עס וואלט זיך געוואלט זאגן דעם גרויסן דיכטער: דיינע ביכער וואנדערן איבער די כאטעס. עס זענען פארווירקלעכט געווארן דיינע נביאותדיקע ווערטער..." עס זענען פארווירקלעכט געווארן א דאנק דער ריזיקער ארבעט, וועלכע עס פירט אדורך אויפן געביט פון פארשפרייטן קולטור די פאלקס-מאכט, וועלכע עס טוט פערזענלעך באלעסלאוו ביערוט. אין דער טאג-טעגלעכער טעטי-

באָלעסלאַוו ביערוט אין בעלוועדער ביי דער אַרבעט

קיינט העלפט ער ענערגיש אויספילן די אויפגאבן, וועלכע ער אליין האט אנגעצייכנט אין זיין רעדע אין צוזאמענהאנג מיט דעם דער־עפענען די ביבליאטעק אין דער פאבריק אויפן נאמען פון שווער־טשעשקין אין יאר 1950, אויפגאבן, וועלכע באשטייען אין דעם, אז וואס ברייטערע ארבעטנדיקע מאסן אין פוילן „זאלן ווערן בא־וואסטזיניקע מיטשעפער פונעם נייעם לעבן, פונעם לעבן, וואס זיין לאזונג איז היינט די פארשפרייטונג פון קולטור, דאס אייפהייבן זי אויף א העכערן ניוואָ און זי מאכן צוטריטלעך אלע מענטשן פון ארבעט".

די זארג וועגן דער געהעריקער דערציונג פון יונגן דור — דאס איז די הויפט-פליכט פון א פאלקס-רעגירונג. באלעסלאוו ביערוט מיט זיין הייס הארץ און ליכטיקן געדאנק רעגט כסדר אן די לערער און דערציער צו געפינען די פאסיקסטע וועגן צו פארפלאנצן צווישן דעם יונגן דור וויסן און ליבע צום פאטערלאנד, צו דערציען אים אין גייסט פון מסירת-נפשדיקער ארבעט פארן פאלק.

„אייער באַרוף — ווענדט זיך באלעסלאוו ביערוט צו די לערער אויף זייער צוזאמענפאר אין מערץ 1951 — איז קעמפן פארן שלום און זעקסיאר-פלאן, געשטאלטנדיק די נשמה פון דער יוגנט און אויסנוצנדיק דאס מעכטיקע געווער פון בילדונג און וויסן. אונטער דער פאן פון בילדונג און וויסן, פון פארשריט און סאציאליזם דער־ציט, פעסטיקט די מיליאניקע רייען פון דער פוילישער יוגנט. שאפט צוזאמען מיט דער יוגנט מעכטיקע מחנות פון קעמפער פאר שלום און גלייכצייטיק פון קעמפער פאר דער קולטור-רעוואלוציע, וואס זאלן גיין אין דער פאדערשטער ריי פון פאלק און געשטאלטיקן אונ־דזער פרעכטיקע און רייכע סאציאליסטישע קולטור, וועלכע איז דורכגעדרונגען מיט די איידלסטע עלעמענטן פון אונדזער גרויסע קול־טור-ירושה, נאר וועלכע וואקסט אויס אויף דער באזע פון א נייער, סאציאליסטישער עקאנאמיק".

די יוגנט — דאס איז דער שטאלץ און די צוקונפט פון פאלק. זי קארגט נישט קיין אנשטרענגונג פאר דעם פאנאנדערבלי פון פאטערלאנד און פאר דער פארטיידיקונג פון איר אומאפהענגיקייט קעגן די פרוון פון די אימפעריאליסטישע מלחמה-פארשפרייטער. מיט הייסער ליבע באשענקען זיי דעם פירער פון דער פאלקס-מלוכה, זייער דערציער און פריינד — באלעסלאוו ביערוט. פון זיין זייט נוצט אים ביערוט יעדע געלעגנהייט, כדי אויסצודריקן דער יוגנט זיינע הארציקע געפילן און דעם שטאלץ פון די פאלקס-מאסן צוליב

אירע דערגרייכונגען אין דער פרידלעכער ארבעט און אין קאמף אויסשולונג. „מיר זענען א פרידלעכע מלוכה — זאגט ביערוט צו די אבסאלוועגטן פון דער אפיצירן־שול פאר פיעכאטע — מיר וועלן אויף קיינעם נישט אנפאלן, אבער פארטיידיקן וועלן מיר ביז אין לעצטן אטעם־צוג אונדזער אומאפהענגיקייט, אונדזער סוווערעני־טעט, אונדזער רעכט צו אנטוויקלונג און צום אויפבוי פון א בעסער לעבן. איר, זעלנער, שטייט אין דער ערשטער ריי פון די פאלקס־מאסן, וואס קעמפן פאר דעם אויפבוי פון א נייער, בעסערער אר־דענונג, פאר שלום און סאציאליזם. דאס פאלק רינגלט ארום זיין פאלקס־מיליטער מיט אכטונג און ליבע. עס איז שטאלץ פון די רעזולטאטן פון אייער אויסשולונג.”

אין זיין בריוו צום קאנגרעס פון דער פוילישער וויסנשאפט, וועלכער איז פארגעקומען אין יולי 1951 אין ווארשע, איבערשיקנ־דיק א הייסן גרוס דעם „סיים פון פוילישע געלערנטע, די יורשים פון די פילדורותדיקע דערגרייכונגען פון פוילישן פארשערישן גע־דאנק”, האט באלעסלאוו ביערוט אנגעוויזן דעם וועג, אויף וועלכן עס דארף איצט גיין די פוילישע וויסנשאפט. דער זעקסיאר־פלאן שאפט דאך פאר די וויסנשאפטלעכע ארבעטער ריזיקע מעגלעכ־קייטן פון וויסנשאפטלעכע פארשונגען און שעפערישער ארבעט פאר דעם פוילישן פאלק.

„די גרונט־אויפגאבע פון דער וויסנשאפט אין דער דאזיקער געשיכטלעכער איבערברוך־צייט — האט געשריבן אין זיין בריוו באלעסלאוו ביערוט — איז איינשליסן זיך נאך שטארקער, טיפער, אלזייטיקער ווי ביז איצט אין דער דאזיקער שעפערישער אנשטרענ־גונג פון פאלק, וועלכע דארף דעצידירן וועגן דער באדייטונג פון פוילן אין דער וועלט. בלויז פון אייך איז עס אפהענגיק, אז איר זאלט אין די באדינגונגען פון דער נייער ארדענונג דערזען די פרוכט פון אייער ארבעט, אז איר זאלט זען, ווי זי ווירקט־מיט צו דער שנעלער אנטוויקלונג פון אונדזער אינדוסטרי און לאנדווירטשאפט, פון אונדזער עקאנאמיק און קולטור, ווי אייער שעפערישער געדאנק העלפט ליקווידירן אונדזער אפגעשטאנענקייט, ווי זי מאכט די מענטשלעכע ארבעט אלץ פראדוקטיווער, ווי זי באגרייכערט און איידלט אויס דאס לעבן פון מענטש”.

דער וועג פון דער פוילישער וויסנשאפט — דאס איז פארשריט, דאס איז האלטן טראט מיט דער אנטוויקלונג פון לאנד און דורכלייגן א וועג פאר זיין ווייטערדיקער אנטוויקלונג. די געשיכטע לערנט,

אַז אַ פֿאָלק, וואָס וויל בלייבן פֿריי און אומאָפּהענגיק, קאָן נישט בלייבן פֿאַרגליווערט, צוריקגעשטאַנען, קאָן נישט בלייבן פֿון הינטן.

„אָפּשוואַכן דעם טעמפּ — לערנט סטאַלין — הייסט בלייבן פֿון הינטן. און די, וואָס בלייבן פֿון הינטן, ווערן געשלאָגן. נאָר מיר ווילן נישט ווערן געשלאָגן. ניין, מיר ווילן נישט! די געשיכטע פֿון אַמאָליקן רוסלאַנד האָט צווישן אַנדערן זיך געלאָזט דערפֿירן דערצו, אַז מען האָט עס אומאויפֿהערלעך געשלאָגן פֿאַר צוריקגעשטאַנענ־קייט... אַזוי איז שוין דאָס געזעץ פֿון די עקספּלאָאַטאַטאָרן — שלאָגן די צוריקגעשטאַנענע און שוואַכע. דאָס וואָלפֿישע געזעץ פֿון קאַפּיטאַליזם... אָט פֿאַרוואָס מיר טאָרן שוין נישט מער בלייבן פֿון הינטן".

באָלעסלאַוו ביערוט האָט מיט אַ פֿולער באַגרינדונג אָנגעווענדט די דאָזיקע סטאַלינישע לערע צו דער אַנטוויקלונג פֿון אונדזער לאַנד. אין יאַנואַר 1952 האָט ער געשריבן:

„פּוילן איז אויך געוואָרן געשלאָגן פֿאַר צוריקגעשטאַנענקייט. געוואָרן געשלאָגן אין משך פֿון כמעט צווייהונדערט יאָר דורך שכ־נישע פֿאַרכאַפּערישע לענדער: עסטרייך, דייטשלאַנד און דאָס צאַ־רישע רוסלאַנד, געוואָרן געשלאָגן דורך די אימפּעריאַליסטן, וועלכע האָבן עס פֿאַרוואַנדלט כמעט אין זייערע אַ האַלב־קאָלאָניע אין דער צווישן־מלחמה־צייט, אין דער צייט פֿון פֿאַרמעלער, און אין דער ווירקלעכקייט בלויז שיינבאַרער אומאָפּהענגיקייט אונטער דער הער־שאַפֿט פֿון די סאַנאַציע־פֿאַשיסטן, געוואָרן שרעקלעך געשלאָגן און פֿאַקטיש באַשטימט אויף אומקום אין דער צייט פֿון דער באַרבאַרי־שער היטלער־אָקופּאַציע. אָבער דער פּוילישער אַרבעטער־קלאַס, דעראָבערנדיק די מאַכט און פֿאַרשטאַרקנדיק אונדזער פֿאָלקס־דע־מאָקראַטישע מלוכה — האָט געזאָגט פֿעסט און ענדגילטיק: מיר ווילן נישט מער זיין געשלאָגן!..."

אונטער דער דערפֿאַרענער אָנפֿירונג פֿון דער פּאַרטיי, פֿון דער פֿאָלק־מאַכט, פֿון באָלעסלאַוו ביערוט — האָט דאָס פּוילישע פֿאָלק, פֿאַראייניקט דורך אַ בונד מיטן ראַטנפֿאַרבאַנד, אין דער פֿולער מאָס אויסגענוצט די יאָרן פֿון אומאָפּהענגיקייט פֿאַר זיין וווּקס און אַל־זייטיקער אַנטוויקלונג.

„זיבן יאָר זענען מיר געגאַנגען טריי מיט דעם וועג, וועלכער איז געוואָרן אָנגעצייכנט דורך דעם היסטאָרישן יולי־מאַניפֿעסט.

אין משך פֿון די זיבן יאָר האָט זיך שעפֿעריש געענדערט דאָס פּוילישע פֿאָלק.

פון אַ געזעלשאַפֿט אין וועלכער עס האָבן געהערשט די פּריצים און קאַפּיטאַליסטן, פון וועלכער אומצאָליקע פּיאָווקעס פון אינ־טערנאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל האָבן געזויגן דאָס בלוט און אַלע לעבע־דיקע כּוחות.

אין וועלכער דער פּויער האָט נישט געהאַט קיין ערד, דער אַרבעטער האָט נישט געהאַט קיין אַרבעט, און דער אַרבעטנדיקער אינטעליגענט האָט נישט געפֿונען קיין מעגלעכקייט אויסצונוצן זיינע קוואַליפֿיקאַציעס.

אין וועלכער מען האָט אומגעבראַכט די שעפֿערישע כּוחות און טאַלאַנטן פֿון אונדזער פֿאָלק.

אין וועלכער די ראָס פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן איז געווען געוואַלד, און די פֿאַרשריפֿט — די פּאָליציייִשע פֿאָלקע און פּאַשיזם.

פון אַ געזעלשאַפֿט, וועלכע איז אַראָפּגעשטויסן געוואָרן אין אָפּגרונט פֿון דער סעפּטעמבער־מפּלה — האָט דאָס פּוילישע פֿאָלק זיך אויפגעהויבן, אויסגעוואַקסן און געענדערט זיך, פֿאַרמערנדיק אומפֿאַרגלייכלעך זיינע כּוחות און פֿאַרזיכערנדיק אויף דעם בעסטן אופֿן די באַדינגונגען פֿון דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

מיר זענען היינט אַ געזעלשאַפֿט, אין וועלכער יעדער טאָג לעבן באַדייט אַ צופֿלוס פֿון מאַטעריעלע און שעפֿערישע כּוחות. מיר זענען אַ פֿריי פֿאָלק, וואָס אונטערליגט בלויז זיך אַליין און די אייגענע דורך זיך געשאַפֿענע געזעצן און שטרעבונגען."

אָט איז דער בילאַנס פֿון די עפּאָכע־מאַכנדיקע ענדערונגען, וואָס זענען פֿאָרגעקומען אין פּוילן אין די יאָרן פֿון דער פֿאָלקס־הערשאַפֿט, וועלכן באָלעסלאַוו ביערוט האָט אָנגעצייכנט נאָך אין יולי 1951.

די נייע קאָנסטיטוציע פֿון דער פּוילישער פֿאָלקס־רעפּובליק, וואָס איר פּראָיעקט איז איבערגעגעבן געוואָרן צו דער באַהאַנד־לונג פֿון גאַנצן פֿאָלק, וועט גרונטפֿעסטיקן די דאָזיקע ענדערונגען, וועט זי אָפּהיטן פֿאַר אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים, וועט פֿאַרטיידיקן די דערגרייכונגען פֿון אַרבעטנדיקן פֿאָלק און פֿאַרזי־כערן זיין מאַכט, פֿרייהייט און רעכט, וועלכע עס האָט דערגרייכט אין רעזולטאַט פֿון לאַנגע יאָרצענדליקער פֿון קאַמף. דאָס זענען די רעכט צו אַרבעט, צו בילדונג, צו אָפּרו, די רעכט צו געניסן פֿון די קולטור־דערגרייכונגען, צו געזונט־פֿאַרהיטונג און הילף אין פֿאַל פֿון אַ קראַנקהייט אָדער פֿון אומפֿעיִקייט צו אַרבעט. די נייע קאָנסטי־טוציע וועט פֿעסטשטעלן גלייכצייטיק די פֿליכטן פֿון די בירגער, ווי

דאָס אָפּהיטן די געזעצן, דאָס פֿאַרפֿעסטיקן און אָפּהיטן געזעלשאַפֿט־לעך אייגנטום, זיין וואַכזאַם לגבי די שונאים, האַלטן בסוד מלוכה־געהיימנישן, נישט ברעכן די אַרבעטס־דיסציפּלין. די אַרבעט — זאָגט זיך אין דער קאָנסטיטוציע — איז די רעכט, די פֿליכט און די זאַך פֿון כבוד פֿון יעדן בירגער.

דאָס פֿאָלק שטייט אַנטשלאָסן אויף דער וואַך פֿון זיין מאַכט, פֿון זיין פֿריי פֿאָטערלאַנד, וואָס בויט די פֿונדאַמענטן פֿון סאָציאַ־ליזם. די קאָנסטיטוציע זאָגט: די פֿאַרטיידיקונג פֿון פֿאָטערלאַנד איז דער הייליקסטער חוב פֿון יעדן בירגער, און דאָס דינען אין מיליטער א בכבודיקע פּאַטריאָטישע פֿליכט.

די נייע קאָנסטיטוציע — איז אַ גרויסע קאַרטע פֿון דערגריי־כונגען פֿון אַרבעטנדיקן פֿאָלק, וואָס האָט געזיגט אין דעם קאַמף פֿאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפֿרייונג, אין קאַמף פֿאַר מאַכט און סאָציאַליזם.

די נייע קאָנסטיטוציע — דאָס איז דאָס געווער פֿון פֿאָלק אין ווייטערדיקן קאַמף פֿאַר באַגרענעצן, אַרויסשטויסן און ליקווידירן די געזעלשאַפֿטלעכע קלאַסן, וועלכע לעבן פֿון עקספּלאָאַטירן די אַרבעטער און פּויערים. זי רינגלט אַרום מיט אויפֿזיכט די אינדיווי־דועלע ערד־ווירטשאַפֿטן פֿון די אַרבעטנדיקע פּויערים און טיילט זיי צו הילף, כדי אָפּצוהיטן זיי פֿון דער עקספּלאָאַטאַציע פֿון קולאַק, פֿאַרגרעסערן זייער פּראָדוקציע, העכערן זייער לאַנדווירטשאַפֿט־לעך־טעכנישן ניוואָ ווי אויך אויפֿהייבן זייער וווילשטאַנד. די נייע קאָנסטיטוציע — שרייבט באָלעסלאַוו ביערוט — „איז אַ וויכטי־קער געזעלשאַפֿטלעכער אַקט, וועלכער וועט נאָך מער פֿאַרשטאַרקן און אַנטוויקלען די שעפֿערישע אַקטיוויטעט פֿון די מאַסן און ווערן די פֿאָן און דאָס געווער אין זייער ווייטערדיקן קאַמף פֿאַרן שלום און זעקסיאָר־פּלאַן, אין קאַמף פֿאַרן זיג פֿון סאָציאַליזם".

* * *

אַ סך חדשים האָט אונטער דעם פֿאָרזיץ פֿון באָלעסלאַוו ביע־רוט געאַרבעט די קאָנסטיטוציע־קאָמיסיע פֿון געזעצגעבערישן סיים איבער דעם פּראָיעקט פֿון דער נייער קאָנסטיטוציע. אין די דאָזיקע אַרבעטן האָבן גענומען אָנטייל די אָנגעזעענסטע טוער פֿון דער פּאַרטיי, פֿון דער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג, פֿון געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס. באָלעסלאַוו ביערוט גיט ווערטפֿולע אָנווייזונגען

און פאַרשלאָגן, ווי אַזוי קלאָרער, דײַטלעכער און בולטער אַרײַנצונע־מען דעם רײַכן אינהאַלט אין בינדיקע פּונקטן פון גרונטיקן געזעץ פון דער פאָלקס־מלוכה.

די נײַע קאָנסטיטוציע דאַרף זײַן פאַרזען מיט אַן אײַנלייטונג. אין עטלעכע זאַצן דאַרף זײַן אַנטהאַלטן די דערפאַרונג פון יאָרהונ־דערטער, דאַרף ווערן געוויזן דער היסטאָרישער וועג פון קאַמפן און זיגן פון פּוילישן פאָלק, זײַן ענדגילטיקער זיג.

...ס'איז שוין שפּעט אין נאַכט. אויף אַ סך וואַרשעווער בויונ־גען, אויף די אומצאָליקע פאַבריקן פון לאַנד אַרבעט די נאַכט־שיכטע פון הונדערטער טויזנטער פּשוטע מענטשן, וועלכע שאַפן מיט זייע־רע הענט דאָס גליק פון פאָלק. עס האָט נאָך נישט אָפּגערוט נאָך דער אַרבעט דער באַלעבאָס פון לאַנד, דער בויער פון פאָלקס־פּוילן, דער בויער פון פּוילנס שטאָלצער הויפּטשטאָט.

עס זענען באַלויכטן די פענצטער פון בעלוועדער. דאָ אַרבעט באָלעסלאַוו ביערוט. דאָ אָפט אין דער אַרומרינגלונג פון פּאָליט־ביוראָ פון צ. ק. פון פּזפּר — יאַקוב בערמאַן, עדוואַרד אָכאַב, אַלעק־סאַנדער זאַוואַדזקי, ראָמאַן זאַמבראָווסקי, פראַנצישעק יוזשוויאַק, הילאַרי בעלכאָווסקי, פראַנצישעק מאַזור, סטעפאַן מאַטושעווסקי, הילאַרי מינץ, זענאָן נאָוואַק, יוזעף ציראַנקעוויטש, קאָנסטאַנטי ראָקאָסאָווסקי, סטאַניסלאַוו ראַדקיעוויטש, אַדאַם ראַפּאַצקי — נעמט ער האַרציק אויף די אַרבעטס־שלאָגלער פון פאַבריק און דאָרף, די אָנפירנדיקע פאַרשטייער פון דער וויסנשאַפט און קולטור, לערער, יוגנט, אַרבעטנדיקע פרויען, שול־קינדער. דאָ קומען פאַר וויכטיקע מלוכה־זיצונגען. אָבער הײַנט זענען די טאָג־טעגלעכע ענינים שוין פאַרענדיקט. באָלעסלאַוו ביערוט זיצט אָנגעבויגן איבער דער ביוראָ. אויפן פּאַפּיר קומען אויף געשריבן מיט אַ דראָבנער, דײַטלעכער שריפט די זאַצן פון דער אײַנלייטונג צו דער נײַער קאָנסטיטוציע, זאַצן דורכגעדרונגענע מיט דער דערפאַרונג פון פאָלק, מיט דער דערפאַרונג פון אייגענעם לעבן.

...,,דאָס פּוילישע אַרבעטנדיקע פאָלק אונטער דער אָנפירונג פון העלדישן אַרבעטער־קלאַס, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף דעם בונד צווישן אַרבעטער און פּויער, האָט צענדליקער יאָרן געקעמפט פאַרן באַ־פרייען זיך פון דער נאַציאָנאַלער פאַרקנעכטשאַפט, וועלכע איז אָנ־געוואָרפן געוואָרן דורך די פּרייסישע, עסטרייכישע און רוסישע פאַרכאַפּער־קאָלאָניזאַטאָרן, פּונקט ווי ער האָט געקעמפט קעגן דער עקספּלאָאַטאַציע פון די פּוילישע קאַפּיטאַליסטן און פּריצים.

אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע האָט דאָס פּוילישע פאָלק געפירט אַן עקשנותדיקן העלדישן קאַמף מיט דעם בלוטיקן היטלערישן אָנפאַל. דער היסטאָרישער זיג פון דעם פאַרבאַנד פון סאָציאַליסטישע ראַטן־רעפּובליקן איבער דעם פאַשיזם האָט באַפרייט די פּוילישע ערד, דערמעגלעכט געמאַכט דעם פּוילישן אַרבעטנדיקן פאָלק איבערצונעמען די מאַכט און געשאַפן באַדינגונגען פאַר דעם נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט פון פּוילן אין נייע, גערעכטע גרענעצן. אויף אייביקע צייטן האָבן צוריקגעקערט צו פּוילן די מערבדיקע געביטן.

פאַרקערפּערנדיק אין לעבן די באַרימטע אָנווייזונגען פון מאַניפעסט פון 22 יולי 1944 און אַנטוויקלענדיק זיינע פּראָגראַם־הנחות, האָט די פאָלקס־מאַכט — אַ דאַנק די מסירת־נפשדיקע שעפערישע אָנשטרענגונגען פון פּוילישן אַרבעטנדיקן פאָלק אין קאַמף מיט דעם פאַרביסענעם ווידערשטאַנד פון די רעשטלעך פון אַלטן פּריציש־קאַפּיטאַליסטישן סדר — דורכגעפירט גרויסע געזעלשאַפטלעכע ענדערונגען. אין רעזולטאַט פון די רעוואָלוציאָנערע קאַמפן און ענדערונגען איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן די מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטן און פּריצים, ס'האָט זיך פאַרפעסטיקט די פאָלקס־דעמאָקראַטישע מלוכה, עס פאָרמירט זיך און פעסטיקט זיך די נייע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, וועלכע אַנטשפּרעכט די אינטערעסן און שטרעבונגען פון די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן..."

עס גייען פאַרביי שעהן. אַ גרויער פרימאָרגן הייבט אָן פאַמעלעך צו באַלייכטן דעם בעלוועדער, וואַרשע, דאָס גאַנצע פּוילישע לאַנד פון באַלטיק ביז די טאַטרען. עס קומט אויף אַ נייער טאָג פון פרידלעכער אַנטוויקלונג פון פאָלק אין נאָמען פון אַ גליקלעכן מאָרגן, אַ נייער אַרבעטס־טאָג פון באַלעבאַטים, פרייע בויער פון פרייען, אומאָפּהענגיקן, סאָציאַליסטישן פּוילן.